STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01741

OYF DI PLEYNEN FUN AFRIKE

Wolf Rybko

Permanent preservation of this book was made possible
by Virginia O. Boochever
in honor of
Louis C. Boochever, great nephew of Joseph Bovshover

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלף ריבקין

אויף די פּליינען פון אפריקע

בילדער און דערציילונגען

בערבות אפריקה

דמויות ומסות

ייִדיש — — — — — — — זײַט 5

עברית — — — — — — עמוד 185

OIF DI PLEINEN FUN AFRIKE

(On the plains of Africa)

— SHORT STORIES AND ESSAYS —

BY

WOLF RYBKO

PUBLISHED BY THE

"W. RYBKO PUBLICATION FUND"

יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע

תשכ״א. 1961.

Printed by Pacific Press (Pty.) Ltd., 302 Fox Street
Johannesburg South Africa

וואָלף ריבקאָ

1955—1896

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורך דעם וואָלף ריבקאָ־קאָמיטעט אין יאָהאַנעסבורג: אליהו מעני (מאַנעלעוויטש) — פאָרזיצער; ראָזע מאַלק־הירש; יהודית ציכאָק־בלום — סעקרעטאַרינס. מיטגלידער: אסתר גוטעלעווסקי־באַראַן, מיכאל בן־משה, זיסלע פּופּיסקי־טאַוב, ראובן שאַליט, מיכאל שור, י. מ. שערמאַן, יודל שרירא.

אינהאַלט

זייט

פאַרוואָרט — מ. שור — 7

וועגן מיין פאָטער — צפּורה ריבקאָ־קאַץ — 9

געחלומט וועגן פאַזיעמקעס — חיים גערשאָטער — 12

אויף יענער זייט זאַמבעזי

1. ביי די גרענעצן פון באַראָטסע־לאַנד — 16

2. טשיבימבאַ — 18

3. נאַכט אין דער ווילדערניש — 20

4. אַוועק פון מענטשן — 22

אין לאַנד פון „אופיר" — 25

אין גן־עדן התחתון — 29

דער „קאָנצעסניק" — 33

דער פּיאָנער — 37

אַ מענטשנס גורל — 42

מדזשאַנדזשאַ — 47

אויפן גרענעץ פון קאַלאַהאַרי — 51

דער גאַסן־פאָטאָגראַפירער — 57

זיין צוואה — 61

„גענערעלער" — 65

געקומען צוריק — 69

דער לאַמעדוואָוניק — 73

זלמן גיידער — 77

פאַרזעסן... — 81

אַ סך מלאכות — 85

מיסטער גאַרדינער — 88

פון אַ לעקטאָר — אַ קאַלעקטאָר — 93

דער ארץ־ישראל־ייד — 96

זיין איינציקע דאגה — 99

זייט

דער שמש — — — — — — — — — — — — 102
דער „בעל־צדקה" — — — — — — — — — — — 105
דער ספּיריטואַליסט — — — — — — — — — — 109
דער „רעווערענד" — — — — — — — — — — — 113
דער בר־מצווה־מלמד — — — — — — — — — — 117
בלויז צוועלף... — — — — — — — — — — — 120
די טראַגעדיע פון אַ בעל־תפילה — — — — — — — — 125
באַרג אַראָפּ — — — — — — — — — — — 131
דער „גייסטיקער מנהיג" — — — — — — — — — — 134
אָן אַ דאַך — — — — — — — — — — — — 137
פאַרוואָס וויינט די מאַמע? — — — — — — — — — 141
פנימער און „פנימער" — — — — — — — — — — 144
דאָס לעצטע דוכנען — — — — — — — — — — 149
מען דאַוונט מעריב... — — — — — — — — — — 153
דריי דורות — — — — — — — — — — — — 157
איבעריק... — — — — — — — — — — — — 161
אָפּגעזונדערט און איינזאַם — — — — — — — — — 164
צייט־מאַטיוון — — — — — — — — — — — — 167
ר׳ ישראל בעל שם טוב — — — — — — — — — — 173
שמואל דוד לוצאַטאָ — — — — — — — — — — 180

פאָרוואָרט

פון דער קולטור־רייכער, געזעלשאַפטלעך־שפּרודלדיקער ווילנע איז וואָלף ריבקאָ געקומען קיין דרום־אפריקע אין 1927.

דאָרטן, אין ירושלים דליטא, איז ער געווען א דערפאָלגרייכער לערער אין די נאָרמאַלע יידישע און העברעאישע שולן; דאָרטן, אין דער פרייער צייט, פלעגט ער פאַרברענגען שעה׳ען אין דער שטראַשון־ביבליאָטעק, אין ביבליאָ־טעק פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און מיט דורשט האָט ער שטודירט, באַרייכערט, אויסגעברייטערט און פאַרטיפט זיינע קענטעניש, זיין ערודיציע; דאָרטן איז ער אויך געווען געזעלשאַפטלעך אקטיוו.

שווער איז אים געווען זיך אריינצופּאַסן אין דרום־אפריקאַנער יידישן לעבן, ווו אלץ איז געווען אנדערש — אַן אנדער שטייגער, אַן אנדער קוק אויף יידי־שער דערציאונג און בילדונג, גאָר אַן אנדערע באַציאונג צו א יידישן אינטעלי־גענט. די אויבערפלאַכלעכע אסימילאַציע, די צביעות, דאָס שטופּן זיך מיט אַלע מיטלען און וועגן אַלץ העכער אויפן סאָציאַלן לייטער, דאָס יאָגן זיך נאָכן „גאָלדענעם קאַלב" — דאָס אַלץ איז געווען דערווידער זיין איידל־פילנדיקער נשמה. ער איז פאַרבליבן אַן איינזאַמער, און נאָר ביים בוך און שרייב־טיש האָט ער געזוכט זיין באַפרידיקונג.

אַ צופאַל האָט אים צוגעשפּילט, אז גלייך נאָך זיין אָנקומען אין דרום־אפריקע (און שפּעטער — נאָך צוויי מאָל) האָט ער געהאַט א געלעגנהייט ארומ־צופאָרן איבערן לאַנד, אין דער לענג און אין דער ברייט, ביז דער וויטער קאָנגאָ. די נייע אויסטערלישע לאַנדשאַפטן, די באַגעגענישן מיט מענטשן, — אויך אָפט אויסטערלישע און פאַרקריפּלטע, וואָס דער גורל האָט זיי פאַרשלעפּט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, אָדער וואָס האָבן ניט פאַרמאָגט דעם כוח זיך קעגנצושטעלן די שווערע נסיונות אין לאַנד פון אימיגראַציע און זיינען גע־שטרויכלט געוואָרן — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף ריבקאָן. עס האָט זיך ביי אים געשאַפן אַ דראַנג צו פאַרצייכענען דאָס, וואָס ער האָט געזען און געהערט. און ער האָט דאָס געטאָן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. אפילו שוין זייענדיק צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט, האָט ער ניט ארויסגעלאָזט פון האַנט זיין נאָטיץ־ביכל און פעדער.

וואָלף ריבקאָ איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזער אַלטער און מאָ־דערנער קולטור — הן אין דער העברעאישער והן אין דער יידישער. דאָס ווערטפולע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אונדזערעביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, איז אים געווען גלייך טייער און נאָענט. און ער אליין האָט געשריבן אין יידיש און העברעאיש. א סך פון זיינע בילדער, דערציילונגען און עסייען זיינען גע־דרוקט געוואָרן אין די היגע צייטונגען און צייטשריפטן — „אפריקאַנער אידי־

שע צייטונג״, „פּאַרויס״, „דרום־אפריקע״, „בנגב״, „ברקאי״ און אויך אין אויסלענדישע צייטונגען („פּאָרווערטס״ א.א.). ניט ווייניק זיינען פאַרבליבן אין כתב־יד. אַן אָפּקלייב פון זיינע שאַפונגען ווערט פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך — אין יידיש און העברעאיש.

אין די סקיצן און פאַרצייכענונגען גיט זיך אָפּ וואָלף ריבקאַ מיטן יחיד, באַזונדערס — מיטן ליידנדיקן יחיד. עס זיינען אויך פאַראַן זייער שיינע, קינסטלערישע באַשרייבונגען פון דער נאַטור, ווי למשל, „ביי די גרענעצן פון באַראַטסע־לאַנד״. אָבער דאָס רוב ווערן געשילדערט די איבערלעבונגען און די סיטואַציעס, אָפט פאַרפּלאָנטערטע, וועלכע דאָס לעבן שאַפט פאַרן מענטשן, פאַרן יחיד. דער יידישער אינטעליגענט ליידט באַזונדערס שטאַרק אין דעם נייעם לאַנד. ער ווערט אָפט „פון אַ לעקטאָר — אַ קאָלעקטאָר״, אָדער „דער בר־מצווה־מלמד״.

וו. ריבקאַ איז געווען אליין א טיף־רעליגיעזער מענטש. ער איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער ייד. ער האָט ליב געהאַט צו קומען אין בית־מדרש. עס האָט אים געווייטאָגט „דאָס לעצטע דוכנען״. אין „מען דאַוונט מעריב״, אין „דריי דורות״ באַדויערט ער, וואָס מיר בלייבן אָן יורשים.

ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די צביעות און גייסטיקע אויסגעליידיקט־קייט, וואָס האָבן זיך אריינגעריסן אין די רייען פון דעם טייל „כלי־קודש״, וואָס ווערט באַשריבן אין „דער גייסטיקער מנהיג״. אָבער אין דערזעלבער צייט לעבט ער איבער „די טראַגעדיע פון אַ בעל־תפילה״, די לאַגע פון „רעוור־רענד״, וואָס ליידט פון די עם־הארצות און גראָבקייט פון די גבאים.

די תקיפות און די הארצלאָזיקייט פון די רעדל־פירערס שטויסן אפילו אָפּ דעם יחיד פון דער יידישער קהילה, ווי ער שילדערט אין דער דערציילונג „דער ספּיריטואַליסט״.

דאָס רוב דערציילונגען האָט וו. ריבקאַ באַזירט אויף אויטענטישע פאַקטן, אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסן בעת זיינע נסיעות. אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון לאַנד האָט ער געפונען ניט ווייניק פאַלן פון געמישטע חתונות. ווי אין אלע דערציילונגען, אזוי אויך אין די דערציילונגען פון דעם מין („געקו־מען צוריק״, „זלמן גיידער״, „לאַמעדוואָוניק״) פילט זיך די טיפע פאַרשטענדע־ניש, דאָס מיטגעפיל, דער הומאַניטאַרער צוגאַנג.

דער סטיל אין וו. ריבקאַס דערציילונגען איז א פשוטער, די שפּראַך — אַ קלאָרע, א פאָלקסטימלעכע, ווי פשוט און פאָלקסטימלעך דער מחבר אליין איז געווען.

* * *

דאָס בוך ווערט ארויסגעגעבן דורך דער משפחה, תלמידים, חברים און פריינד, וואָס האָבן תמיד מיט יראת הכבוד זיך באַצויגן צו וו. ריבקאַן, און פאַר וועמען זיין אָנדענק וועט שטענדיק בלייבן ליב און טייער.

מ. שור.

וועגן מיין פאָטער

פון צפורה ריבקאַ־קאַץ

מיין פאָטער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1896, אין טשערוואָני־בור — אַ שטעטל לעבן לאָמזשע, פוילן.

זיין טאַטע איז געווען א שוחט און אַן אָנגעזעענער ייד.

זיין מוטער איז געשטאָרבן, ווען ער איז קוים 9 יאָר אַלט געווען; ער איז געווען דער עלטסטער פון די 4 יתומים.

ווען זיין טאַטע האָט חופה־געהאַט, האָט מיין פאָטער געמוזט פארלאָזן זיין היים צוליב דער שטיף־מאַמען. איז ער אוועק קיין טעלז, און דאָרט געלערנט אין דער ישיבה במשך פון אַ סך יאָרן. אַלס ישיבה־בחור — האָט ער אונדז א סך מאָל דערציילט — פלעגט ער צוגרייטן דעם שיעור מיט יינגערע ישיבה־לייט צו פאַרדינען גראָשנס, כדי צו דערהאַלטן די נשמה.

צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1918—1914) איז ער אָנגעקומען קיין ווילנע. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט און איז געוואָרן א לערער פון העברעאיש און פון יידישער געשיכטע אין 4 אָרטיקע מיטל־שולן.

זיין טרוים איז שוין דאַן געווען צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. צו זיין באַדויערן האָט ער דאָס ניט געקענט פאַרווירקלעכן אין יענער צייט.

האָבן באַקאַנטע פון דרום־אפריקע אים געשריבן, אז זיי וואָלטן אים געהאָלפן אריבערקומען אַהער; און אין יאָר 1927 האָט ער זיך אוועקגעלאָזט קיין דרום־אפריקע. אין צוויי יאָר ארום האָט ער אריבערגעבראַכט אויך אונדז — מיין מוטער, מיין איינציקע שוועסטער ריוועלע און מיך.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן אין דרום־אפריקע איז ער ארומגעפאָרן אַלס פראָפאַגאַנדיסט אין שליחות פון דער דרום־אפריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע. שפּעטער איז ער געוואָרן דער פארוואַלטער פון דער העברעאישער אָפּטיילונג פון דער מלוכה־שול אין אוידטסהאָרן. ווען ער האָט פאַרלאָזן אוידטסהאָרן, איז ער אין יאָר 1929 באשטימט געוואָרן פארן אינספעקטאָר איבער די חדרים און תלמוד־תורה׳ס אין דער פראָווינץ לויטן אויפטראַג פון דרום אפריקאַנער ועד החינוך. אין אַ יאָר ארום האָט ער דאָס אָפּגעגעבן, ווייל ער האָט ניט געוועלט זיין ווייט פון זיין פרוי און קינדער.

איז ער געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון דער תלמוד־תורה אין דזשעפּי (אַ געגנט אין יאָהאַנעסבורג). מיט 4 יאָר שפּעטער האָט ער פאַרלאָזן דעם פּאָסטן און איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון ר׳ משה׳לס תלמוד־תורה אין יאָהאַנעסבורג.

אָט־די אַלע חדרים געהערן צום דרום־אפריקאַנער ועד החינוך, מיט וועלכן מיין פאָטער איז געווען פאַרבונדן ביזן סוף פון זיין לעבן — דעצעמבער 1955.

* * *

ווען איך דערמאָן זיך מיינע קינדער־יאָרן, זע איך אים ווי אַ ליבן פריינד, אַ פאָטער און אַ לערער.

ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט שטודירן, שרייבן ארטיקלען, געבן לעקציעס און האלטן רעפעראַטן. דאָך האָט ער תמיד געפונען צייט צו העלפן באַקאַנטע אין זייער נויט.

ער איז פאַרבליבן אין מיין זכרון ניט נאָר ווי אַ פאָטער, נאָר ווי אַ פריינד, וואָס פלעגט זיך שפילן מיט מיר, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד. ער פלעגט אזוי שיין דערציילן און דראַמאַטיזירן מעשהלעך, אז זיי פלעגן קלינגען, וויווירקלעכע געשעענישן.

ווען איך בין עלטער געוואָרן, פלעגט ער גיין מיט מיר אויף לאַנגע שפאַצירן און ער פלעגט אָפט מיטנעמען מיך אויף פאַרשיידענע צוזאַמענקומען און פאַרזאַמלונגען.

ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט מיינע יוגנטלעכע פּראָבלעמען, און ער פלעגט מיר העלפן צו באַטראַכטן, ווי אזוי צו לייזן זיי.

מיין פאָטער האָט אָפּגעגעבן אַ סך, אַ סך שעה'ען אויף לערנען מיט מיר העברעאיש. דאָס איז געווען פאַר אים אַ היפשע אָנשטרענגונג, מחמת איך פלעג מיסברויכן דערמיט, וואָס איך בין זיין איינציק קינד; פלעג איך אָפטמאָל פּרווון ארויסדרייען זיך פון לערנען. אמאָל פלעגט זיך דאָס מיר איינגעבן. נאָר דאָס רוב האָט ער אויסגעפירט.

אונדזער היים־שפּראַך איז שטענדיק געווען יידיש. דערפאַר האָב איך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו ריידן העברעאיש. אָבער פאַרשטאַנען האָב איך כמעט אַלץ אין העברעאיש, אויף אזויפיל, אז איך פלעג קענען ארויסהעלפן אים אין חדר, ווען זיינע באַהעלפערס פלעגן אמאָל ניט קומען.

מיין פאָטערס גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו זיצן אין דער שטיל אין עס־צימער און קאָנצענטרירן זיך אויף שרייבן ארטיקלען אָדער דערציילונגען אין יידיש, העברעאיש און ענגליש. ער פלעגט זיין שטאַרק איבערגענומען און פלעגט ממש אָנקוועלן, ווען זיינע אַן ארבעט פלעגט ווערן אָפּגעדרוקט. ווי אַ קינד, וואָס איז שטאַרק איבערגענומען מיט א נייעם שפּילצייג, פלעגט ער מיט הנאה און באַגייסטערונג אויסרופן: „ציפּעלע, קום אהער, לייען מיין ארטיקל, און זאָג מיר דיין מיינונג".

במשך פון לאַנגע יאָרן האָט ער צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן פון זיין לע־רער־פּראַקטיק ביים לערנען דאָ העברעאיש. ער האָט געטרוימט אָפּצודרוקן דעם מאַטעריאַל, ווי אַ מוסטער פון אַ לערנבוך פאַר העברעאיש, וואָס זאָל זיין צוגע־פּאַסט פאַר די היגע באַדינגונגען.

און ווי שטאַרק עס האָט געווייטיקט זיין האַרץ, וואָס אָט־די ארבעט זיינע האָט ניט דערזען די ליכטיקע שיין!

מיין פאָטער האָט זיך קיינמאָל ניט צופרידנגעשטעלט מיט דעם גרויסן וויסן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט שטענדיק געזוכט, כסדר געלערנט און שטודירט. יעדער געביט פון גייסטיקן שאַפן האָט אים אינטערעסירט און האָט גערייצט זיין וויסנגיריקייט.

ער גופא האָט שטענדיק געאַרבעט שווער, אָפטמאָל — פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, געבנדיק לעקציעס, גרייטנדיק רעפעראַטן און אַרטיקלען. מיין פאָטער האָט ליב געהאַט זיין אַרבעט. ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמי־דים — צוקונפטיקע לערער, וואָס האָבן שטודירט אין היגן העברעאישן לערער־סעמינאַר — כמעט ביזן סאַמע סוף פון זיין לעבן, ווען ער איז אָפטמאָל געזעסן אין גרויליקע יסורים.

אויך דאַן פלעגט ער זיך ווייצלען, ווייל ער האָט שטענדיק געזען דאָס קאָ־מישע אין לעבן. עס וואָלט אפשר געווען ריכטיקער צו זאָגן, אַז מיין פאָטער האָט אין זיינע וויצן אונטערגעשטראָכן דאָס טראַגי־קאָמישע אין לעבן.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז לעצטנס איז זיין גאַנץ לעבן געווען קאָנצענטרירט אויף זיינע אייניקלעך — מיינע דריי קינדער. באַזונדערס שטאָלץ איז ער געווען מיט זיין עלטסטן אייניקל משהלע. ווען־נאָר ער פלעגט אים דער־זען, פלעגט ער זאָגן: „אַז איך וועל נאָר קענען, וועל איך „קידנעפּן" משהלען, און אוועקנעמען אים קיין ישראל. דרום־אפריקע איז ניט קיין אָרט פאַר יידישע קינדער".

אין יאָר 1952 האָט ער באַזוכט ישראל. ווען אפריקאַנער יידן פלעגן דאַן קומען פון ישראל פאַרביטערטע צוליב די שווערע באַדינגונגען אין יידישן לאַנד, — איז מיין פאָטער דווקא געקומען מוטיק און פול מיט האָפנונגען און אָפּטימיזם בנוגע דער צוקונפט פון ישראל.

ער האָט זייער שטאַרק געוועלט באַזעצן זיך אין ישראל. אָבער די ביטע־רע קראַנקייט, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אין אים, האָט צונישט געמאַכט זיינע פּלענער.

און איצט — ווי איך זיץ אזוי און שרייב אָט־די שורות, און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן — פיל איך, ווי ער וואָלט שטיין אריבערגעבויגן הינטער מיר און זאָגן: „ציפּעלע, וואָס וויינסטו? איך האָב שוין אָפּגעטאָן מיין אַרבעט. איך בין שוין אַ זיידע פון דריי שיינע אייניקלעך. וואָס נאָך דאַרף איך פון לעבן? עס איז שוין צייט פאַר מיר צו גיין"...

...און איך זאָג צו זיך אליין: מסתמא וויל ער ניט איך זאָל וויינען — —

איך בין שטאָלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט אזא פאָטער, ועמען אַלע האָבן פאַרערט און רעספּעקטירט.

געחלומט וועגן פּאָזיעמקעס

(אַ פּאָר זיכרונות)

פון **חיים גערשאַטער**

וואָלף ריבקאַ האָט געהערט צו אַ דור פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס זייער בייטראָג צו דער יידישער געשיכטע פון צווייטן פערטל פון 20טן יאָר־הונדערט איז נאָך ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן.

דער היטלער־חורבן האָט אזוי פאַרשוואַרצט דעם האָריזאָנט פון אונדזער צייט, אז אריינקוקנדיק אין דער היינטצייטיקער יידישער געשיכטע קענען מיר זיך שווער אָפּרייסן אויף אַ מינוט צו באַטראַכטן דעם פּראָגרעס פון מזרח־איראָפּעאישן יידנטום אין משך פון די יאָרן 1917—1939.

אויף אלע געביטן האָט זיך פאַר דער צייט געענדערט דאָס אויסזען פון פּוילישן, ליטווישן, לאַטווישן און רומענישן יידן. יידן האָבן באַקומען גלייכע רעכט — אַמאָל רעאַלע און אַמאָל כלומרשטע, — און האָבן זיך אָנגעהייבן ארויסציען פון זייער פריערדיקן טראַדיציאָנעלן לעבנשטייגער.

אזוי ווי זיי האָבן געלעבט אונטער שטרענג־נאַציאָנאַליסטישע רעגירונגען, איז אַנטשטאַנען די גרויסע סכנה, אז ווען זיי שטייגן ארויס פון זייער אלטן יידישן שטייגער און וואָלטן ניט אַנטוויקלט קיין נייעם שטייגער, וואָלטן זיי אָנגעהייבן אסימילירן זיך צווישן די אָרטיקע קולטורן.

די אַנטוויקלונג פון יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען — ציוניזם, פאָלקיזם, בונדיזם, יידישיזם, העברעאיזם א.א.וו. — האָבן אָפּגעהאַלטן די סכנה.

אָבער די אַלע באַוועגונגען וואָלטן אינגאַנצן געבליבן פרוכט־לאָז, ווען עס וואָלט זיך ניט אנטוויקלט קיין עכט יידישער שול־וועזן.

מיר פאַרגעסן היינט, אז די נאָרמאַלע יידישע טאָג־שולן, וואָס זיינען אויס־געוואַקסן און זיך פאַרצווייגט אין מזרח־איראָפּע, זיינען צו יענער צייט געווען אַ גאַנץ נייע דערשיינונג. דער מאָדערנער לערער איז געווען אַ פּיאָנער, אַ בויער, אַ שאַפער פון א יש מאין. ער האָט געדאַרפט געפינען ניט נאָר א פאָרם און אינהאַלט פאַר דער נייער שול, נאָר אויך ריין טעכנישע וועגן, ווי אזוי, למשל, צו לערנען וועלטלעכע לימודים אין העברעאיש, אָדער אין יידיש. ער האָט גע־דאַרפט געווינען דעם צוטרוי פון די עלטערן און — דאָס איז אויך ניט קיין קלייניקייט — ער האָט געדאַרפט שאַפן די גרויסע פאָנדן כדי אויפצוהאַלטן אַן אויטאָנאָמען שול־וועזן.

וואָלף ריבקאָ איז געווען איינער פון אָט־די פּיאָנערן!

געהאַט האָט ער וואָרצלען אינעם אַלטן יידישן חינוך, און געזוכט האָט ער וועגן פאַרן נייעם יידישן חינוך.

עס איז מערקווירדיק, אז אפילו אויף יידיש איז נאָך דאַן ניט געווען קיין צופרידנשטעלנדיקער לערנבוך פאַר יידישער געשיכטע. האָט ריבקאָ, צוזאַמען מיטן לערער און שריפטשטעלער א. י. גאָלדשמידט, פאַרפאַסט אזא לערנבוך.

אַ געוויסע צייט, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער אַמע־ריקאַנער „דזשאָינט" געשטיצט דעם שול־וועזן. עס זיינען אויך געווען סובסידיעס פון די ניי־אנטשטאַנענע קהילות. ביסלעכווייז זיינען די הכנסות צערונען געוואָרן, און די אַנשטאַלטן האָבן געמוזט אויסקומען הויפּטזאַכלעך פון שכר־לימוד, וואָס די אָרעמע עלטערן האָבן געצאָלט. (גבירישע קינדער פלעגן אויך דאַן מערסטנטייל גיין אין רוסישע און פּוילישע שולן). אין שול־וועזן, ווי אויך אין עקאָנאָמישן לעבן, פלעגן דאַן פאָרקומען פּעריאָדישע קריזיסן. אַ לערער פלעגט מען אָפט זיין הינטערשטעליק 5—6 מאָנאַטן שכירות. אָבער די לערער זיינען געשטאַנען ביי זייער ארבעט מיט געפילן פון הייליקן פליכט.

* * *

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געטראָפן ריבקאָן אויף אַ לערער־פאַרזאַמלונג אין ווילנע, אַן ערך אין 1925. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען גערעדט וועגן דעם, אז די שולן וואַקסן און די לערער הונגערן. איך בין דאַן געווען אַן אָנפאַנגער־לערער אין אַ פּראָווינץ־שטעטל לעבן ווילנע, ווו לעבנסמיטל איז געווען אזוי שפּאָט־ביליג, אז אַ לערער האָט געקענט לייכט דורכקומען, אפילו ווען מען האָט די שכירות געקראָגן מיט רעדוקציעס און פאַרשפּעטיקונגען.

האָט מיך ריבקאָ געפרעגט, ווי עס גייט אונדז דאָרט אין דער פּראָווינץ. האָב איך אים דערציילט, אז פאַר עטלעכע גראָשן קריגט מען אַ שיסל פּאָזיעמקעס, און פאַר נאָך עטלעכע גראָשן — אַ קרוג סמעטענע, און — עס לעבט זיך ניט שלעכט.

איז ריבקאָ אויפגעשטאַנען אויף דער פאַרזאַמלונג און מיט זיין איראָנישן הומאָר פאָרגעשלאָגן, אז עס וואָלט געווען אַ פּלאַן מען זאָל מאַכן פּעריאָדישע אויסטוישן מיט דער פּראָווינץ. „זעקס חדשים פּאָזיעמקעס, און זעקס חדשים הונגער פאַר יעדן לערער".

קורץ נאָך דעם בין איך אוועק קיין אפריקע, און אין די ערשטע צייטן אין יאָהאַנעסבורג האָב איך געגעבן אַ פּאָר לעקציעס אין „ליטעראַרישן פאַראיין". דער פאַרשטאָרבענער י. מ. שערמאַן פלעגט דאַן פאַרעפנטלעכן אין „אַפריקאַנער" לאַנגע באַריכטן פון די לעקציעס; אזוי, אז א פרעמדן האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אז יאָהאַנעסבורג איז אַ קולטור־גן־עדן.

אַ געוויסן פרימאָרגן באַוויזט זיך ריבקאָ אין יאָהאַנעסבורג. די ערשטע צייט האָט ער, ווי דער שטייגער איז, דורכגעמאַכט די שוועריקייטן פון אַ „גרינעם".

האָט ער צו מיר טענות, ווידער מיט זיין ביטערלעכן הומאָר:

„עס איז דאָך אייער שולד. אין ווילנע, אין לייען־זאַל פון „מפיצי השכלה" באַמערק איך א זשורנאַל „דער אפריקאַנער". זע איך דאָרט אַ לאַנגן באַריכט

וועגן גערשאַטערס אַ לעקציע. טראַכט איך זיך: אויב מען מאַכט דאָרט אַ גאַנצן פּאַראַד פון אזא צוציק, ווי גערשאַטער, וועט מען דאָך מיך, ריבקאָן, טראָגן ממש אויף די הענט...״

פּרוביר איך אים טרייסטן: „נאָך אַלעמען האָט איר דאָך דאָ אין יאָהאַנעס־בורג פּרנסה, ווען פון ווילנע קומען אָן טרויעריקע בריוו וועגן קריזיסן״.

גיט ער אַ זאָג: „זייט איר דאָך ווידער שולדיק. איך וואָלט זיך גאַנץ לייכט געטרייסט און געווען צופרידן צו קנעלן עברי מיט יינגלעך אין דאָרנ־פאָנטיין[1], ווען עס וואָלט געווען אַ פראַגע פון פאַרגלייכן ווילנע מיט יאָהאַנעס־בורג. איז אָבער די צרה, וואָס איר האָט מיר צערייצט דעם אַפּעטיט מיט א שיסל פּאַזיעמקעס און סמעטענע אין סוויר, אין ווילנער פּראָווינץ. האַלט איך אין איין טראַכטן: כ׳האָב דאָך איצט געקענט זיצן אין אַ קליין־שטעטל, צווישן האַרציקע משהלעך און שלמהלעך, און זיך מחיה זיין מיט די פּאַזיעמקעס...״

ריבקאָ האָט זיינע ווערטער דעקלאַמירט (לויט זיין שטייגער, ווען ער פלעגט האַלטן רעדעס) מיט גרויס פּאַטאָס און התלהבות. ער האָט זיך אזוי צעיאַרעמט, אז בשעת מעשה וואָלט איך אליין אָפּגעגעבן אַלע אפריקאַנער גליקן פאַר איין שיסל סווירער פּאַזיעמקעס...

* * *

איך דערמאָן דעם עטוואָס לעכערלעכן עפּיזאָד, ערשטנס, ווי אַ שטיקל אילוסטראַציע פון זיין הומאָר, ווי אויך אלס כאראקטעריסטיק פון פּעריאָד, וואָס ער האָט דאָן דורכגעמאַכט: די פּלאָגעענישן פון אַ לערער אין אפריקע און די צרות פון דער אַלטער היים. ער האָט געליטן און געשפּאָטיקט איבער זיך און איבער דער וועלט. די פּאַזיעמקעס האָבן זיך אים שפּעטער אויך געחלומט: ווען ער האָט באַשלאָסן צו גיין אויף א שטעלע אין אוידטסהאָרן, האָט ער מיר געשריבן אין אַ בריוול קיין ראָדעזיע: „איך פאָר ארבעטן אויף דער פּראָווינץ; אפשר וועלן דאָרט זיין פּאַזיעמקעס און משהלעך־שלמהלעך...״.

ווייל דאָס האַרץ איז אים געווען ביטער ביים פאַרגלייכן דעם גלענצענדיקן שול־ווען אין ווילנע מיטן ווייטאָגדיקן קנעלן אין אפריקע, האָט ער געזוכט עפּעס אנדערש, געשריבן אין צייטונגען, געהאַלטן לעקציעס, ארומגעפאָרן אלס פּראָפּאַגאנדיסט פאַר דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

טרעפט זיך אַ מעשה — אַ שאַנדע צו דערציילן, — אז נאָך פאַר דער מלחמה האָט אים די פעדעראציע געשיקט קיין בלומפאָנטיין פאַרן קרן־היסוד. האָט ער דאָרט געפונען א קולטור־קרייז און געהאַלטן אַ לעקציע וועגן מענדעלע מוכר ספרים. ווען דער באַריכט איז געקומען קיין יאָהאַנעסבורג, האָט ער גע־קראָגן א טעלעגראַמע פון אַ פאַרענגלישטן סעקרעטאַר: „ביטע, באַשרענקט אייערע רעדעס אויף ציוניסטישע און ארץ־ישראלדיקע טעמעס!״.

האָט דאָס אים ווידער וויי געטאָן אין האַרצן.

אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך זיין לאַגע פאַרבעסערט. אלס לערער האָט ער געפונען א ברייטערן אָרט פאַר טעטיקייט, און א בעסערע באַציאונג.

[1] אַ יידישע געגנט אין יאָהאַנעסבורג.

אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט האָט ער שוין געהאַט צו טאָן מיט אַ יידישלעכערן טיפּ סעקרעטאַרן.

אָבער צו קיין צופיל נחת האָט ער בכלל ניט זוכה געווען. אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן איז געקומען דער חורבן־אייראָפּע, און אין זיין פּריוואַטן לעבן האָט זיך אַנטוויקלט אַ ביטערע קראַנקייט.

און אַזוי האָט ער שטענדיק זיך געווייצלט מיט פאַרביטערטקייט און איז געווען פאַרביטערט מיט הומאָר.

זאָל אים זיין קבר גרינג זיין!

אויף יענער זייט זאַמבעזי

1.

ביי די גרענעצן פון באַראָטסע־לאַנד

(אין די קאַפּוע־פליינען)

די ענדערונג אין דער לופט, דער פארשטאַרקטער גערויש פון די רעדער און דאָס הייזעריק־שרייענדיקע גרילצן פון שטאָל אָן פארזשאַווערטן אייזן האָבן מיך אויפגעוועקט פון מיין נאָכמיטאָגדיקן שלאָף אין דעם צוג צווישן ראָדעזיע און קאָנגאָ.

פון מיין וואַגאָן־פענצטער האָב איך פלוצלונג דערזען דעם גרויסן טייך קאַפּוע.

נאָך א דריי־טאָגיקן כסדרדיקן פאָרן אין דער ווילדערניש, ווען איך האָב געזען פאר זיך בלויז הימל און בושעס, און געאָטעמט בלויז הייסע, טרוקענע און שטויביקע לופט — איז דער דאָזיקער טייך געווען פאר מיר אַ דערפרייׅשונג און גלייכצייטיק א סורפריז.

דער ברייט פונאַנדערגעשפרייטער, מיט זון־שיין באַגאָסענער טייך קאַפּוע האָט רואיק געשפרייט זיינע גינגאָלדענע כוואַליעס צווישן צוויי שורות פּאַלמעס און פארשיידענע טראָפּישע פלאַנצונגען. מיין אַנטציקטער בליק האָט שנעל געׅוואַנדערט איבער זיין אויבערפלאַך און איינגעזאַפּט דאָס רחבותדיקע וווּנדערׅשיינע גליק, וואָס האָט געגרוט איבער די ווייטע און ברייטע טעראַסעס.

בלויז אַ קורצע ווײַלע האָט דאָס געדויערט. דער בריק האָט זיך געענדיקט, און דאָס באַצויבערנדיק בילד איז פארשוווּנדן פון מיינע אויגן, ווי אַ חלום.

און ווידער האָב איך געהאַט פאר מיינע אויגן בלויז בושעס און בושעס[1].

איך דערמאָן זיך, אז איך געפין זיך איצט אין די באַרימטע קאַפּוע־פליינען, וואָס ליגן אויף צפון־מערב פון טייך זאַמבעזי. דאָ לעבט דער שבט ביילאַ, אָדער באַשוקאַוולומבווע. דאָ פּאַשען זיך סטאַדעס בופל־אָקסן, זעברעס און אנדערע חיות.

איך בויג ארויס מיין קאָפּ דורכן וואַגאָן־פענצטער און איך אָבסערוויר דעם ים פון בושעס, אין וועלכן מיין צוג שלעפּט זיך אזוי לאַנגזאַם און פויל.

איך זע פאָר זיך איינגעהויקערטע, צעקרימטע, דאַרע און נידעריקע ביימׅלעך — איינס ענלעך צום צווייטן. מאָמענטנווייז זעען זיך אויך אַקאַציעס;

---

[1] טיפּישע אפריקאַנער סטעפּעס.

אמאָל באַגעגנט מיין בליק אויך א רויט־האָלץ־בוים, אָדער א שטענדיקן גרין־בוים און אַ מאַהאָגאַני־בוים. זייער זעלטן זעט זיך אַ פּאַלמע; און אויב יאָ — מאַכט זי אויך קיין איינדרוק ניט; ווי אָפּגעבליאַקירט זעען אויס די פּאַלמעס.

נאָר אָט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט.

א מחנה האַלב־נאַקעטע שוואַרצע מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, לויפן אַרום ווי פאַרסמטע פאַרביי די וואַגאָן־פענצטער און שרייען און בעטן:

„סקאָף, סקאָף, סקאָף!" (שפּייז).

אַ טייל פון זיי האַלטן אין די הענט פאַרשיידענע אויסשניצונגען פון האָלץ, פון העלפאַנט־ביין און היפּאָפּאָטאַמוס־ציינער — פיגורן פון חיות און ווילדע פייגל. זיי האַלטן אויך כלים פון ליים און פון האָלץ. די אויסשניצונגען און כלים זיינען געמאַכט גאָר פּרימיטיוו. אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס פאַר מיר אַן איינגענעמע איבערראַשונג: ווי קומט דאָס צו דער דאָזיקער ווילדער האַלב־נאַקעטער מענטשן־מאַסע?

שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס לערנט מען זיי אין די מיסיאָנערישע שולן, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון זיי באַזוכט. זיי בעטן זיך מען זאָל קויפן זייערע אויסאַרבעטונגען פאַר אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז. אַנדערע פון זיי באָטן־אָן פאַרשיידענע פעלן פון חיות. מערסטנטייל זיינען דאָס פעלן פון שפּרינגבעק און פון לעמפּערטן.

איך באַטראַכט די דאָזיקע שוואַרצע מענטשן־מאַסע. צווישן זיי געפינען זיך א גרויסער טייל אינגאַנצן נאַקעטע. בלויז א שמאָלער גאַרטל דעקט צו זייער שאַנד. די קערפּערס פון די מענער זיינען שלאַנקע, ווי אויסגעשניצטע; די פרויען־קערפּערס — מערסטנטייל געבויגן און צעגאָסן.

אַלע שווערע אַרבעט מוז טאָן די פרוי. זי טראָגט דעם יאָך פון חיונה און מוז האָדעווען די קינדער. די מענער זיינען פריי פון דעם. דאָס רוב פרויען טראָגן אויף די דאַרע רוקנס זייערע קלייניקע קינדערלעך צוגעבונדן צום קערפּער מיט שמאַטעס. די קינדערלעך האַלטן פאַרריסן זייער אָפּגעגאָלטע קעפּלעך, און קוקן מיט פאַרחידושטע אייגלעך אויפן צוג און אויף די ווייסע פּנימער, וואָס שטעקן אַרויס פון די פענצטער. אַנדערע קינדערלעך האַלטן פאַרלייגט די קעפּלעך און שלאָפן געשמאַק מיט אָפענע מיילכעלעך אונטער די וואַרעמע זונשטראַלן.

דער צוג רירט זיך פון אָרט. די שוואַרצע מחנה לאָזט זיך לויפן נאָכן צוג מיט אַ ווילדן טומל. איין פרוי, נאָך גאָר אַ יונגע, אפשר פופצן יאָר אַלט, שטייט אָן אַ זייט מיט איר קינד אויפן רוקן, און שרייט האַרט און טרוקן: סקאָף! סקאָף!

די מחנה ווערט ענדלעך פאַרשוווּנדן. בלויז צוויי אַפריקער־קינדער לויפן נאָך. קענטיק, אַז זיי האָבן זיך געוועט צווישן זיך: ווער וועט לענגער נאָכ־האַלטן דעם צוג...

און ווידער זע איך בלויז בושעס.

* * *

דאָס מאָנאָטאָנע רוישן פון די רעדער האָט מיך ווי פארשלעפערט. האלב־וואַך בין איך געשטאַנען ביים פענצטער, ווי איך וואָלט גענונקען אין פארגעפלטע געדאַנקען און געזען פאַר זיך בילדער פון שווארצע מענטשן־געשטאַלטן, וואָס זייער איינציקער פאַרלאַנג איז: „סקאַף!"...

איך ווייס ניט, ווי לאַנג אָט דער דאָזיקער האַלב־שלעפערדיקער צושטאַנד מיינער האָט געדויערט. ווען איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן, בין איך פאַר־בלענדט געוואָרן פון דעם פּורפּורדיקן פייער־ים, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט.

זון־אונטערגאַנג אין ראָדעזיע!

ווער עס האָט דאָס נאָר איין מאָל געזען, וועט דאָס שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דער ערשטער איינדרוק איז צו שטאַרק. מיין בליק איז, ווי מיט אַ מאַגנעט, צוגעצויגן געוואָרן צום מערב־האָריזאָנט, וואָס איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ ים ראָזע און פייערדיקע שטראַלן. דאָס איז געווען אַן אומענדלעכע רחבות פון זיך־שפּילנדיקע באַגילדטע פייער־פלאַמען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך געפין זיך אין יענעם לעגענדאַרן גאָלדענעם לאַנד אופיר, וואָס איז באַשטראַלט מיט די ששת־ימי־בראשית־ליכט, און אין דעם דאָזיקן כישופדיקן פייער־ים טובלט זיך די אונטערגייענדיקע זון. שמייכלענדיק און צוזאָגנדיק, לאָזט זי זיך לאַנגזאַם אַראָפּ נידעריקער און נידעריקער. אומבאַמערקט ווערט זי נעלם, ווי אַ כלה נאָכן כשר־טאַנץ, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אָפּשטראַלונגען פון איר פּראַכט און גלאַנץ.

אַ קליינער, קילער ווינטעלע לויפט דורך, באַוועגנדיק לאַנגזאַם די אַנגע־גליטע לופט. עס ווערט אויפן האַרצן איינגענעם און לייכט. מיט אַ שמייכל געזעגן איך זיך מיט די לעצטע זונענשטראַלן, און איך ציִ אַריין מיין קאָפּ צוריק אין וואַגאָן.

2.

טשיבימבאָ

מיין וואַגאָן איז שוין באַלויכטן. אין אַ ווינקל זיצט אַ דיקער מאַן פון מי־טעלן וווקס. ער איז זייער נאַכלעסיק אָנגעטאָן; אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ ברייטן בורישן הוט, און אין מויל האַלט ער אַ ליולקע. אפנים, אַז ער איז שוין דאָ גע־זעסן אַ היפּשע צייט. ער האָט שוין באַוויזן איינצוֹאָרדענען זיך גאַנץ באַקוועם, און ער האָט געהאַלטן ביים כאַפּן אַ דרעמל.

דער ערשטער אָנבליק זיינער האָט מיך צוגעצויגן: דאַכט זיך — אַ יידי־שער פּנים. אָבער זיין אויסערלעכער אָפּגעלאָזענער אויסזען האָט געוועקט אין מיר אַ ספק. ער איז געווען מער ענלעך אויף אַן אָרעמען בור.

אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. איך האָב געפונען אין זיין בליק עפּעס אַ נאָענטקייט; און ווי פון זיך אַליין האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון מיינע ליפּן אין יידיש: אַ ייד?

איבערראַשט האָט ער אויף מיר א קוק געטאָן און א גליקלעכער שמייכל האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן. ער האָט געענטפערט אין יידיש און, ווי דערמונטערט פון אַ גוטער בשורה, האָט ער זיך צו מיר דערנענטערט און געזאָגט:

— שוין לאַנג, לאַנג, ווי איך האָב אַ יידיש וואָרט ניט געהערט!

מיט א פריילעך־גוטן בליק האָט ער מיר געשטעלט אייניקע פראגן — גאַנץ געוויינלעכע ביי אַן ערשטער באַגעגעניש פון צוויי פרעמדע מענטשן. און — איך ווייס ניט, ווי אזוי דאָס איז געשען — אַ פולשטענדיק אינטימע שטימונג איז אַנטשטאַנען צווישן אונדז ביידן. אָט אין דעם דאָזיקן ווייט פארוואָרפענעם לאַנד, אין א סביבה פון שוואַרצע מענטשן־ברואים, צווישן פארטריקנטע און פון דאָרשט פארחלשטע פלאַנצונגען, האָבן זיך צוויי ברידער באגעגנט...

און ער האָט זיך פאר מיר פאָרגעשטעלט, זייער קורץ. שטאַמען שטאַמט ער פון א קליין ליטוויש שטעטל. ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה. געקומען איז ער קיין אפריקע גאַנץ יונג. ער איז געווען פון די ערשטע יידישע פּיאָנערן אין טראַנסוואַל; און שוין א משך פון א פּאָר צענדליק יאָר וווינט ער אין דער ווילדערניש ביים טייכל לונגא, צווישן באראָטסע און קאסעמפּאָ־לאַנד.

איך בין געווען נייגעריק צו וויסן די סיבה, וואָס האָט אים געבראַכט אין דער ווילדערניש. אָבער ער האָט אויסגעמיטן צו געבן מיר אַן ענטפער. ער האָט מיך איינגעלאַדן אין בופעט־וואַגאָן.

דער בופעט־וואַגאָן איז געווען זייער גוט באַלויכטן. עטלעכע גרופּעס מענטשן האָבן מיר דאָרט געפונען. א טייל האָבן געשפּילט אין קאָרטן; אַ טייל זיינען געזעסן ביי ליידיקע גלעזער און געלאַנגווייליקט זיך. א מאַן מיט א פרוי זיינען געזעסן אָפּגעזונדערט, געקוקט אין פענצטער און געגענעצט.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט צו א טישל, און מיין נייער פריינד האָט באַ־שטעלט „סאַנדאַונערס"*). איך וויל וויסן זיין נאָמען. ער ענטפערט ניט גלייך. ער לייגט זיך איבער. אייגנטלעך ווייסט ער ניט, וועלכן נאָמען מיר צו זאָגן. אמאָל האָט ער געהאַט א יידישן מענטשישן נאָמען. אָבער ס׳איז שוין לאַנג, ווי ער הערט ניט עמעצער זאָל אים רופן ביי דעם נאָמען. ער איז איצט באַ־קאַנט אונטערן נאָמען, וואָס די אפריקער האָבן אים געגעבן: טשיבימבאַ.

די אפריקער האָבן א טבע צו געבן יעדן ווייסן מענטשן א צו־נאָמען. מערסטנטייל שטעמפּלט דאָס אָפּ און עס כאַראַקטעריזירט דעם באטרעפנדיקן מענטשן. אים האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „טשיבימבאַ" — גרויסער בויך...

נאָך דעם צווייטן „סאַנדאַונער" האָט ער אָנגעהייבן רימען זיין לעבנסאָרט אין דער ווילדערניש. מיך האָט דאָס אַלץ אינטערעסירט — זיין לעבן דאָרט און דאָס לעבן פון די ארומיקע. ער האָט דערציילט וועגן דער נאַאיווקייט און גוטהאַרציקייט פון זיינע שכנישע אַפריקער, וועגן זייערע מנהגים און געוווינ־הייטן. מיין שטאַרקער אינטערעס און נייגעריקייט האָבן אים הנאה געטאָן. נאָכן דריטן „סאַנדאַונער" איז ער געוואָרן אזוי צוגעטאָן צו מיר, אז ער האָט

---

*) אין יענע געגנטן טרינקט מען משקה, ווען די זון פאַרגייט.

זיך מיר דערקלערט אין ליבע: אזא סימפּאַטישן מענטשן, ווי איך בין — האָט ער מיך פאַרזיכערט — האָט ער נאָך ניט אָנגעטראָפן...

דערוויסנדיק זיך, אז ער וווינט ניט ווייט פון אייזנבאַן־סטאַנציע, בלויז פיר שעה פאָרן, און אז ער האָט אויך אַן אויטאָמאָביל, איז מיר איינגעפאלן איך זאָל אים בעטן מיטנעמען מיך צו זיין וווינאָרט, כדי צו קענען זען דאָס אלץ, וועגן וואָס ער האָט אזוי לעבעדיק דערציילט. איך האָב אים געזאָגט וועגן דעם. אַ ווײַלע איז ער געווען פאַרוווּנדערט און האָט ווי געצווייפלט. אָבער ער האָט געגעבן זיין הסכמה, נאָר, קענטיק, ניט מיטן גאַנצן האַרצן. איך אליין האָב אויך אָנגעהייבן צו צווייפלען. איך האָב עפּעס געשפּירט אַ ווידער־געפיל. אָבער מיין נייגעריקייט איז געווען גרויס.

3.

נאַכט אין דער ווילדערניש

אזייגער עלף האָבן מיר פאַרלאָזן דעם צוג. די באַן־סטאַנציע, וואָס איז באַשטאַנען פון איין בלעכן־הייזל, איז געווען באַלויכטן דורך קליינע לעמפּלעך, וואָס אַ פּאָר באַן־באַדינער, א ווייסער און אַן אַפריקער, האָבן מיט זיך געטראָגן. ביי דער זייט האָט זיך געזען דאָס ליכט פון א קליינעם אויטאָמאָביל. דער אפריקער־שאָפער האָט גוטמוטיק באַגריסט: „גוד איווניגג, טשיבימבאַ!"

דער וועג איז געווען ניט צו־שלעכט. דאָס ליכט פון אויטאָמאָביל האָט באַ־לויכטן. געזען האָט מען בלויז פאַרדאַרטע און צעקרימטע ביימלעך. נאָך אַ קורצן שווייגן האָט טשיבימבאַ גענומען דערציילן וועגן דעם נאַכט־לעבן דאָ אין דער ווילדערניש.

ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט לעמפּערטן. אָנווייזנ־דיק אויפן ביקס, וואָס איז געלעגן אין אויטאָמאָביל, האָט ער דערציילט וועגן איין פאַל, ווען א לעמפּערט איז פּלוצלונג געבליבן שטיין אויפן מיטן וועג אַ צעטומלטער פונעם ליכט פון אויטאָמאָביל. דעם לעמפּערטס אויגן האָבן אין דער נאַכט געלויכטן, ווי אַ פּאָר גרין־גראָע עלעקטרישע־לעמפּלעך. ער האָט דעם לעמפּערט דערשאָסן און באַהאלטן זיין פעל פאַר אַן אָנדענק.

ער דערציילט אויך וועגן אנדערע ווילדע חיות, וואָס לעבן דאָ אין די בושׁ־פעלדער. איך שטרענג אָן מיין בליק צו דערזען עפּעס אין דער פינצטערניש פון דער געהיימנישפולער נאַכט. אָבער איך זע גאָרנישט. זייער לאַנגזאַם ציט זיך די צייט. מיר זיצן שווייגנדיק.

נאָר אָט דערזעט זיך אַ פייער. רויך האָט זיך דערשפּירט אין דער לופט. מיר דערנענטערן זיך צום פייער: דער וואַלד ברענט. עס מערקן זיך איבער־פליענדיקע פייגל. אזא וואַלד־שרפה האָב איך שוין געזען נעכטן אוונט פאַרנדיק אין באַן. לויט ווי מען האָט מיר דערקלערט, קומען פאָר אזעלכע וואַלד־שרפות זייער אָפט צוליב די גרויסע היצן, אָדער פון ניט־פאָרזיכטיקייט מיט פייער ברעכן אויס אזעלכע שרפות. מען רופט דאָס „גראָז־פייער". עס טרעפט אויך, אז מיט אַ כיון צינדט מען אָן דאָס אַלטע גראָז, כדי צו לאָזן אָרט עס זאָל

וואַקסן נייע גראָז. בייטאָג באַמערקט מען ניט דעם פייער. אָבער ביינאַכט גיט דאָס אַ כישופדיקן אויסזען.

פלוצלונג האָט אַ גלאַנץ געטאָן, ווי אַ מענגע עלעקטרישע פייערלעך פון די בושעס אַראָפּ. האָב איך נייגעריק אַ פרעג געטאָן: וואָס איז דאָס אַזוינס? מיין מיטפאָרער האָט גוטמוטיק געשמייכלט און געהייסן דעם שוואַרצן שאָפער זיינעם, ער זאָל באַלייכטן יענעם אָרט. איך האָב אַ בליק געטאָן און דערקאָנט: דאָס זיינען באַבונס (מאַלפּעס). זיי זיינען דאָ פאַראַן זייער פיל. עס איז אויך מעגלעך, אַז צוליבן גראָז־פייער האָבן זיי זיך דאָ צוזאַמענגעקליבן.

מיר פאָרן ווייטער. טשיבימבאַ דערציילט ווידער. אָבער איך הער זיך צו זייער ווייניק. מיין בליק דרינגט פאַרשנדיק אין דער נאַכט־פינצטערניש אריין.

אזייגער דריי פאַרטאָג האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו זיין ווין־אָרט ביים טייכל לונגאַ.

אונדזער אָנקומען האָט אויפגעוועקט אייניקע אפריקער, וועלכע זיינען גע־שלאָפן אין אַ פּאָר רונדע פיראַמידאַרטיקע, פון גראָז געפלאָכטענע געצעלטן. איינגעוויקלט אין אַלטע קאָלדרעס־שמאַטעס האָבן זיי ארויסגעקוקט פון די געצעלטן און פריילעך זיך באַגריסט: „איוונינג. טשיבימבאַ!"

עס זעען זיך נאָך אייניקע אזעלכע געצעלטן און בלעכענעביידלעך. דאָס איז אַ געוויינלעכער קליינער אפריקער־דאָרף, נאָר מיט דעם אונטער־שייד, וואָס צווישן זיי וווינט אויך א ווייסער קרעמער.

טשיבימבאַ דערקלערט מיר, אז דער דאָזיקער בנין דינט פאַר אַ קראָם. און ער פירט מיך ווייזן זיין דירה. אונטער א פייגן־בוים שטייט א טישל צוזאַ־מענגעקלאַפּט פון פלעקלעך. „איר זעט, — זאָגט ער מיט אַ סאַרקאַסטישער באַטאָנונג — דאָס איז מיין „דיינינג־רום" (עס־צימער), אפשר דער גרעסטער דיינינג־רום אין דער וועלט". ער פירט מיך צום צווייטן זייט בוים און, אָנווייזנ־דיק אויף אַ הויכן בורישן וואָגן, דערקלערט ער מיר מיטן זעלבן טאָן, אז דאָס איז זיין „בעד־רום" (שלאָף־צימער). דאָ שלאָפט ער. איך שטיי צעטומלט; און ער, ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיין פאַרווונדערונג, גיט אייניקע באַפעלן צו אַ פּאָר אפריקער־יונגען. איך דערזע אַ פייער. ניט ווייט פון בוים זיצן א פּאָר יונגע אַפריקער ביי אַ הויפן רויכערדיקע פאַרדאַרטע צווייגלעך און עסקן זיך דאָרטן מיטן צוריכטן די אכילה. מיר זעצן זיך צום טישל. מען דערלאַנגט א גרויסן טעלער פלייש און אַ שמאָלע לאַנגלעכע פיר־קאַנטיקע חלה.

דאָס פלייש, זאָגט ער, איז פון אַ שפּרינגבאָק, וואָס ער אליין האָט דער־שאָסן מיט אַ צוויי טעג צוריק. אַמאָל פלעגט ער אָט־דעם מין־פלייש האָבן לרוב. אלע פאַרנאַכט פלעגט ער צוגיין צום טייכל און פלעגט געפינען דאָרט שפּרינגבעק, וואָס פלעגן קומען אהין שטילן זייער דאָרשט. פלוצלונג זיינען זיי פאַרשוווּנדן. א לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז ער האָט זיך דערוווּסט, אז זיי קומען אין מיטן נאַכט. האָט ער אָנגעהייבן צו טשאַטעווען זיי אין מיטן נאַכט. זיינען זיי אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. איצט מאַכט זיך אים אַ שפּרינגבאָק זייער זעלטן. ער מוז איצט יוצא זיין מערסטנטייל מיט פייגל־פלייש. טשיבימבאַ פאַר־זיכערט מיך, אז דאָס פלייש איז זייער געשמאַק, און בעט מיך פאַרזוכן עס.

אָבער זעענדיק, אַז איך ריר זיך ניט צו צו דעם, ווערט ער אַנטשוויגן. אין אַ ווײַלע איז דאָס פלייש מיט דער חלה פאַרשווונדן פון טיש. איך האָב באַוווּנ־דערט זײַן גרויסן אַפּעטיט. עס פאַרדריסט אים שטאַרק וואָס איך האָב נים געגעסן. איך מוז אים צוליב טאָן און מאַכן צוזאַמען מיט אים אַ לחיים.

ער דערציילט מיר וועגן זײַנע פּרנסות. זײַן געשעפט איז אַן אויסטויש־מסחר. ער קריגט אײַן אַפריקער־דערפער (קראַאַלס) פאַר זײַנע סחורות: קאַ־פער־קאָרן, מיליס, פּרוכט, בהמות א.ד.גל.

דאָס אַלץ פירט ער מיט אָקסן־וועגענער צו דער באַן־סטאַנציע. דאָרטן געפינט ער די אַרטיקלען פאַר זײַן קראָם, וואָס מען שיקט אים פון שטאָט.

מיט ווייסע מענטשן האָט ער זייער ווייניק־וואָס צו טאָן. זעלטן פאַר־בלאָנדזשעט צו אים אַ בהמות־הענדלער. בלויז איין מאָל אין עטלעכע חדשים פאָרט ער אין שטאָט אַריין אויסצורעכענען זיך מיטן סוחר, מיט וועלכן ער האַנדלט.

4.

אַוועק פון מענטשן

ער האָט מיך פאַרבעטן אין זײַן „שלאָף־צימער”. איך האָב זיך אַפילו שטאַרק געקווענקלט. אַלץ אַרום האָט מיך אָפּגעשטויסן און געשראָקן. אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן. ביים שײַן פון שוועבעלעך האָב איך אַנשטאָט אַ מאַטראַץ און אַ קישן דערזען פעלן פון שפּרינגבעק. ער האָט אויפגעהייבן די פעלן, און מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף דער אונטערשטער. דאָס איז געווען די פעל פון דעם לעמפּערט, וואָס ער האָט דערשאָסן.

איבערן „בעט” איז געשטאַנען דער פייגנבוים, שטיל אָן באַוועגונג. אַלץ אַרום איז געווען שטיל. די שטערן אין הימל האָבן אויך אויסגעזען טויט, שטום...

אָנווײַזנדיק אויפן ביקס, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך, האָט ער מיך פאַרזיכערט, אַז איך קען שלאָפן פולשטענדיק רואיק. מיך האָט אָבער קיין שלאָף ניט גענומען. איבערהויפּט האָט מיך געפּייניקט די פראַגע: וואָס האָט גורם געווען, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל זיך דערווײַטערן פון ציוויליזירטן לעבן? באַמערקנדיק, אַז אויך ער שלאָפט ניט, האָב איך אים געפרעגט אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט געקלונגען מער תחנונים, ווי נײַגעריקייט.

איך האָב ריכטיק צוגעטראָפן דעם מאָמענט. ער אַליין האָט אַפּנים וועגן דעם אויך געטראַכט. אַ סך יאָרן האָט ער מיט קיינעם ניט גערעדט וועגן דעם. עס דריקט אים אויפן האַרצן: אפשר זאָל ער זיך דאָס איצט טאַקע אַראָפּריידן?

האָט ער אָנגעהויבן דערציילן אין אַן אײַנגעהאַלטענעם טאָן, קורץ, אָפּגעריסן: ער איז, לויט זײַן נאַטור, אַ מענטש, וואָס האָט דווקא ליב געזעלשאַפט. אין זײַן יוגנט האָט ער געהאַט אַ סך חברים, און איז געווען באַליבט ביי זיי. נאָר חברשער פאַרראַט האָט אים פאַרטריבן פון מענטשן. ער האָט אין קורצע שטריכן פונאַנדערגעוויקלט פאַר מיר די מגילה פון זײַן לעבן:

ער האָט געהאַט אַ חבר, זיין בעסטער חבר פון אַלע. צוזאַמען האָבן זיי געלערנט אין ישיבה, צוזאַמען געהונגערט און געטרוימט. זיי זיינען געווען ממש איין גוף און איין נשמה. שפּעטער האָבן זיי באַשלאָסן צו עמיגרירן. זיין חבר איז אַוועק קיין אַמעריקע, און ער — קיין אַפריקע. זיי האָבן זיך געגעבן אַ תקיעת־כף צו שרייבן; און אין וועלכן לאַנד עס וועט זיין בעסער, — אַהין זאָל איינער דעם צווייטן אריבערנעמען. אין אַפריקע האָט אים אָפּגע־גליקט.

דעמאָלט איז טראַנסוואַל געווען אַ זאַמל־פּונקט פון גאָלד־זוכערס, אונטער־נעמערס און אַוואַנטוריסטן. עס האָט געשווירבלט מיט פּראָספּעקטאָרס, אַגענטן, פּאַרמיטלערס א.א.וו., אויך ער איז געוואָרן אַ פּראָספּעקטאָר. ער האָט געפונען גאָלד. ניט האָבנדיק קיין מיטלען צו באַאַרבעטן די גאָלד־מינען אליין, איז ער געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן דורך אַ מעקלער. ער האָט געקראָגן אַ גרויסע סומע געלט, געעפנט אַ געשעפט און אָפּגענומען דעם חבר פון אַמעריקע.

די געשעפטן זיינען אַוועקגעגאַנגען זייער גוט. זיי זיינען געווען גלייכע שותפים. שפּעטער באַשליסט דער חבר צו ברענגען זיין פאַמיליע קיין דרום־אַפריקע. די פאַמיליע האָט זיך „אויסגעגרינט" און גענומען מישן זיך אין געשעפט. דער סוף איז געווען, אַז ס'איז געקומען צו גרויסע מחלוקת צווישן די שותפים. ענדלעך האָט ער געמוזט איבערלאָזן דאָס געשעפט ביי זיין געוועזע־נעם חבר, באַקומענדיק ארויסגעצאָלט בלויז אַ נישטיקע סומע.

איז ער אַוועק קיין ראָדעזיע. אין ראָדעזיע האָט ער געהאַט נייע שותפים, נייע פריינד — אָבער אָפּנאַרעריי און שווינדל האָבן אים ארומגערינגלט פון אַלע זייטן. ער האָט אַלץ פאַרלוירן. אפילו זיין לעבן איז שוין געשטאַנען אין קאָן. האָט אים באַהערשט אַ יאוש, אַ שנאה און אַ שרעק פאַר מענטשן. איז ער אַוועק צו די פּרימיטיווע, צו די שוואַרצע.

שווער איז געווען די ערשטע צייט. ס'איז שווער געווען צו געווינען דעם צוטרוי פון די אַפריקער. אָבער מיט דער צייט איז אַלץ רעכט געוואָרן. איצט איז שוין באַלד צוויי צענדליק יאָר זינט ער פירט אַזאַ לעבן.

לעצטנס שפּירט ער זיך ערגער. דער עלטער קומט אָן. די עלנטקייט שרעקט אים... צייטנווייז וויל ער פון דאַנען אַנטלויפן; אָבער ער שרעקט זיך פאַר די ווייסע... וואָס וועט פון אים דאָ ווערן?

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

עס האָט אָנגעהייבן בלייכן אויף טאָג. עס איז שוין געווען מעגלעך צו אונטערשיידן בוים פון בוים. אַלץ ארום איז געווען פאַרזונקען אין שטילקייט. די גראָע גראָזיקע אַפריקער־געצעלטן האָבן אויסגעזען, ווי ווייסע מצבות אויף אַן אַלטן בית־עולם.

די טראַגישע לעבנגעשיכטע האָט געדריקט דאָס האַרץ און געפּייניקט. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיין לעצטע פראַגע: „וואָס וועט פון מיר דאָ ווערן?" איז געבליבן הענגען איבער אונדזער וואָגן־געלעגער און געפּאָדערט אַן ענטפער...

פלוצלונג האָט ער זיך אוועקגעזעצט, און אָנווייזנדיק מיט דער האַנט, האָט ער געזאָגט מיט א שטימע געשטיקט פון טרערן: „איר זעט אָט די שורות ביי־מער? לויט א לעגענדע, וואָס ווערט דערציילט ביי די אפריקער, שטאַמען די דאָזיקע ביימער פון די שפּיזן פון דעם קעניג מוואַנאַמביניס סאָלדאטן, וואָס זיי־נען דורך כישוף לעבעדיקערהייט אריין אין דער ערד צוזאַמען מיט זייערע בהמות און פאַרמעגנס, כדי ניט אריינצופאַלן אין די הענט פון מוואַנאַמביניס גרויסן שונא — דעם קעניג סעאַקאַנאַלינאַנגא. דער קעניג מוואַנאַמביני מיט זיין ארמיי לעבן נאָך איצטער אונטער דער ערד; און פון זייערע שפּיזן זיינען ארויסגעוואַקסן די דאָזיקע ביימער".

„אזוי דערציילן די אפריקער; און ווען איך הער דאָס דערציילן, טראַכט איך: צי דען דערמאָנט דאָס ניט מיין גורל צו זיין באגראָבן לעבעדיקערהייט אין דער ערד?"

און ער איז אנטשוויגן געוואָרן.

איך קוק אויף די ביימער, וואָס שטייען אין גלייכע לאַנגע שורות. יאָ, דאַכט זיך, אז די דאָזיקע ביימער זעען טאַקע אויס אַנדערש, ווי די איבעריקע.

איך האָב דערהערט אַ שטילן כליפּען.

אין לאַנד פון „אופיר״

דער יידישער ישוב אין ל. באשטייט אינגאַנצן פון א פּאָר צענדליק פאַמי־ליעס, וועלכע זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער א שטח פון א צוואַנציק מייל פון גאָלד־מינען. זייער יידיש לעבן איז נישט אָרגאַניזירט. זיי האָבן נישט קיין שול און קיין „רעוורענד״. דאָס זיינען מערסטנטייל מיטל־יאָריקע יידן, וואָס זיינען אריבערגעקומען קיין ראָדעזיע אין דער צייט פון צווישן די גרויסע וועלט־מלחמות.

איך האָב דאָרט געפונען בלויז איין יידישן זקן, וואָס איז אין זיינע ייִנגערע יאָרן געווען א פּראָספּעקטאָר. ער איז געווען דער איינציקער יידישער פּראָס־פּעקטאָר, וואָס איך האָב געטראָפן.

זיין נאָמען איז יונה זייד.

* * *

יונה זייד שטאַמט פון א שטאָט אין דרום־רוסלאַנד. זיינע עלטערן זיינען געווען רייך. ער האָט געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע. ער איז געווען פעאיק צו מוזיק, און האָט געשפּילט פידל.

זיינע עלטערן זיינען געווען קרבנות פון די פּאָגראָמען אין אָקטאָבער 1905. יונה זייד האָט אין יענעם יאָר פאַרלאָזן רוסלאַנד, און נאָך פאַרשיידענע גלגולים אין אייראָפּע און אין ענגלאַנד, איז ער געקומען קיין דרום־אפריקע און זיך באַזעצט אין ראָדעזיע.

אין יענער צייט איז ראָדעזיע געווען זייער אַ יונג לאַנד.

אַלץ איז דאָרט געווען אין דער בחינה פון בראשית. די פעלדער זיינען געווען באדעקט מיט הויכע ווילדע גראָזן. לאַנגע, אומענדלעכע שטרעקעס פון געדיכטע וועלדער, פון צעקרימטע און צעהויקערטעביימער פון כל המינים, האָבן באַדעקט די ראָדעזיער ערד. בלויז עטלעכע קליינע ישובים פון אייראָ־פּעער האָבן זיך אָנגעהייבן אנטוויקלען אין א ים פון אפריקער־קראַאַלן.

יידן זיינען געקומען קיין ראָדעזיע צוגלייך מיט די ענגלענדער. די ענג־לענדער האָבן אָנגעהויבן קאָלאָניזירן דאָס לאַנד סיסטעמאַטיש, לויט זייערע אויסגעפּרובירטע מעטאָדן.

זיי האָבן אָנגעהייבן קולטיווירן די ראָדעזיער רויע בראשיתדיקע ערד.

צענדליקער פּראָספּעקטאָרס האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן אין אַלע זייטן צו זוכן און צו נישטערן מיטן ציל צו געפינען ווערטפולע מינעראַלן — די טייערע מע־טאַלן פון גאָלד און זילבער, מיט וואָס ראָדעזיע איז געבענטשט. די ענגלענדער האָבן געהאַט דערפאַרונג און געלט. האָבן זיי דאָס געקענט טאָן.

די יידן אָבער זיינען מערסטנטייל געווען אָרעמע אימיגראַנטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אנונג וועגן קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן נישט געהאַט קיין דער־פאַרונג און קיין טעכנישע צוגרייטונג צו געפינען און צו באארבעטן מינען.

דעריבער האָבן יידן זיך גענומען בלויז צו מסחר. פון בולאַוואַיאָ האָבן אייניקע יידישע גרויסע סוחרים פונאנדערגעשיקט אָרעמע יידן אלס זייערע אגענטן צו פארקויפן זייערע סחורות צווישן אפריקער. אין די הונדערטער קראַאַלן האָבן יידן געעפנט קליינע „שאָפּקעלעך"[1]. זיי זיינען געווען די ערשטע צו פארבינדן די אפריקער־מאסן מיט דער גרויסער וועלט.

יונה זייד האָט נישט געהאַט קיין חשק צו מסחר. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט א ביסל ענגליש, האָט ער געשלאָסן באקאנטשאַפט מיט אייניקע ענגלישע פּראָספּעקטאָרס, און ער האָט באשלאָסן צו ווערן א פּראָספּעקטאָר. ער האָט געקראָגן פון אַ מינען־„אָפיס"[2], אַ „לייסנס"[3], און ער האָט אָנגעהייבן גרייטן זיך צו זיין נייעם פאַרמעסט.

* * *

יונה האָט זיך באַוואָפנט מיט אַ ביקס און מיט אַ רעוואָלווער, גענומען זיין פידל מיט זיך און אַ ביסל שפייז, און איז אוועק פון בולאַוואַיאָ אין דער פאַר אים אומבאַקאַנטער ווילדערניש.

ער האָט געוואַנדערט איבער קרומע וועגן און שטעגן, איבער סטעזשקעס אויסגעטראָטענע פון אַפריקער, אָדער פון חיות. דער וועג איז געווען באַרגיק. אויף די בערג האָט ער געזען בלויז צעגליטע פעלדזן־שטיינער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך באַוועגט יאשטשערקעס און אנדערע קריכעדיקע באשעפענישן. אין די טאָלן האָבן זיין וועג באַשאָטנט אומצאָליקע מימאזעס, אקאציעס, פּאַלמען און אייביק־גרינעביימער.

אויפן וועג פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אין די קראַאַלן, ווו ער פלעגט קריגן שפייז און וואַסער.

ער איז געגאַנגען און האָט געזוכט. ער האָט געזוכט גאָלד. א סך טעג איז ער געגאַנגען און געזוכט.

ער האָט געפונען סקעלעטן פון מענטשן; ווער ווייסט, ווער זיי זיינען גע־ווען. אפשר זיינען זיי אויך געווען פּראָספּעקטאָרס, גאָלד־זוכערס אזוי ווי ער, און דאָ אויף די וועגן איז זייער לעבן אויסגעלאָשן געוואָרן פון הונגער און דאָרשט!?...

אין משך פון טאָג פלעגט ער גיין און נישטערן; אין די אָוונטן פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, אויפקלייבן פאַרדאַרטע צווייגן, מאַכן א פייער, כדי אָפּצו־שרעקן די ווילדע חיות, און האַלטן זיי אויף אזא אופן פון דערווייטנס. ער פלעגט מאכן דאָס פייער, ווי אַן עיגול ארום זיך, און אין עיגול פלעגט ער נעכטיקן.

---

[1] קרעמלעך.

[2] ביוראָ.

[3] פּאַטענט.

איין מאָל האָט מיט אים פּאַסירט אַן אומגלויבלעכער אינצידענט: איין נאַכט, ווען ער איז געלעגן אין דעם עיגול פון ברענענדיקע צווייגן, האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ גרויסע באַוועגונג. ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, און ער האָט דערזען אַ גרויסע מחנה ווילדע הינט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי רוסישע וועלף. ווי זיי האָבן אים דערזען האָבן זיי אָנגעהייבן שטאַרק בילן. האָט ער אָנגעהייבן צוצולייגן מערער צווייגן צו פאַרגרעסערן דאָס פייער. אָבער דאָס בילעריי פון די ווילדע הינט האָט זיך פאַרשטאַרקט, און ער האָט געפילט, אַז זיין לעבן הענגט אויף אַ האָר.

אין יענעם מאָמענט פון דער גרעסטער שפּאַנונג און געפאַר, האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן דעם, וואָס ער האָט געלערנט אין זיינע קינדער־יאָרן וועגן דוד המלך און זיין פידעלע. ער האָט גלייך אַ כאַפּ געטאָן זיין פידל און האָט אָנגעהייבן שפּילן.

ער געדענקט נישט, וואָס ער האָט אין יענעם מאָמענט געשפּילט. ער גע־דענקט אָבער דייטלעך, ווי די ווילדע הינט האָבן גלייך אויפגעהערט בילן. זיי האָבן מיט אויפגעהייבענע קעפּ זיך איינגעהערט צו זיין שפּילן.

ער האָט געשפּילט ביז עס האָט זיך אָנגעהייבן רויטלען דער מזרח. די ווילדע הינט זיינען זיך ביסלעכווייז פונאַנדערגעגאַנגען...

אַזוי דערציילט יונה זייד.

נאָך אַ לאַנגער זוכעניש, האָט אים סוף־כל־סוף אָפּגעגליקט צו אַנטדעקן אַ גאָלד־פעלד. ער האָט דאָ אַוועקגעשטעלט אַ „פּעג", אַ שטעקן, און צום שטעקן האָט ער צוגעשלאָגן אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט, אַז ער, יונה זייד, האָט דאָס אַנטדעקט אין דעם און דעם טאָג, און אין דער שעה, און אָט דער־דאָזיקער גאָלדפעלד געהערט בלויז צו אים אליין.

ער האָט זיך אומגעקערט קיין בולאַוואַיאָ און האָט געקראָגן אַ דערלויבע־ניש צו עפענען און באַאַרבעטן די גאָלד־מינע.

יונה זייד האָט געקראָגן אַ שותף מיט געלט. זיי האָבן איינגעקויפט די נייי־טיקע מכשירים, געדונגען אַ געוויסע צאָל אפריקער מינען־אַרבעטער, און זיי זיינען אַוועק און אָנגעהייבן באַאַרבעטן יענעם גאָלד־פעלד.

אָבער, וואָס מער די אַרבעט אין דער גאָלד־מינע האָט זיך אַנטוויקלט, אַלץ מער קאַפּיטאַל האָט זיך געפאָדערט צו אינוועסטירן. מען האָט געמוזט זוכן נאָך שותפים. און בעלנים אויף צו ווערן שותפים צו אַ גאָלד־מינע האָבן זיך געפונען אַ סך. עס איז דעריבער געווען זייער שווער צו באַשליסן, וועמען פון זיי צו נעמען, און וועמען — נישט. בינו לבינו, האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט פאָרגעלייגט אָפּצוקויפן דעם גאַנצן עסק פאַר אַ גרויסער סומע געלט. האָבן די צוויי שותפים זיך מישב געווען און זיי האָבן דאָס פאַרקויפט.

באַקומענדיק אַ גרויסע סומע געלט פאַר דער גאָלד־מינע, האָבן ביידע, — יונה זייד און זיין שותף, — באַשלאָסן צוזאַמען גיין זוכן גאָלד.

זיינען די צוויי פּראָספּעקטאָרס אַוועק זוכן און נישטערן אין דער ברייטער און פרייער ראָדעזיער ווילדערניש. חדשים לאַנג האָבן זיי געזוכט, דורכגע־לעבט שווערע צייטן און גרויסע געפאַרן.

ענדלעך האָבן זיי געפונען א גאָלד־פעלד. אריינגעשלאָגן אַ „פעג״ מיט אן אויפשריפט און זיך אומגעקערט קיין בולאַוואַיאָ. און דאָ האָבן זיי געקויפט אַלץ, וואָס עס איז געווען נייטיק, גענומען מיט זיך צענדליקער אפריקער, און אוועק באַאַרבעטן און עפענען אַ נייע גאָלד־מינע.

די ארבעט איז אוועק גוט. יונה זייד און זיין שותף האָבן באשלאָסן דאָרט צו באזעצן זיך. האָבן זיי אויפגעשטעלט פאר זיך הייזער. יונה זייד האָט חתונה געהאַט, און דאָס לעבן אין דער גאָלד־מינע איז געפלאָסן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ.

די הכנסה איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

נאָך מערער מאַשינען זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן און נאָך מערער אַפּ־ריקער מינען־אַרבעטער האָט מען געבראַכט. אָבער, צום אומגליק, האָט זיך דער גאָלד־אָדער, דער „ריף״ איבערגעריסן. גראָבנדיק טיפער און ווייטער, כדי אים צוריק צו געפינען, האָט זיך פלוצלונג באַוויזן וואַסער, וואָס האָט נישט גע־לאָזן ווייטער ארבעטן; און די ארבעט אין דער מינע האָט זיך איינגאַנצן אָפּ־געשטעלט.

* * *

יונה זייד איז ווידער אוועק פּראָספּעקטן. ער האָט ווידער געפּרובירט זיין מזל. ער איז געווען זיכער, אז זיין גורל אין לעבן איז צו זיין אַ מינען־מאַגנאַט. ווען ער האָט געהערט וועגן די קלאַנגען, אז ראָדעזיע איז דאָס לאַנד אופיר, צו וועלכן שלמה המלך האָט געשיקט שיפן מיט יידישע מינען־גרעבערס, האָט זיך אים געדאַכט, אז ער זעצט פאָר די אַרבעט פון די אוראַלטע יידן פון שלמה המלך׳ס צייטן.

ער האָט פלוצלונג דערפילט א שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער ראָדעזיער ערד. די פילצאָליקע חורבות, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף די בערג און טאָלן, האָט ער באטראכט ווי די חורבות פון וווינערטער, אָדער פון פעסטונגען, וואָס די אוראַלטע יידן האָבן דאָ געבויט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק.

יונה זייד האָט עטלעכע מאָל פּרובירט עפענען גאָלד־מינען. אָבער עס האָבן אים נישט געקלעקט גענוג כוחות זיי צו באַאַרבעטן, און ער פלעגט זיי מוזן פארקויפן.

דערווייל האָט ער באַוויזן אויפצושטעלן א משפחה. זיינע קינדער האָבן שטודירט אין דער גרויסער שטאָט. ווען זיי זיינען אויסגעוואַקסן, זיינען זיי אוועק אין גאָר אנדערע וועגן.

איצט געפינט זיך יונה זייד ביי זיין חתונה־געהאַטער טאָכטער אין דעם שטעטל ל.

ער העלפט איר אין געשעפט. ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו חלומען וועגן ווערן אַ גאָלד־מאַגנאַט. ער איז צופרידן בלויז צו לעבן אין ראָדעזיע, אין דעם לאַנד „אופיר״, ווו יידן זיינען געווען די ערשטע צו קומען אַהין.

אין גן־עדן התחתון

אַ פאָלקס־לעגענדע דערציילט אזוי:

אמאָל איז געווען א דאָרף־שניידער. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געאַרבעט אין די דערפער צווישן די גויים; אָבער אויף שבת פלעגט ער זיך אומקערן אין שטאָט אריין, כדי צו האַלטן שבת מיט זיין פאַמיליע אין אַ יידישער סביבה.

ויהי היום, איינמאָל א פרייטאָג אין מיטן ווינטער, איז אָנגעפאַלן א גרויסער שניי, וואָס האָט פאַרשאָטן און צוגעדעקט דעם וועג צו דער שטאָט. די גויים פון דאָרף האָבן דעם שניידער געוואָרנט ער זאָל נישט גיין, ווייל ער וועט גע־וויס פאַרבלאָנדזשען. ער האָט אָבער נישט געפאָלגט, און איז אוועק אין שטאָט אריין.

שווער איז געווען דער וועג אין טיפן שניי. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט ער זיך געשלעפט דורך אַ געדיכטן וואַלד. אַ לאַנגע צייט האָט ער געבלאָנדזשעט ביז די זון האָט זיך אראָפּגעלאָזן. ווען דער שניידער האָט געזען, אז עס קומט אָן די שקיעה, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אוועקגעלייגט זיין פעקל אונטער אַ בוים, און זיך אוועקגעשטעלט מקבל־שבת זיין.

ווי ער שטייט אזוי און זינגט די תפילות, דערזעט ער פלוצלונג א שיינעם בנין מיט א סך שטאַרק־באַלויכטענע פענצטער. איז דער שניידער אַהין אוועק און איז אריינגעגאַנגען אין דעם בנין. דאָרט האָט ער געטראָפן די אבות אברהם, יצחק און יעקב, וועלכע האָבן אים מקבל־פנים געווען. און ער האָט דאָרט גע־האָט א גליקלעכן שבת. און שבת־צו־נאַכט האָבן זיי אים מגלה געווען דעם סוד, אז דאָס איז געווען דער גן־עדן התחתון.

אזוי דערציילט די פאָלקס־לעגענדע.

די דאָזיקע מעשה האָט מיר מיין מאַמע דערציילט, ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען. די מעשה האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק.

איך האָב דאַן זייער שטאַרק מקנא געווען יענעם מזלדיקן דאָרף־שניידער, וואָס דער גן־עדן התחתון איז אים אנטקעגן געקומען; און — איך האָב גע־טרוימט וועגן אַזאַ גליק.

פון דאַן אָן זיינען א סך יאָרן אוועק.

איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט גלויבן אין לעגענדעס, און לאַנג שוין פאַרגעסן וועגן א גן־עדן התחתון.

אָבער אין לעבן פון מענטשן קען אלץ זיך מאַכן — אפילו אזעלכע זאַכן, וואָס מען גלייבט נישט אין זיי.

און עס האָט זיך טאַקע געמאַכט, אז איך גופא בין צופעליק געווען איין טאָג אין גן־עדן התחתון.

* * *

דאָס האָט אויך געטראָפן אין מיטן ווינטער. אָבער דאָס איז נישט געווען אין פוילן, אָדער אין ליטע, נאָר אין ראָדעזיע, אין דער זוניקער אפריקע, אין דעם לאַנד פון שניי־לאָזן ווינטער.

דאָס איז פאַרגעקומען אין אָוונט. אַ פינצטערניש האָט זיך געשפּרייט אי־בער די ברייטע ראָדעזיער ווייטקייטן. דער אויטאָמאָביל, אין וועלכן איך בין געפאָרן, איז געלאָפן איבער אַ שמאָלן וועג, און האָט דורכגעשניטן די פינצטער־ניש. ענדלעך איז ער אריינגעפאָרן אין אַ וואַלד אריין, און — פּלוצלונג האָט פאַר מיר אַ בליאַסק געטאָן אַן עלעקטריש־באַלויכטענער בנין.

צוויי גרייז־גראָע יידן האָבן מיך מקבל־פּנים געווען. דאָס זיינען געווען די אבות פון דער יידישער משפחה, וואָס האָט געלעבט דאָרט אין וואַלד.

זיי האָבן מיך אריינגעפירט אין אַ רייך־מעבלירט הויז, וווּ אַלץ האָט שימע־רירט. אלץ איז דאָרט געווען זויבער און פריש.

אַ געדעקטער טיש מיט פרישע פאַרשיידנאַרטיקע מאכלים איז געווען גרייט. די גאַנצע פאַמיליע — די זיידעס און באָבע, פאָטער און מוטער און דריי קינדער, צוויי ייִנגלעך און אַ מיידל, האָבן ארומגערינגלט דעם טיש.

די סעודה איז געווען אַן אָרטאָדאָקסיש־יידישע. די זיידעס און די אייניק־לעך האָבן געמאַכט א ברכה און האָבן געבענטשט. נאָך דער סעודה האָבן די אייניקלעך געגעבן א קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער, וואָס די באָבע האָט זיי געלערנט זינגען.

ווען די קינדערלעך זיינען אוועק שלאָפן, האָב איך מיט דער פאַמיליע פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די זיידעס האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין לומדישע יידן. איינער פון זיי איז געווען אין ליטע א שוחט. זיי האָבן מיר געוויזן א רייכע לומדישע ביבליאָטעק.

די יונגע עלטערן זיינען מאָדערנע פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס האַלטן שטאַרק פון כבוד אב ואם, און זיי לאָזן זיי פירן דאָס הויז אויפן אלטן יידיש־טראַדיציאָנעלן שטייגער.

פון אונדזער לאַנגן שמועס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס לעבן אויפן פאַרם איז איצט נישט דאָס, וואָס עס איז געווען אַמאָל. דער טעלעפאָן און דער ראַדיאָ פאַרבינדן זיי מיט דער גאַנצער וועלט; דער אויטאָמאָביל האַלט זיי נאָענט צו שטאָט. אַ חוץ דעם האָבן זיי אָפטע געסט. אלע יידישע וואַנדערנדי־קע געשעפט־אַגענטן און פעדלערס שטעלן זיך אָפּ ביי זיי צו דערכאַפּן דאָס האַרץ און זיך אָפּרוען.

עס טרעפט, אז עס קומען זיך צוזאַמען עטלעכע יידישע געסט. דאַן ווערט פאַר זיי ספּעציעל געשאָכטן אַ שעפּס, און מען מאַכט א שיינע יידישע סעודה. אָט אזוי פירט די „איינזאַמע פאַרם" אַן אינטענסיוו יידיש לעבן.

פונוואַנען האָבן זיי אזא שיינע הויז מיט אלע מאָדערנע איינריכטונגען?

דאָס האָבן אויפגעבויט די איטאַליענישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן אין משך פון די מלחמה־יאָרן געאַרבעט ביי זיי אויפן פאַרם.

די יעניקע איטאַליענער זיינען געווען זייער געראָטענע מענטשן. זיי האָבן יך צו אַלץ אויסגעטויגט.

עס איז געוואָרן שפּעט. מען האָט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ, און — אין איין אויגנבליק זיינען מיר געווען אין קאָנטאַקט מיט דער גרויסער וועלט.

מיר האָבן נאָך באַוויזן צו הערן די לעצטע נייס.

* * *

דאַכט זיך, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געשלאָפן אזוי געשמאַק, ווי יענע נאַכט אויפן פאַרם. מיין שלאָף איז געווען איין לאַנגער זיסער חלום. איך האָב געחלומט, אַז איך בין אין גן־עדן התחתון...

אינדערפרי, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון הויז, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ פּרעכטיקע וועלט, וואָס האָט זיך געטובלט אין זון־שטראַלן.

אַנטקעגן דעם הויפּט־אַריינגאַנג צום הויז איז געווען אויסגעשפּרייט אַ גרויסער בלומען־גאָרטן אין דער פאָרם פון א מגן־דוד. די יונגע בעל־הביתטע איז א האָרטי־קולטוריסטין. אירע בלומען פאַרנעמען א חשובן אָרט אויפן שטאָטישן מאַרק. די גאַנצע הכנסה פון די בלומען גיט זי אוועק פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע פאָנדן. דער דאָזיקער גרויסער בלומען־מגן־דוד לייגט א יידישן שטעמפּל אויפן פאַרם; און די באַלעבאָסטע איז זייער שטאָלץ דערמיט.

אַרונטער, נאָך דעם בלומען־גאָרטן, שפּרייט זיך אויס א טיפער און ברייטער פרוכט־גאָרטן, אין וועלכן עס געפינען זיך אייניקע פון צווייגן אויסגעפלאָכטענע אַלטאַנקעס.

די איטאַליענישע קריגס־געפאַנגענע פאַרם־אַרבעטער האָבן אַ סך אַרבעט און שיינקייט אַריינגעלייגט אין דעמדאָזיקן פאַרם. זיי האָבן אים געגעבן אַ שיינעם קינסטלערישן אויסזען.

די שורה הייזלעך פאַר די פאַרם־באַדינער פון איין זייט פון פרוכט־גאָרטן, און די שורה פון די פאַרשיידענע ספּאָרט־ און שפּיל־איינריכטונגען פון דער אנדער זייט, האַרמאָנירן מיט די שווער־באַלאָדענע פּאָפּאָ־ביימער און מיט דער שפע פון גאָלדענע אַפּעלסינען און ציטרינען, וועלכע פילן אָן די לופט מיט פאַרשכורנדיקע ריחות.

ביידע זיידעס, די אבות פון דער פאַמיליע, האָבן מיך גענומען אויף אַ שפּאַציר איבערן פרוכט־גאָרטן, וואָס ציילט טויזנטער ביימער פון פאַרשיידענע זומער־ און ווינטער־פרוכטן.

נאָכדעם האָבן זיי מיך געפירט ווייזן די עופות און בינען־צוכט, די שטאַלן פאַר די פערד און בהמות.

די צוויי גרייז־גראָע יידן זיינען געווען שטאָלץ מיט דער רייכקייט פון זייערע קינדער.

איך גופא האָב זיך אויך געפילט שטאָלץ מיט דעם, וואָס יידישע ארבעט, יידישע ענערגיע, איניציאַטיוו און אַמביציע קען שאַפן אין דער טרוקענער און הייסער ראַדעזיע.

נאָכמיטאָג, ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט די מיטגלידער פון דער פאַמיליע, האָב איך זיי דערציילט די מעשה מיטן דאָרף־שניידער, וואָס איז געווען אַ שבת אין גן־עדן התחתון.

איך האָב זיי געזאָגט, אז ווען איך בין צו זיי געקומען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער דאָזיקער מעשה, און איך האָב געמיינט, אז מיר האָט אויך געטראָפן דאָס זעלבע, — אז איך בין געקומען אין גן־עדן התחתון.

דער „קאָנצעסניק“

גדליה פאַרב איז געקומען קיין דרום־אפריקע פונקט א יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַן אַדרעס פון א ווייטן קרוב האָט אים געבראַכט אין א קליין שטעטל, אין דער קייפּ־פּראָווינץ.

ער האָט זיך דאָרטן באַזעצט און אָנגעהייבן האַנדלען. די ערשטע צייט האָט ער שטאַרק געפּינצטערט. מיט א פּאַק סחורה אויף דער פּלייצע האָט ער געוואַנדערט פון פאַרם צו פאַרם און „געטאָן ביזנעס“.

מיט דער צייט האָט ער זיך דערוווּסט, אז די קייפּ־פּראָווינץ איז נאָך נישט די אמתע אפריקע. אויב מען וויל „מאַכן געלט“, מוז מען פאָרן העכער, ווייטער, אזש קיין ראָדעזיע. דאָרט איז די אמתע אפריקע. דאָרט קען מען רייך ווערן.

איז גדליה פאַרב געוואָרן אומצופרידן מיט זיין גורל. עס האָט אים אָנגעהייבן ציען צו גיין ווייטער, צו פּרובירן זיין מזל דאָרט, אין דער ווייטער ראָדעזיע.

איז ער געקומען קיין ראָדעזיע מיט א ביסל קאַפּיטאַל און אויך מיט א ביסל ענגליש. גדליה פאַרב האָט געפונען דאָרטן א ברייטע און פרייע וועלט אין אָנהויב פון איר אַנטוויקלונג. האָט ער זיך באַזעצט אין איינער פון די געציילטע שטעט, געעפנט אַ געשעפט און אָנגעהייבן האַנדלען מיט בהמות.

געלעבט האָט גדליה פאַרב אין דעם סטאַטישן האָטעל. אין דעמדאָזיקן האָטעל האָט ער זיך באַקאַנט און שטאַרק באַפריינדעט מיט איינעם פון די ערשטע פּיאָנערן אין ראָדעזיע, וואָס איז געווען אַ דירעקטאָר פון אַ מינען־סינדיקאַט.

האָט זיך געמאַכט, אז דער סינדיקאַט האָט געעפנט נייע מינען פון אסבעסטאָס און אייזן. האָט גדליה פאַרב באַקומען די קאָנצעסיע צוצושטעלן אין די דאָזיקע מינען אלע נייטיקע אַרטיקלען פאַר די מינען־אַרבעטער. נאָר ער איינער האָט געהאַט דאָס רעכט צו עפענען דאָרטן געשעפטן.

די מינען האָבן זיך מיט דער צייט שטאַרק אַנטוויקלט און פאַרברייטערט. אויף א שטח פון א צענדליק מייל זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן הונדערטער צינקענע הייזקעס, אין וועלכע עס האָבן געלעבט טויזנטער אפריקער. א סך פון זיי האָבן דאָ געלעבט מיט זייערע ווייבער און קינדער.

גדליה האָט אין שכנות מיט די דאָזיקע הונדערטער הייזקעס אויפגעשטעלט צינקענע בנינים פאַר זיינע געשעפטן און אויך דירות פאַר זיינע אָנגעשטעלטע, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען יידישע בחורים.

פאַר זיך גופא האָט ער אויסגעבויט א גרויסע צינקענע הויז, רייך אויסגעמעבלירט און באַשלאָסן אָנצוהייבן פירן א פאַמיליע־לעבן. עס האָט לאַנג

נישט געגומען און ער האָט געקראָגן זיין באַשערטע. ער האָט זי אריבערגע־בראַכט צו זיך און איר געגעבן 5 באַדינערס.

אזא מאָדע איז שוין אין ראָדעזיע: יעדע פאַמיליע האָט 5 אָדער 6 שווארצע באַדינערס. יעדערער פון זיי האָט זיין „ספּעציאַליטעט״: איינער קאָכט, א צווייטער פּאַסט אויף די קינד־געשיר, א דריטער איז דער ממונה אויף די וועש, אַ פערטער — וואַשט די פּאָדלאָגעס און רייניקט דאָס הויז, א פינפטער — פּוצט די שיך און סערווירט דעם טיש. אויב עס איז דאָ אַ קינד אין שטוב, קומט־צו נאָך אַ באַדינער.

ווי נאָר עס איז געקומען די יונגע מרס. פּאַרב, האָט זיך דאָס לעבן ארום דער מינע געביטן. אַ „טעניס־קאָרט״ איז געמאַכט געוואָרן לעבן איר הויז, און זונטאָג איז געוואָרן אַ טאָג פון טעניס פאר אַלע אָנגעשטעלטע. לעבן דער ווע־ראַנדע איז פאַרפלאַנצט געוואָרן א שיינער בלומען־גאָרטן. אין מאַנכע אָוונטן פלעגן זיך אַלע צוזאַמענקומען אויף דער ברייטער וועראַנדע און צוזאַמען פאַרברענגען.

אין אזוינע אָוונטן פלעגט דער גראַמאַפאָן דורכפירן א גרויסע יידישע נאַ־ציאָנאַלע שליחות. די חזנישע פּלאַטן, די יידישע פּאָלקס־לידער און טעאַטער־קופּלעטן, פלעגן שאַפן אַ יידישע אַטמאָספער. די קליינע גרופּע יידן, — פאַר־וואָרפענע צווישן גראָ־טונקעלע בערג, צווישן אַ שוואַרץ־הויטיקער פרעמדער מענטשן־מאַסע, — פלעגן זיך דערפרישן און באהעפטן זיך ווידער מיט זייער פאָלק. ווען נישט די יידישע פלאַטן, וואָלט אפשר אלץ, וואָס עס איז יידיש פאָלקסטימלעך, פארגעסן געוואָרן ביי זיי.

אָבער נישט צו־אָפט האָט מען דעמדאָזיקן פאַרגעניגן געקענט זיך דער־לויבן. אַ גאַנצע וואָך האָט מען אזוי שווער געאַרבעט, אז אין די אָוונטן פלעגט מען פאַלן, ווי סנאָפּעס...

די ארבעט אין די קאָנצעסיע־געשעפטן איז זייער א שווערע. פון גאַנץ פרי ביז דער שקיעה געפינען זיך די אָנגעשטעלטע אונטער די הייסע דעכער פון גאַלוואַניזירטע בלעכן. די געשעפטן זיינען כמעט א גאנצן טאָג פול מיט האַלב־נאַקעטע שוואַרצע פרויען און קינדער. דאָס געשעפט איז פאר זיי אַ מין קלוב. די אפריקער־פרויען קומען מיט זייערע קינדער אויף די פּלייצעס, און שעהענלאַנג שטייען זיי גרופּעסווייז און שמועסן. דער טומל ארום איז געוואַל־דיק גרויס. פון זייערע פאַרשוויצטע לייבער שלאָגט א שווערער גערוך, וואָס מאַכט די אָנגעגליטע לופט אין געשעפט אומדערטרעגלעך. די אָנגעשטעלטע מוזן כסדר זיין אויף די פיס: דאָ פאַרקויפן, דאָ היטן; און שוויס גיסט זיך. און וואָס מערער שוויס עס גיסט זיך, אַלץ מער גיסט מען אין זיך אריין דאָס וואַסער פון פעלן־פלאַש. דעריבער זעען אויס כמעט אלע אָנגעשטעלטע בלאַס און אויסגעשעפּט.

אזוי גייען פאַרביי די וואָכעדיקע ארבעטס־טעג.

בלויז שבת פארנאכט ענדיקט זיך דער דאָזיקער גיהנום, און עס הייבט זיך אָן א ניי לעבן.

דאָס באַוווסטזיין, אַז זיי האָבן אַ מעת־לעת צו רוען, מאַכט די אַפריקער מינען־אַרבעטער אויסערגעוויינלעך פריילעך. זיי קלייבן זיך צונויף אויף אַ ברייטן פלאַץ, און זיי טאַנצן זייערע שבטים־טענץ אונטער דער באַגלייטונג פון זייער אייגנאַרטיקער מוזיק. אַ לעדערנער פויק און נאָך מוזיקאַלישע משונהדיקע „אינסטרומענטן״ ווערן אוועקגעשטעלט אין מיטן פלאַץ. די „מוזיקאַנטן״ קלאַפּן אין פויקן, באַגלייט פון אַ גרופּע זינגערס, קוויטשערס און פייפערס. און צו די קלאַנגען פון דער דאָזיקער ווילדער מוזיק באַוועגט זיך אַ ברייטע מענטשן־ראָד: מוטערס מיט קינדער אויף די רוקנס, מיידלעך און בחורים, זינגענדיק און טאַנצנדיק, דרייען זיך קאָנוווּלסיוו צום טאַקט. די דאָזיקע טענץ דויערן שעהענלאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

* * *

אַ סך יאָרן זיינען פאַרבייגעגאַנגען. דאָס לעבן אין ראַדעזיע האָט זיך פיל געענדערט. נייע מינען זיינען אַנטדעקט געוואָרן און נייע ישובים זיינען אויס־געוואַקסן אַרום זיי. אויך גדליה פאַרב׳ס געשעפטן האָבן זיך פיל פאַרגרע־סערט. אָבער זייער ווייניק יידישע אָנגעשטעלטע זיינען ביי אים איבערגעבליבן. זיינע אַמאָליקע יידישע אָנגעשטעלטע זיינען אין גרעסטן טייל געוואָרן אַליין קאָנצעסניקעס אַרום די ניי־געעפנטע מינען.

דערפאַר אָבער האָט ער איצט אַן אייגענע גרויסע פאַמיליע. ער האָט דערוואַקסענע זין און שוין אויסגעגעבענע טעכטער. זיינע זין און איידעמס העלפן אים פירן די געשעפטן. אַנשטאָט די אַמאָליקע יידישע אָנגעשטעלטע שטייען איצט אַפריקער אַלס פאַרקויפער אין די געשעפטן. נייע הייזער זיינען צוגעקומען; גרעסער איז געוואָרן די יידישע משפּחה צווישן יענע גראָע טונ־קעלע בערג.

אָבער גדליה פאַרב איז נישט צופרידן. ער באַקלאָגט זיך אויף דער פּוסט־קייט פון לעבן. זיינע זין און טעכטער קענען נישט דולדן די חזנישע פּלאַטן; זיי שפּאָטן אָפּ פון די יידישע פאָלקס־לידער און טעאַטער־קופּלעטן. זיי האָבן ליב דזשעז, — כמעט דאָס זעלבע ווי די אַפריקער־מוזיק, וואָס פּילט אָן די לופט אַרום די מינען יעדן שבת פאַרנאַכט. און גדליה פאַרב טראַכט זייער אָפט וועגן דער ווירקונג פון דער אַפריקער־אַטמאָספער אויף זיינע קינדער.

זיי, די אַפריקער, ווייסן נישט פון קיינע זאָרגן. זיי ווייסן גאָרנישט וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט, און זיי טראַכטן נישט וועגן זייער צוקונפט. זיי זיינען צופרידן מיטן איצטיקן מאָמענט. זיי, די אַפריקער, זיינען נישט פאַראינטערע־סירט אין קיינע פּראָבלעמען. עס אַרט זיי קיין זאַך נישט.

און גדליה׳ען דאַכט זיך אויס, אַז זיינע קינדער און איידעמס זיינען כמעט פון דעם זעלבן מין: זיי זיינען פּוסט־און־פּאַסניקעס.

זיי לייענען נישט און זיי לערנען נישט. זיי זיינען אויך נישט פאַראינטערע־רעסירט אין קיינע פּראָבלעמען. עס אַרט זיי קיין זאַך נישט. ער האָט דעם איינדרוק, אַז זיי טראַכטן בכלל נישט. זיי לאָזן אַלץ צו אים. ער דאַרף טראַכטן פאַר זיי...

ער קריגט יידישע און ענגליש־יידישע פרעסע. אָבער זיינע קינדער איג־נאָרירן דאָס.

און גדליה פאַרב בענקט נאָך יענע טעג, ווען זיינע יידישע אָנגעשטעלטע בחורים פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין די אָוונטן אין זיין הויז; דער גראַמאַפאָן פלעגט שפּילן יידישע פּלאַטן, און אַלע צוזאַמען פלעגן מיטזינגען מיטן גראַמאַ־פאָן די האַרציקע יידישע תפילות, לידער און טעאַטער־שטיק.

אין יענע צייטן האָט ער זיך געפילט א סך רייכער און גליקלעכער, ווי איצט. ער האָט געהאַט מיט וועמען זיך דורכצושמועסן, דורכלופטערן דערי־נערונגען און אָפּפרישן דעם געדאַנק.

וואָס איז די פּעולה פון זיין איצטיקער גרויסער עשירות, אז ארום אים איז אזוי פּוסט?

ער טראַכט איצט זייער שטאַרק צו אנטלויפן, צו פארלאָזן די קאָנצעסיע־געשעפטן מיט זייערע גליקן און זיך אומקערן צוריק צו א יידישן ישוב אין שטאָט, וווּ ער וועט געפינען אַ יידישע אַטמאָספערע און אַ יידיש לעבן.

דער פּיאָנער

איצט האָט שוין טשילימאַנזע אַן אויסזען פון א פיינעם אפריקאַנער שטעטל: צוויי שיין פארבויטע גאַסן, עטלעכע גרעסערע געשעפט־הייזער, אַ קירך און אַ מלוכה־שול.

אָבער סך־הכל מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק איז טשילימאַנזע געווען אַ שטיק נאַקעט פעלד אין מיטן פון אומענדלעכן, געדיכטן בוש, ווו לייבן און לעמפּערטן פלעגן פארצוקן די מאַיעסטעטישע הירשן.

אָט צו דעם וויסטן פעלד האָבן דעמאָלט דערגרייכט דריי בורישע פאַמי־ליעס, „טרעקערס"[1]) פון דער טראַנסוואַל, מיט זייערע לאַנגע, ברייטע בורן־וואָגנס, געשפּאַנטע צו צענדליקער אייזלען און אָקסן, אָנגעטריבן פון זייערע אַפריקער.

חדשים לאַנג האָבן זיי געוואַנדערט איבער בערג און טאָלן, איבער פליינען און דורכן בוש, ביז זיי האָבן פאַר זיך דערזען אַ ברייט פעלד, באַוואַקסן מיט הויכן ווילדן גראָז. אין מיטן פעלד האָט זיך געשלענגלט אַ שמאָל טייכל מיט קלאָרן, דורכזיכטיקן וואַסער.

האָבן זיי דאָ אויסגעשפּאַנט די אָקסן און די אייזלען, און — אויפגעשטעלט געצעלטן. דאַן האָבן זיי על פּי גורל צעטיילט צווישן זיך דאָס פעלד און זיינען צוגעטראָטן צו באַאַרבעטן יעדערער זיין חלק.

זייערע אפריקער האָבן אינגיכן אויסגעשפּירט די געגנט ארום און ארום, און באַלד זיינען פון די ארומיקע קראַאַלס געקומען נעגערס זוכן ביי די ווייסע מענטשן פאַרדינסט. זיי האָבן געהאָלפן באַאַרבעטן די פעלדער, אָפּהיטן די טשערעדעס פון די ווילדע חיות, און אויך באַהילפיק זיין ביים פלאַנצן פרוכט־ביימער און גרינס־גערטנער.

אזוי האָט אָנגעהייבן צו שפּראָצן דער נייער ישוב טשילימאַנזע אין רעכטן מיטן פון דער וויסטעניש.

דער ערשטער ייד איז אָנגעקומען אין דעם נייעם ישוב שפּעטער אַ ביסל, נאָכדעם, ווי עס איז אויפגעבויט געוואָרן די באַן־ליניע סאָלסבורי־בולאַוואַיאָ, און — טשילימאַנזע איז געוואָרן אַ באַן־סטאַנציע.

ראָבערט גוטקינד הייסט אָט דער יידישער פּיאָנער פון טשילימאַנזע. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל הייזער און געשעפטן געהערט היינט צו אים. און זיין

---

[1]) וואַנדערערס, וואָס פלעגן מיגרירן.

אריבערקומען פון דעם היימישן ליטווישן שטעטעלע מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק, אזוי ווייט, אזש קיין ראָדעזיע, איז פארבונדן מיט אזא מין געשיכטע:

אין זיין געבוירן־שטעטל, אין דער ליטע, איז ער געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „רחמיאלקע דעם שוסטערס". ער האָט געלערנט אין חדר ביז צוועלף יאָר. געהאַט האָט ער אפילו ניט קיין שלעכט קעפל, אָבער ער איז געווען אַ שטיפער, אַ יונגאַטש, אַנגעטאָן די עלטערן בזיונות.

האָט אים זיין פאָטער צוגענומען צום וואַרשטאַט, און צו דער בר־מצווה האָט שוין רחמיאלקע געקענט לייגן אַ פיינע לאַטע אויף אַ שטעטלשן אויסגע־טראָגענעם שטיוול.

די עלטערן זיינען געווען מיט אים צופרידן: ער האָט געהאָלפן צו פאַר־דינען חיונה.

דערפאַר, אָבער, איז רחמיאלקע גופא ניט געווען צופרידן. ער האָט פיינט געהאַט דאָס שטענדיקע זיצן ביים וואַרשטאַט. עס האָט אים געצויגן צו דער גאַס, צו פריילעכער קאָמפּאַניע.

אין די ווינטערדיקע בין השמשותן פלעגט רחמיאלקע צוזאַמען מיט אלע שטעטלשע קינדער אונטערהערן אין בית מדרש, צווישן מנחה און מעריב, די שמועסן פון די „גרויסע".

האָט ער אויך געהערט דערציילן וונדער וועגן אפריקע, — דעם לאַנד פון גאָלד און בריליאַנטן, וווּ ליטווישע קליינשטעטלדיקע יידן זיינען מיטאַמאָל רייך געוואָרן און זיי לעבן אין פּאַלאַצן, ארומגערינגלט מיט וויינשטאָקן און אַפּעלסי־נען־ביימער. האָט רחמיאלקע זיך אריינגענומען אין זינען צו פאָרן קיין אפריקע און אויך ווערן רייך.

ווען רחמיאלקע איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, איז ער אוועקגעפאָרן מיט באַ־קאַנטע קיין לאָנדאָן. דאָרטן איז ער געזעסן אַ יאָר אין א שוסטער־וואַרשטאַט, און פון דאָרט איז ער אוועק קיין אפריקע.

אין יאָהאַנעסבורג האָט רחמיאלקע איבערגעלעבט א גרויסע אנטוישונג. ער האָט זיך דערוווסט, אז דאָס גאָלד און די דימענטן גראָבן גאָר די שווארצע, און ניט פאַר זיך, נאָר פאר עפּעס סינדיקאַטן אזוינע.

ער איז געוואָרן שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, און א צעבראָכענער זיך אַוועקגעשטעלט, גלייך ווי אַלע „גרינע", אויף קאָמישיאָנער־גאַס זוכן באַשעפ־טיקונג.

האָט אים זוסמאַן דער מילכמאַן באַמערקט, צוגענומען צו זיך אויפן וואָגן, און ער פלעגט מיט אים ארומפאָרן פונאַנדערפירן מילך איבער די הייזער.

זוסמאַן האָט אים אויך אריבערגענומען צו זיך וווינען אין דער קליינער בלעכענער הייזקע.

צוויי לאַנגע בענק און אַ טיש זיינען געווען גאָר דאָס מעבל אין שטוב. דעם גאַנצן טאָג פלעגן זיי אָפּקומען מיט שהי־פּהי. דערפאַר, אָבער, פלעגט זוסמאַן אין אָוונט פאַרקאַשערן די אַרבל, אָנשיילן קאַרטאָפל, איינזאַלצן פלייש, און אויסקאָכן א געשמאַקע היימישע וועטשערע פארביידן.

גאָר א גרויסער מייסטער איז זוסמאַן געווען צו מאַכן דעם שבתדיקן קוגל, וואָס ער פלעגט אריינטאָן אין אַן ארבל פון אַ העמד אנשטאָט א קוגלטאָפּ.

רחמיאלקע מיט זוסמאַנען זיינען געוואָרן פריינד, ביז אַן אומגעריכטער אינצידענט האָט פּלוצלונג געמאַכט א סוף צו זייער פריינדשאַפט און צו רחמיאלקעס שטעלע גלייכצייטיק. די סיבה פון דעם איז געווען אַן אַלטער מאַטראַץ.

מאַטראַצן זיינען רחמיאלקען געווען באַקאַנט בלויז פון די שויפענצטער אין די גרויסע געשעפטן. זינט ער איז געוויר געוואָרן, צו וואָס עס דינט אַ מאַטראַץ, האָט ער אין די נעכט, ליגנדיק אויף דער הארטער באַנק, געגומען טרוימען וועגן אָט דעם אויסטערלישן חפץ.

מאַכט זיך גראָד רחמיאלקען פאַרבייצוגייין פאַרביי אַ ליציטאַציע, ווען מען האָט פאַרקויפט אויך אַן אַלטן מאַטראַץ פאַר שפּאָט־ביליג. האָט ער ניט לאַנג געטראַכט, געקויפט דעם מאַטראַץ און אים געבראַכט אהיים.

ווען זוסמאַן האָט דערזען דעם מאַטראַץ, איז ער געוואָרן אַן אַנגעצונדע־נער: סטייטש! היתכן? גרין ווי גראָז, און שוין אַ מאַטראַץ! ער, זוסמאַן, איז שוין יאָרן אין אפריקע און נאָך אַלץ זיך ניט פאַרגונען אזא לוקסוס. האָט ער אָנגעהייבן צו שרייען: „הולטיי! זולל וסובא! שוין זאָלסטו אָפּטראָגן צו־ריק דעם מאַטראַץ!" רחמיאל איז זיך געשטאַנען רואיק, געלאָסן און געקוקט זוסמאַנען אין די אויגן מיט אַ שפּאָטישן שמייכל: „און אז דו ביסט אַן אַלטער פערד, בכן דארף איך דיר נאָכטאָן?" איז זוסמאַן גאָר ארויס פון די כלים און האָט מיט רציחה ארויסגעוואָרפן רחמיאלקען מיטן מאַטראַץ צוזאַמען פון זיין שטוב ארויס.

רחמיאל איז ניט געווען פון די, וואָס גיבן זיך אונטער און בעטן זיך ביי יענעם. עטלעכע טעג האָט ער זיך ארומגעבלאָנקעט, ביז ער איז געקומען צום באַשלוס, אז אייגנטלעך טויג גאָר ניט פאַר אים צו זיין אין א גרויסער שטאָט. האָט ער פארלאָזן יאָהאַנעסבורג און איז אוועק זוכן מזל אויף דער פּראָווינץ.

אין משך פון צוויי יאָר האָט ער געביטן עטלעכע שטעלעס. ער האָט אָפּ־געשפּאָרט א ביסל געלט, און ער איז אוועק זוכן אַ פּלאַץ פאַר אַן אייגענער קראָם. ער האָט געוואַנדערט מיט דער באַן פון שטעטל צו שטעטל, ביז ער איז אָנגעקומען קיין דרום־ראָדעזיע; און אין טשילימאַנזע איז ער שוין געבליבן.

אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן די באַן־רייזנדער דערזען דורך די פענצ־טער לעבן וואָקזאַל טשילימאַנזע א ניי צינענע הייזל, און איבער דעם — א גרויסן שילד מיט דער אויפשריפט:

"GENERAL DEALER ROBERT GOOTKIND"

און עס איז אוועק! די פאַרמערס האָבן גענומען קליידער, וועש און אלער־ליי ארטיקלען, און זיי האָבן געצאָלט מיט בהמות, פעלן, תבואה און עופות. די אפריקער פון די ארומיקע קראַאַלס האָבן געבראַכט פעלן פון פארשיידענע חיות, און אויסגעביטן דאָס אויף פאַרשיידענע ארטיקלען, עסן און אויף שפּיל־צייג.

אינגיכן זיינען אין שכנות צוגעקומען נאָך עטלעכע פאַרמערס. גוטקינד האָט די נייע פארמערס געהאָלפן איינאָרדענען זיך. ער האָט זיי געליען בהמות און תבואה אויף זריעה.

אַ ווינקל פון זיין קראָם האָט גוטקינד אָפּגעגעבן פאר אַ פּאָסט־ביוראָ.

טשילימאַנזע איז געוואַקסן, ווי „אויף הייוון".

גוטקינס קראָם איז געוואָרן אַ מין קלוב פאַר די שוואַרצע. גאַנצע טעג פלעגן זיי דאָרטן פאַרברענגען צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און קינדער.

דערפון האָט גוטקינד אין גיכן אויסגעבויט אַ ריי נייע הייזער אין טשילי־מאַנזע — פאר זיך, פאר די קרובים, וואָס ער האָט אריבערגעבראַכט פון דער ליטע אהער, און שפּעטער, — ווען טשילימאַנזע האָט שוין פאַרמאָגט אַ מלוכה־שול און אַ פּאָסט־אַמט מיט אַ טעלעגראַף, — האָט גוטקינד געבויט הייזער אויך פאַר די לערער און באַאַמטע.

ער האָט געעפנט נאָך אַנדערע געשעפטן. זיין רייכטום איז געוואַקסן, און טשילימאַנזע איז געוואַקסן.

חתונה געהאַט האָט גוטקינד מיט אַן אפריקאַניזירטער יידישער מיידל: אירע עלטערן האָבן זי אריבערגעבראַכט קיין ראָדעזיע, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. זי האָט שוין דאָ באַזוכט די ענגלישע שול, האָט זיך אויסגעלערנט צו ביסלעך שפּילן קלאַוויר, טעניס, ברידזש, און — האָט געלייענט ענגלישע ביכער.

נאָך דער חתונה האָט גוטקינד אויפגעבויט פאַר זיך נאָך אַ שענערע הויז, אָפּגערוקט עס ווייטער פון געשעפט, און ארומגערינגלט מיט אַ סאָד פון פּאַל־מעס, פּאָ־פּאָס, פערסיקעס, אפריקאַסן און אַנאַנאַסן־ביימער. די וועראַנדע איז געווען ארומגעוועבט מיט בלומען.

און פון דעם אַמאָליקן „רחמיאלקע דעם שוסטערס" איז געוואָרן דער גוט באַקאַנטער — איבער אַ גרויסן טייל פון ראָדעזיע — מיסטער ראָבערט גוטקינד.

אין די פאַרנאַכטן קלייבן זיך געשעפט־באַקאַנטע, קריסטן און יידן, ביי אים צונויף אויף א „סאַנדאַונער" (שקיעה־טרונק), און אין די אָוונטן — אויף ברידזש־פּאַרטיס.

אַמאָל שפּילט מיסיס גוטקינד פאַר די געסט קלאַוויר.

אָבער אַן אַנדערש מאָל, ווען די געסט זיינען דורכויס יידן, נעמט זיך מיסטער גוטקינד אליין צום גראַמאַפאָן. ער קלייבט אויס די יידישע פּלאַטעס. אין דער אמתן פילט ער ניט קיין טעם אין זיין ווייבס שפּילן; און די ענגלישע דזשאַז־פּלאַטעס דענערווירן אים גאָר. דערפאַר אַ יידיש „חזניש שטיקל" אויפן גראַמאַפאָן וועקט ביי אים די צאַרטסטע געפילן. אַמאָל רופט עס אפילו ארויס אַ זיפץ, אַ טרער...

ווען־ניט־ווען פאַרבלאָנדזשעט אַ משולח אַזש קיין טשילימאַנזע. איז ער מיסטער גוטקינדס גאַסט.

אָ, מיסטער גוטקינד לאָזט זיך קאָסטן אויף דער „קאָנגרעגיישן", אויף זיין „קאָנגרעגיישן". ער גיט אויך אַ פיינע נדבה דעם משולח אויף דער ישיבה

אין דער היימישער ליטע. מיסטער גוטקינד ווערט פונעם משולח א ביסל סענ־טימענטאַל. די יוגנט־זכרונות פאַרכליניען אים, און ער צערעדט זיך פארן גאַסט. דעמאָלט שילדערט ער מיט שטאָלץ, ווי ער האָט אויפגעבויט טשילימאַנ־זע, זיין טשילימאַנזע. ער דערציילט זיין ביאָגראַפיע. מיט א באזונדער הנאה דערציילט ער וועגן זוסמאן דעם מילכמאַן און די מעשה מיטן מאַטראַץ; און מיט צופרידנקייט גיט ער צו, אז זוסמאַן איז נאָך ביז היינטיקן טאָג דער זעלבער אָרעמער מילכמאַן אין יאָהאַנעסבורג. ווען ניט די מעשה מיטן מאַטראַץ, — פאַרענדיקט ער זיין דערציילונג, — וואָלטן אפשר ער און טשילימאַנזע איצטער גאַנץ אנדערש אויסגעזען.

אַ מענטשנס גורל

חיים האַמעלער איז געווען אַ תלמיד פון „כנסת בית יצחק"־ישיבה אין סלאָבאָדקע. פּלוצלונג איז אים נמאס געוואָרן סלאָבאָדקע. האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין טעלז. ער האָט ניט לאַנג געטראַכט, האָט גענומען זיינע פּעקלעך, און איז אוועק צו דער באַן־סטאַנציע. אַנשטאָט דעם צוג קיין ליבוי האָט ער געכאַפּט דעם ווילנער צוג. אין קאָשעדאַר האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן און וואַרטן אויפן ליבויער צוג.

האָט חיים האַמעלער געוועלט אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיטן קאָשעדאַרער רב, וואָס האָט געשמט פאַר אַ גרויסן למדן. איז ער אַוועק פון סטאַנציע צום רב „ריידן מיט אים אין לערנען".

איז חיים'ען זייער געפעלן געוואָרן דער קאָשעדאַרער רב. האָט דער רב אים איינגערעדט ניט צו פאָרן קיין טעלז, נאָר בלייבן מיט אים און לערנען מיט אים צוזאַמען.

אַזוי פלעגן אין יענער צייט זיך נוהג זיין די רבנים אין די קליינע שטעט־לעך: כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט, פלעגן זיי האַלטן לעבן זיך יונגע ישיבה־בחורים, און לערנען צוזאַמען מיט זיי.

איז חיים האַמעלער איבערגעבליבן אין קאָשעדאַר.

אַ „סטאַנציע", ווו איינצושטיין, האָט דער רב פאַר אים געקראָגן אין הויז פון אַ באַלעבאַטישן שוסטער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן וואַרשטאַט און אייניקע זין און טעכטער, וואָס זיינען אים באַהילפיק געווען אין זיין אַרבעט.

איז חיים האַמעלער איינגעשטאַנען אין דעם שוסטערס הויז, דאָרטן געגעסן און דאָרטן געשלאָפן.

האָט זיין באַלעבאָסטע, דאָבע די שוסטערקע, באַשלאָסן צו „פאַנגען" דעם דאָזיקן ישיבה־בחור פאַר אַ חתן פאַר איר עלטסטער טאָכטער.

עס האָט איר ניט גענומען לאַנג דורכצופירן איר פּלאַן. אין איין שיינעם טאָג האָט מען געשריבן תנאים פון איר עלטסטער טאָכטער מיטן ישיבה־בחור.

גלייך נאָך תנאים האָט דאָבע די שוסטערקע גענומען דעם חתן, חיים האַ־מעלער, קיין קאָוונע און זי האָט אים דאָרט באַקליידט און באַנייט, געקויפט אים אַ גאָלדענעם זייגער און חתונה־בגדים.

אין שטעטל קאָשעדאַר האָט זיך געטאָן מעשים. כמעט אַלע זיינען געווען קעגן דעם שידוך: „ווי קומט אַ שוסטערקע צו אַזאַ איידעם?" — האָבן אַלע זיך געקאָכט.

האָט זיך מן הסתם געפונען אזוינער, וואָס האָט באַוויזן אויפצועפענען חיים האַמעלערס אויגן צו זען די גרוב, אין וועלכער ער גייט אריינפאַלן...

חיים האַמעלער האָט אָבער געפילט, אַז ער קען ניט סתם אזוי אנטלויפן. ער האָט רחמנות געהאַט אויף דער כלה. ער האָט ניט געוועלט איר פאַרשעמען און ניט ווי טאָן.

האָט ער אָנגעהייבן זיך משונהדיק אויפפירן; ער האָט געוועלט, אַז די כלה זאָל אים פיינט קריגן.

איין שבת בייטאָג האָט ער אפילו פאררויכערט א פאַפּיראָס אין דער אָנ־וועזנהייט פון דער גאַנצער פאַמיליע. ער איז געווען זיכער, אַז צוליב דעם וועט אים די פאַמיליע ארויסטרייבן פון זייער הויז.

עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן. די פאַמיליע האָט זיך געקריגט מיט אים פאַר זיינע ניט שיינע מעשים, אָבער די הכנות צו דער חתונה זיינען אָנגעגאַנגען, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען.

איז חיים האַמעלער אריינגעפאַלן אין גרויס עצבות. שעהענלאַנג פלעגט ער ארומלויפן איבער די שטעטלשע וועלדער און פעלדער, און זוכן אַן אויס־וועג פון זיין לאַגע.

ווען די לעצטע וואָך פאַר זיין חתונה איז געקומען, איז חיים האַמעלער פארשוווּנדן געוואָרן פון קאָשעדאַר. ער האָט איבערגעלאָזן די חתונה־בגדים מיטן גאָלדענעם זייגער אין זיין צימער. ער האָט אויך איבערגעלאָזן אַ בריוו פאַר זיין כלה, אין וועלכן ער האָט ביי איר געבעטן מחילה פאַר זיין שלעכטן באַהאַנדלען זי.

אומזיסט האָט דאָבע די שוסטערקע איינגעלייגט די וועלט אים צו געפינען. ער איז ווי אין וואַסער אריין, ניט לאָזנדיק נאָך זיך קיינע שפורן.

* * *

חיים האַמעלער איז געקומען קיין דרום־אפריקע. ער האָט זיך באַזעצט אין בלומפאָנטיין און האָט געאַרבעט, ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט. אין יענער צייט פלעגן די געשעפטן זיין אָפן פון זייער פרי ביז שפעט אין דער נאַכט. חיים האַמעלער האָט, ניט קוקנדיק אויף זיין שווערער אַרבעט, באַוויזן זיך אויסצולערנען די ענגלישע שפּראַך, אַ דאַנק וועלכער ער האָט געקראָגן די געלעגנהייט צו באַקאַנען זיך מיט אַלץ, וואָס עס איז געווען נוגע דעם לעבן אין דרום־אפריקע.

די גאָלד־מינען פון טראַנסוואַל האָבן געפאַנגען זיין פאַנטאַזיע. ער האָט אָנגעהייבן וועבן חלומות וועגן אוצרות.

איינמאָל האָט ער געפונען אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג אַן אַנאָנס וועגן „די אינטערנאַציאָנאַלע קאָרעספּאָנדענץ סקוהל", דורך וועלכער מען קען זיך לערנען טעכנישע וויסנשאַפטן. האָט חיים האַמעלער זיך פארשריבן אויפן קאָ־רעספּאָנדענץ־קורס. נאָך א געוויסער צייט פון שווערע אָנשטרענגונגען האָט ער באַוויזן צו קריגן אַ דיפּלאָם אַלס אינזשענער־כעמיקער און טעכניקער.

דאַן איז ער אוועק פון בלומפאָנטיין צו די טראַנסוואַלער גאָלד־מינען. ער האָט געקראָגן אַ שטעלע אַלס אַן „אַסייער"[1]. ער האָט אָבער ניט געקענט אַר־בעטן פאַר יענעם. אים האָט זיך געוועלט זיין פאַר זיך.

זיין צימער איז געווען פול מיט טעכנאָלאָגישע ביכער און זשורנאַלן. זיין מוח איז געווען פול מיט פלענער וועגן נייע מעטאָדן און נייע מאַשינען פאַר דער גאָלד־פראָדוקציע.

אים האָט זיך געדאַכט, אז ער גייט זיין דער אָנזאָגער פון א נייער תקופה אין דער דרום־אפריקאַנער גאָלד־פראָדוקציע.

* * *

אין אַ געוויסן טאָג איז אים פלוצלונג נמאס געוואָרן זיין שטעלע ביי יענעם. איז ער אַוועק צו די גאָלד־פעלדער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן גרענעץ פון טראַנסוואַל און סוואַזילאַנד.

ער איז געקומען אין אזא געגנט, וואָס איז געווען באַזעצט בלויז מיט אפריקער. דאָרט האָט ער אומגעשטערט פּראָספּעקטירט און דורכגעפירט פאַר־שיידענע כעמישע עקספּערימענטן.

פון דער נאַטור איז חיים האָמעלער געווען אַ דעמאָקראַט און א מענטשן־פריינד. ער האָט געהאַט אַ וואַרעמע באַציאונג צו די אפריקער. ער האָט גע־לעבט מיט זיי צוזאַמען, און ער האָט זיך געטיילט מיט זיי מיט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט.

דעריבער האָבן אים די אַפריקער ליב געהאַט, און זיי זיינען געווען צו אים איבערגעגעבן.

איינמאָל איז ער קראַנק געוואָרן. אַן אַפריקער מיידל האָט אים באַדינט אויף זיין קראַנקן־בעט. חיים האָמעלער האָט אין זיין געדאַנק אָנגעהייבן זי צו פאַרגלייכן צו דער ביבלישער הגר און צו משה רבנו׳ס כושית, און ער האָט באַשלאָסן זי צו נעמען פאַר אַ ווייב.

ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין קרענק, איז ער אוועק אין סוואַזילאַנד צו דעם קראַאַל, ווו אירע עלטערן האָבן געלעבט. ער האָט געבראַכט איר פאָ־טער צוועלף אָקסן „לאָבאָלאַ"[2], לויטן אפריקער־מנהג, און זי איז געוואָרן זיין געזעצלעכע ווייב.

ער האָט דעמאָלט אויפגעבויט פאַר זיך „אַ הויז אויף שרויפן". דאָס איז געווען א באַוועגלעך הויז, וואָס מען קען עס מיטנעמען מיט זיך, וווהין מען וויל.

נאָך א שטיק צייט איז ער געקומען קיין יאָהאַנעסבורג און מיט אַ מאַפּע אין האַנט איז ער ארומגעגאַנגען און געזוכט אונטערנעמער צו פינאַנסירן זיינע פלענער.

אַ כוח האָט ער געהאַט איבערצורעדן און איינצורעדן, אז מען זאָל אים אַנטקעגן קומען.

---

1) אַ טעכניקער, וואָס פּרובירט אויס די ריינקייט פונעם גאָלד.

2) קאָמפּענסירונג, וואָס דער חתן דאַרף געבן דעם פאָטער פון דער כלה.

ער האָט אויסגענוצט זיין גמרא־קאָפּ אויסצופּילפּלען גאָלד־וויזיעס, וואָס האָבן צוגעצויגן אַנדערע יידישע גמרא־קעפּ, ווי זיין גלייכן. ער האָט געקראָגן די נייטיקע געלט־סומעס אויף צו קויפן די נייסטע מאַשינעס צו פּראָדוצירן גאָלד.

בינו לבינו האָט אים זיין אפריקער פרוי געבוירן אַ פּאָר קינדער. די קינ־דער זיינען געוואַקסן. ער האָט זיך מיט די קינדער אַ סך אָפּגעגעבן. ער האָט זיי דערצויגן פאַר יידן, און האָט געלערנט מיט זיי יידישע לימודים.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, און ארץ ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים, האָט חיים האַמעלער אַנגעהייבן חלומען דעם שענסטן חלום פון זיין לעבן.

ער האָט פאַנטאַזירט וועגן געפינען א סך גאָלד־אוצרות. די דאָזיקע אוצרות וועט ער ברענגען קיין ארץ ישראל פאַר אַ יסוד פון אַ נאַציאָנאַלן פאָלק־אוצר. דעמאָלט, — האָט ער געפאַנטאַזירט, — וועט ער מיט זיין שוואַרצער פאַמיליע לעבן גליקלעך צוזאַמען מיט אַלע יידן...

* * *

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אז חיים האַמעלער לעבט מיט אַן אַפריקער פרוי, און ער האָט מיט איר קינדער, האָבן אַלע ווייסע זיך דערווייטערט פון אים. מען האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ מצורע.

אויך זיינע באַקאַנטע יידן האָבן זיך געפילט ניט באַקוועם אין זיין קעגנ־וואַרט.

ימים נוראים פלעגט ער קומען אין דער נאָענטסטער שטאָט צום מנין. אַלע דאָרטיקע יידן האָבן אים געקאָנט פאַר אַ למדן, און זיי פלעגן אים אויס־נוצן פאַר אַ בעל־תפילה.

זיי האָבן אָבער מיטאַמאָל אויפגעהערט אים צולאָזן צום עמוד. זיי האָבן פון אים געווייכט און זיך מיט אים געשעמט פאַר די ניט־יידישע שכנים.

בלויז אין יאָהאַנעסבורג האָבן אים זיינע אמאָליקע פריינד מקרב געווען, און האָבן אים וויפל־מאָל ארויסגעהאָלפן אין זיין נויט.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט חיים האַמעלער זיך מיאוס פאַרפלאָנטערט מיט זיינע פאַנטאַסטישע אונטערנעמונגען, און — ער איז פאַרמשפט געוואָרן צו שווערער תפיסה.

עטלעכע יאָר איז ער געזעסן אין תפיסה. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער ניט געהאַט צו וועמען צו גיין. זיין הויז האָט ער געפונען ליידיק. זיין פרוי און קינדער האָבן זיך אומגעקערט צו איר שבט אין קראַאַל.

אַ צעבראָכענער, גייסטיק און פיזיש, איז ער געקומען קיין יאָהאַנעסבורג. זיינע באַקאַנטע האָבן זיך געאיילט אים צו העלפן. זיי האָבן געדונגען פאַר אים אַ צימערל און ער האָט אָנגעהייבן זוכן אַ באַשעפטיקונג. ער איז אָבער פון אַלעמען אָפּגעשטויסן געוואָרן.

* * *

אין דעם יום העצמאות פון 1949 האָב איך אים געזען דאָס לעצטע מאָל. דאָס איז געווען אין יאָהאַנעסבורגער שטאָט־זאַל. דער זאַל איז געווען איבער־

פולט מיט אַ יום־טובדיקן ייִדישן עולם. לינקס פון דער פּלאַטפאָרם איז חיים האָמעלער געשטאַנען אויף אַ שטול און זיך באַמיט צו זען דעם גאַנצן עולם. ער האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער האָט דערלעבט דעם טאָג פון ייִדישער זעלבשטענדיקייט אין ארץ ישראל.

* * *

חיים האָמעלער האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין וועג אין לעבן. אַ פאַרלאָרע־נער האָט ער די לעצטע פאַר יאָר ארומגעבלאָנדזשעט אין יאָהאַנעסבורג.

ווי דאָס צאַנקען פון דעם ליכט־פלעמעלע, וואָס האַלט ביים אויסגיין, פלעגט מאָמענטנווייז ביי אים נאָך דערוואַכן דער פאַרלאַנג ווידער אמאָל צו פּרובירן זיין מזל.

אין יענע מאָמענטן פלעגט ער ארומלויפן איבער די הייזער און קאָנטאָרן פון באַקאַנטע, און בעטן ביי זיי הלוואות, כדי ווידער אמאָל אָנצוהייבן גראָבן גאָלד.

אָבער דער דאָזיקער פאַרלאַנג פלעגט גיך ביי אים פאַרלאָשן ווערן. דע־מאָלט פלעגט ער נאָך טיפער זינקען אין זיין מרה־שחורהדיקן אומעט.

האָבן זיינע פריינד אים געראָטן ער זאָל ארייִן אין מושב זקנים. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז די דאָזיקע אינסטיטוציע וויל אים ניט געִרן האָבן.

מיט אייניקע יאָר צוריק, פאַר ראש־השנה, האָט חיים האָמעלער אָנגענומען אַ שטעלע פאַר אַ בעל־תפילה אויף ימים נוראים אין אַ טראַנסוואַלער שטאָט. ער איז אהין געקומען פּונקט ערב ראש־השנה פאַרנאַכט.

אין אָוונט, ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, האָבן אים צוויי אָנוועזנדיקע ייִדן דערקאָנט און זיי האָבן גלייך דערציילט די מתפּללים דאָס, וואָס זיי האָבן געוווּסט וועגן זיין לעבן.

אין אַן אויגנבליק האָבן די מתפּללים אויפגערעגטע זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים, און זיי האָבן אים ארויסגעטריבן פון שול.

אום ראש־השנה האָט חיים האָמעלער פאַרלאָזן די שטאָט.

ער איז אוועק צו־פוס קיין סוואַזילאַנד צו זיין פרוי און קינדער. ער איז געקומען צו זייער קראַאַל. אָבער דער קראַאַל האָט אים ניט צוגענומען.

זיין האַרץ האָט מער ניט געקענט אריבערטראָגן און האָט געפּלאַצט.

ביי דער גרענעץ פון טראַנסוואַל און סוואַזילאַנד, אויפן מיטן פעלד, איז ער באַערדיקט געוואָרן.

דאָרטן איז זיין איינזאַמער קבר.

מדזשאַנדזשאַ

ער הייסט ירוחם פּערסקי, אָבער די אַפריקער פון ארום רופן אים „מדזשאַנדזשאַ", וואָס באַדייט אין זייער לשון: דער לאַקאָמאָטיוו. עס איז שוין אַזאַ טבע ביי די אַפריקער צו געבן אַ נאָמען יעדן נייעם ווייסן, וואָס קומט מיט זיי אין קאָנטאַקט. דערביי איז דער נאָמען ניט סתם אין דער וועלט אריין אַ נאָמען, נאָר שטענדיק אַ בילד, אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם ווייסן. היות ווי ירוחם פּערסקי איז אין אַלע זיינע באַוועגונגען בליץ־שנעל, ממש עס ברענט אונטער זיינע הענט, האָבן זיי אים דעריבער אַ נאָמען געגעבן „לאַקאָמאָטיוו".

מדזשאַנדזשאַ וווינט אין סאַמע הארץ פון ראָדעזיע. אין אַ שמאָלן טאָל, וואָס איז ארומגערינגלט פון דריי זייטן מיט הויכע טונקל־ברוינע בערג, האָט מען אנטדעקט אייזן און אַסבעסטאָס. האָט מען אראָפּגעבראַכט טויזנטער נע־גערס, אויפגעבויט פאַר זיי הונדערטער געצעלטן, געגעבן זיי דינאַמיט און גראָב־אייזנס, און זיי געהייסן גראָבן, אויפרייסן און צעעפנען די ערד, כדי פון איר בויך ארויסצוקריגן די באַהאַלטענע אוצרות אירע.

אין רעכטן מיטן פון טאָל האָט מען אוועקגעשטעלט אַ מיל, וואָס צעמאָלט די פעלדזן־שטיינער. פון ביידע זייטן מיל ציט זיך אַ לאַנגע שורה צינענע „ראָנדאַוולס"[1], ווו עס וווינען די ווייסע מינען־באַאַמטע.

דאָ געפינט זיך אויך דער „ראָנדאַוול" פון מיסטער פּערסקי. זיין „ראָנ־דאַוול" איז אָבער אַ סך גרעסער פון די אנדערע און האָט פון איין זייט אַ שיינעם גאָרטן פון פרוכטביימער און בלומען, פון דער אַנדער זייט — אַ גרויסע ווע־ראַנדע, פאַרפּוצט מיט גרינס. אַן אויטאָמאָביל שטייט שטענדיק גרייט פאַר דער טיר, און יונגע אַפריקער לויפן אויף וועלאָסיפּעדן הין און צוריק מיט פאַרשיי־דענע שליחותן פאַר מדזשאַנדזשאַן.

זיין הויז איז דאָס האַרץ, פון וואַנען עס ציען זיך די לעבנס־פעדעם צו אַלע ארומיקע מינען. מדזשאַנדזשאַ האָט דעם שליסל פון זייער חיונה: ער איז אַ „קאָנצעסיאָנער", פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ פּאָר צענדליק גרויסע געשעפטן, וואָס שטעלן צו סחורה פאַר דעם געברויך פון די מינען־ארבעטער.

* * *

און ניט לאַנג, נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק, איז ירוחם פּערסקי געווען אַן אָרעמער בחור. אַזוי, ווי דער רוב אימיגראַנטן, איז ער אויך אָנגעקומען אין קייפּטאון אָן אַ שילינג.

---

[1]) קיילעכדיקע הייזקעס.

ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין דער קייפּ־פּראָווינץ און איז דאָרט געוואָרן א „שמויזער״, א קאַראַבעלניק איבער די צעוואָרפענע בורי־שע פאַרמס. מיט א שווערן פּאַק סחורה אויף דער פּלייצע פלעגט ער פאַר־עקשנט שפּאַנען טאָג־איין, טאָג־אויס איבער די ברייטע און פּרוכפּערדיקע טאָלן, פאַרריסן דעם קאָפּ צו די הויכע געשלענגלטע בערג־קייטן, צו די אומ־ענדלעך־טיפע, בלאָע און זוניקע אפריקאַנער הימלען, און שווייגנדיקערהייט שמידן אין זיך די אַמביציע צו שטייגן און זיך „ארויפצואַרבעטן״.

ער איז געוואָרן אַן ערשטקלאַסיקער „שמויזער״, זיך איינגעשאַפּט דערנאָך א גרויסן וואָגן, געשפּאַנט צו צוועלף אייזלען, אַנגעפירט דורך אפריקער. חדשים לאַנג פלעגט ער זיין אונטערוועגנס. ער פלעגט בייטן שטאָטישע סחורה אויף בהמות, אויף תבואה, און האָט געלייגט אַ פונט צו אַ פונט.

האָט אמאָל געטראָפן, אז ער האָט זיך אין אַ האָטעל אין קייפּטאָון צונויפ־געטראָפן מיט אַ גרופּע געקומענע פון ראָדעזיע. זיי האָבן געשמועסט מיט געלט אין אלע זייטן; דאָס האָט ארויסגערופן פּערסקיס התפעלות. ער האָט זיך גוואַלדיק פאַראינטערעסירט מיט די געסט פון ראָדעזיע, און ער איז פון זיי געוווּיר געוואָרן וועגן די גרויסע רייכטימער אין גאָלד, זילבער, קופער, אַסבעס־טאָס און אייזן, וואָס ראָדעזיע פאַרמאָגט; ער האָט זיך אָנגעהערט פון זיי מעשיות וועגן מענטשן, וואָס זיינען אין אַ קורצער צייט רייך געוואָרן, — האָט זיך אין אים אויך דערוועקט די תאווה צו געלט. האָט ער ליקווידירט זיינע געשעפטן און איז אוועק קיין ראָדעזיע.

ער איז געקומען קיין גוועלאָ, — די הויפּטשטאָט פון צענטראַל־ראָדעזיע. די שטאָט גופא איז ניט צו גרויס, אינגאַנצן אַ פּאָר טויזנט איינוווינער, דערינען בלויז אַ פּאָר מנינים יידן. אָבער די געגנט ארום איז פול מיט מינען פון גאָלד און אסבעסטאָס, גרויסע פאַרמס פון תבואה און פיי־צוכט. דעריבער פולסירט דאָס לעבן אין גוועלאָ זייער שטאַרק. דאָרט קומען פאָר אָפט גרויסע יאַרידן, וואָס ציען־צו סוחרים פון גאַנצן לאַנד. פּראָספּעקטאָרס און טוריסטן פילן אָן די האָטעלן, און די לופט איז דאָרט פול מיט האָפנונגען...

ירוחם פּערסקי האָט זיך באַזעצט אין גוועלאָ, און אָנגעהייבן שמעקן און נישטערן ארום זיך. ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו ווערן בלויז א „שאָפּ־קיפּער״[1], פונקט ווי אַלע דאָרטיקע יידן, ווייל דאָס האָט ניט צוגעזאָגט קיין גרויסע גליקן. ווערן אַ פּראָספּעקטאָר, אויפזוכן אַ גאָלד־פעלד און עפענען אַ נייע מינע — איז ווידער ניט געווען פאַר זיינע קאַפּיטאַלן. האָט ער דערווייל אָנגעהייבן ביסלעכווייז האַנדלען אויף די יאַרידן.

אין דעם האָטעל, ווו ער איז איינגעשטאַנען, האָבן זיך אָפט אויפגעהאַלטן רייכע פאַרמערס, אויך באַלעבאַטים און פאַרוואַלטערס פון די גאָלד־ און אַס־בעסטאָס־מינען.

אין משך פון אַ קורצער צייט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט אַ סך פון זיי, געגעסן, געטרונקען און געשפּילט צוזאַמען מיט זיי אין קאָרטן.

---

[1]) אַ קרעמער.

באַזונדערס שטאַרק האָט זיך צוגעבונדן צו אים אַן עלטערער ענגלענדער, אַ שותּף אין אַ גרויסן מינען־סינדיקאַט, און איינער פון די ערשטע פּיאָנערן אין ראָדעזיע.

דער ענגלענדער איז אַמאָל, אין זיינע יונגע יאָרן, געווען אָנגעשטעלט, ווי אַ סאָרטירער אין אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע פון אַ דימענטן־מינע אין קימבערלי. דאָרט איז ער רייך געוואָרן. בייזע צינגער דערציילן אפילו וועגן אים אזא מין געשיכטע. אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע, וווּ ער האָט געאַרבעט, פלעגט ער באַקומען פּעקלעך דימענטן צו וואַשן. היות, ווי פון וואַשן פלעגט דאָס פּעקל פאַרלירן עטוואָס אין וואָג, און היות, ווי דער דאָזיקער „עטוואָס" איז געווען אַן אומבאַשטימטער, — האָט ער זיך איין מאָל מישב געווען און אַראָפּגענומען פון אַ פּעקל דאָס קלענסטע שטיינדעלע. געהייסן האָט עס: פאַרלאָרן אין וואָג ביים וואַשן. אין אַ צייט אַרום האָט ער פון אַן אַנדער פּעקל דימענטן אויסגע־קליבן אַ גרעסערן שטיינדעלע, און אַנשטאָט דעם אַריינגעלייגט דאָס ערשטע קליינינקע שטיינדעלע. אַזוי האָט ער געביטן פון פּעקל צו פּעקל — דאָס קלע־נערע שטיינדל אויף אַ גרעסערס, — ביז דאָס שטיינדל האָט שוין אַריינגעיאָגט אין די קאַראַטן אריין. דעמאָלט האָט ער דאָס באַהאַלטן און אָנגעהייבן די זעל־ביקע אַרבעט אויף דאָס־ניי מיט אַ קליינינקן שטיינדעלע. ווען ער האָט דער־שפּירט, אַז עס וועט שוין קלעקן פאַר אים, האָט ער פאַרלאָזן זיין שטעלע, און איז אַוועק קיין ענגלאַנד. אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט און איז אַוועק קיין ראָדעזיע, געפונען דאָרטן גאָלד, און — צוזאַמען מיט שותּפים — געגרינדעט אַ מינען־סינדיקאַט.

אָט פון דעמדאָזיקן ענגלענדער האָט פּערסקי געקראָגן די קאָנצעסיע צו זיין דער איינציקער צושטעלער פון שפּייז־פּראָדוקטן און אַלערליי סחורות פאַר די אַרבעטער אין אַ ניי־געעפנטער מינע.

אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, צווישן פינצטערע בערג, האָט ער געעפנט זיין ערשטע קראָם און אַראָפּגעבראַכט צו זיך אַ פּאָר „גרינע" ליטווישע בחורים פאַר אָנגעשטעלטע.

די ערשטע צייט איז ער געווען שטאַרק אומצופרידן: פון באַגינען ביז שפּעטער נאַכט איז ער געשטאַנען אין דער צינענער, פון זון אָנגעגליטער „שאָפּ"[1] און באַדינט האַלב־נאַקעטע שמוציק־שווייסיקע שוואַרצע מענער און פרויען.

אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוווינט.

די אַרבעט אין דער מינע האָט זיך אַנטוויקלט. די צאָל אַרבעטער איז גע־שטיגן, און איינאיינעם מיט דעם איז אויך געוואַקסן פּערסקיס געשעפט.

ער האָט געעפנט נאָך אַ קראָם, און אַראָפּגעבראַכט נאָך אָנגעשטעלטע. שפּעטער האָבן זיך געעפנט אין שכנות נאָך צוויי מינען. האָט פּערסקי געקראָגן די קאָנצעסיע אויך אויף זיי.

---

[1]) קראָם.

ער האָט שוין ניט געקענט אליין אָנפירן זיינע געשעפטן. האָט ער געמוזט דינגען אַ גוטן פאַרוואַלטער און נאָך מער אָנגעשטעלטע. ער האָט אויפגע־בויט אַ סך נייע „ראַנדאָוולס". אַזוי אַרום איז אויסגעוואַקסן אַ קליין שטעטעלע מיט אַ פּאָסט־קאָנטאָר, מיט אַ שפּיטאָל, און — פּערסקי, דער באַלעבאָס פון אָט דעם שטעטעלע, איז געוואָרן באַקאַנט צווישן די יידן פון גוועלאָ און בולאַ־וואַיאָ, ווי אַ געניטער סוחר און אַ רייכער מאַן.

* * *

מען האָט גענומען ריידן פּערסקין שדוכים. די עלעגאַנטע, שטייף־ראַפּי־נירטע פאַרענגלישטע יידישע מיידלעך זיינען אים ניט געווען צום האַרצן. ער האָט זיך עפּעס געפילט, ווי פאַרלאָרן אין זייער געזעלשאַפט.

האָט ער דעריבער חתונה געהאַט מיט אַ „גרינער", וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען אַריבערגעקומען פון דער ליטע. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ ביסל אַ מיוחסדיקער יידישער משפּחה, אַ מיידל מיט יידישן חן און היימישער צוגעלאָזנקייט.

פּערסקי האָט דאָן אויפגעשטעלט אַ גרעסער הויז, געלאָזט פלאַנצן אַ גאָרטן, אַרומגערינגלט דאָס הויז מיט בלומען, און אַריינגעבראַכט אין הויז פינף נעגער־באַדינערס.

זי איז אויך געווען איינזאַם — די איינציקע ווייסע פרוי אין עם שטעטעלע. ביי טאָג האָט זי ניט געהאַט, וווּ זיך אַהינצוטאָן. דער מאַן איז שטענדיק געווען באַשעפטיקט. אַ חוץ דעם נעגער־פאָלק אַרום האָט מען קיין ווייסן מענטשן אויף אַ רפואה ניט אָנגעזען.

דאָס מאָנאָטאָנע גרילצנדיקע רוישן, וואָס האָט זיך שטענדיק געטראָגן פון דער מיל, האָט זי אין די ערשטע חדשים נאָך איר קומען אַהער דענערווירט. דאָס מיסטעריעזע דערשיינען און פאַרשווינדן פון די עלעקטרישע וואַגאָנעט־קעס, — וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט אין דער לופט הין און צוריק צווישן די בערג און דער מיל, — האָט אַרויפגעוואָרפן אויף איר אַ מרה־שחורה; אַזוי, אַז צייטנווייז פלעגט זי טראַכטן וועגן אַנטלויפן פון דאַנען, לויפן צוריק צו טאַטע־מאַמע. מיט דער צייט אָבער האָט זי זיך צוגעוווינט און באַרואיקט זיך.

אין די אָוונטן איז ביי מיסטער פּערסקין אין שטוב אַ מין קלוב. די יידישע אָנגעשטעלטע זיינע קומען זיך צונויף, זעצן זיך אויס אויף דער ווערענדע, טרינקען טיי, שמועסן און שפּילן אין קאָרטן. פרוי פּערסקי איז, נאַטירלעך, דער צענטער אין אָט דעם היימישן אינטימען קלוב.

יעדן זונטאָג אינדערפרי נעמט מיסטער פּערסקי אַרויס זיין פרוי אויף אַ שפּאַציר. זיי פאָרן פון מינע צו מינע, באַקוקן זייערע הייזער און קראָמען, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דער געגענט. ווען זיי פאָרן פאַרביי אַ נעגער־דאָרף און באַקאַנטע אַפריקער באַגריסן פּערסקין מיט זייער „מאַראַ מדזשאַנדזשאַ", צעגייט ביי פרוי פּערסקי דאָס האַרץ פון נחת, און זי שעפּטשעט זיי נאָך: „מאַראַ מדזשאַנדזשאַ!"

אויפן גרענעץ פון קאַלאַהאַרי

נאָענט צום מדבר קאַלאַהאַרי שפּרייט זיך אויס אַ גרויס און ברייט לאַנד, באַדעקט מיט פאַרשיידענע טראָפּישע פלאַנצונגען, וואָס וואַקסן איבער בערג און טאָלן.

פון צווישן אייניקע בערג פליסן ארויס קוואַלן, פון וועלכע עס שלענגלען זיך ארויס דינע טייכעלעך מיט פרישן קלאָרן וואַסער, וואָס פליסט אין דער לענג און אין דער ברייט.

דער נאָמען פון דעם דאָזיקן לאַנד איז גהאַנזי.

אין גהאַנזילאַנד וווינען שוואַרצהויטיקע שבטים, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט פי־צוכט און מיט לאַנדווירטשאַפט. די גהאַנזילאַנד־הימלען זיינען שטענדיק בלויע און קלאָרע.

אין משך פון טאָג איז די קלאָרע און וואַרעמע דורכזיכטיקע לופט פול מיט קלאַנגען פון פייגל־געזאַנג, און אין די שוואַרצע נעכט געהערט דאָס לאַנד צו די לייבן, לעמפּערטן און צו אַלע חיות, וועלכע וווינען אין די מיסטעריעזע ברייטע ששת־ימי־בראשיתדיקע וועלדער.

פון גאָר אוראַלטע צייטן, זינט פון לאַנג־פאַרגעסענע תקופות, האָבן די איינוווינער פון גהאַנזילאַנד געפירט זייער אייגנאַרטיק לעבן. דער עכאָ פון דער ציוויליזאַציע אין די אָריענטאַלישע און די אייראָפּעאישע לענדער האָט צו זיי ניט דערגרייכט.

דעם נאָמען אייראָפּע האָבן זיי קיינמאָל ניט געהערט, און אירע ווייסע מענטשן האָבן זיי ניט געזען; זיי האָבן געלעבט אָפּגעשיידט און אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן אָפּגעהיט זייערע אייגענע זיטן און מנהגים, און זייער רעליגיע, וואָס זיי האָבן געירשנט פון זייערע עלטערן פון דורי דורות.

ביז דער צווייטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט איז גהאַנזילאַנד געווען פאַרהוילן פון דער וועלט. אפילו די אייראָפּעאישע איינוווינער פון דרום־אפריקע האָבן פון אזא לאַנד ניט געהערט.

בלויז אין די זעכציקער־זיבעציקער יאָרן האָבן זיך אָנגעהייבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן אַ לאַנד אויף יענער זייט פון לימפּאָפּאָ, וואָס „פליסט מיט מילך און האָניק“, — אַ לאַנד רייך מיט אוצרות פון גאָלד און דימאַנטן. די־דאָזיקע קלאַנגען האָבן גערייצט און גערופן פאַרשיידענע מענטשן צו גיין אין יענעם שיינעם און רייכן לאַנד.

פון דעמאָלט אָן האָבן ווייסע מענטשן אָנגעהייבן זיך באַווייזן אין גהאַנזילאַנד. זיי האָבן אָנגעהייבן קומען פון אַלע זייטן: פון מערב־זייט זיינען געקומען דייטשן, פון מזרח־זייט און פון דרום־זייט זיינען געקומען ענגלענדער. די צילן פון זייער קומען זיינען געווען פאַרשיידענע: אַ טייל מענטשן זיינען גע־

קומען ווי פּראָספּעקטאָרס — גאָלד־זוכערס; אַ טייל זיינען געקומען, ווי יעגערס, סוחרים פון פעל און העלפאַנטביין; אנדערע זיינען געקומען ווי מיסיאָנערן, און גאָר אַנדערע — ווי פּעדלערס.

אין יענער צייט האָבן זיך געפונען אין דרום־אפריקע אַ סך האַלב־נאָמאַדי־שע בורן, וועלכע האָבן נאָך ניט באוויזן צו באַזעצן זיך און שלאָגן וואָרצלען אין אַ באַשטימטן שטח פון לאַנד. די דאָזיקע בורן האָבן געלעבט אין די בוידן פון זייערע גרויסע וועגענער און זיי האָבן געהאלטן אין איין „טרעקן"[1], חלומענדיק זיסע חלומות וועגן אַ „צוגעזאָגט לאַנד", ווו עס פליסן טייכן מיט זיסן וואַסער; אַ לאַנד, וואָס איז גוט פאַר געיעג, אַ פּרוכטבאַר און פעט־לאַנד, ווו מען דאַרף ניט ארבעטן, — אַ מין „ערגעץ־לאַנד".

ווען די נייס וועגן גהאַנזילאַנד האָט זיך דערטראָגן צו די דאָזיקע וואַנ־דערנדיקע בורן, זיינען זיי באַהערשט געוואָרן פון אַ גרויסער שמחה, און זיי זיינען אריבער דעם טייך לימפּאָפּאָ, ארייַנדרינגענדיק טיף אין לאַנד.

אָבער אַנשטאָט אַ פּרוכטבאַר און פעט לאנד האָבן זיי דאָרט געפונען מדבריות. זיי האָבן געפונען אַ לאַנד, וואָס האָט געהערט צו לייבן, צו קראָקאָ־דילן, צו גיפטיקע שלאַנגען און צו גיפטיקע פליגן.

אנשטאָט זיסע וואַסערן האָבן זיי דאָרט געפונען זומפּ־וואַסער, וואָס זיי האָבן דורכגעזיפּט דורך דעם לייוונט פון זייערע העמדער, כדי צו קענען עס טרינקען.

זיינען די דאָזיקע האַלב־נאָמאַדישע בורן געפאָרן פון איין וואַסער־זומפּ צום צווייטן. אַ סך פון זיי, סיי מענטשן און סיי בהמות, זיינען געפאַלן אויפן וועג פון דאָרשט און קראַנקייטן. אַ טייל פון זיי איז פאַרצוקט געוואָרן דורך ווילדע חיות. אנדערע זיינען פאַרבלאָנדזשעט און פאַרפאַלן געוואָרן. בלויז אַ קליינער טייל פון זיי איז איבערגעבליבן, וואָס האָט דערגרייכט דאָס שיינע און פּרוכטבאַרע גהאַנזילאַנד.

צווישן די דאָזיקע גליקלעכע און מזלדיקע בורן איז געווען איין ייד מיטן נאָמען אברהם פּעלעס.

* * *

אברהם פּעלעס איז געווען אַ האָלענדישער ייד. ער האָט זיך אויפגעהאָדע־וועט אין אמסטערדאַם אין אַ טראַדיציאָנעלער יידישער סביבה.

בטבע איז אברהם פּעלעס ניט געווען קיין געוואַגטער און אויך ניט קיין אַמביציעזער. ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער, אַ בעל חלומות.

אין אמסטערדאַם האָט ער געהערט זייער פיל וועגן די דרום־אפריקאַנער גרויסע און ברייטע שטחים, וועלכע שטייען מיט אָפענע אָרעמס צו האַלדזן יעדן אימיגראַנט, וואָס וועט קומען צו זיי.

ער האָט געהערט אַ סך וונדער־מעשיות וועגן מיסטעריעזע באַשעפענישן און וונדערשיינע לאַנדשאַפטן. איז אין זיין האַרצן אויסגעוואַקסן אַ גרויסער חשק צו פאָרן קיין דרום־אפריקע.

---

[1]) חאַנדערן, מיגרירן.

ווען ער איז אלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, האָט ער פארלאָזן אַמסטערדאַם, און איז מיט אַ האָלענדישן שיף אָנגעקומען קיין קייפּטאַון.

אין יענע צייטן איז די האָלענדישע שפּראַך געווען די הערשנדיקע אין דער דערציונג פון די בורן. אברהם פעלעס האָט זיך אין דרום־אפריקע געחברט מיט די בורן. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ לערער פון בורישע קינדער.

ווען ער האָט געהערט וועגן דעם נייעם „טרעק" פון די בורן צו גהאַנזילאַנד, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן זיי, און אזוי איז ער אַהין געקומען.

די ערשטע פיר יאָר אין גהאַנזילאַנד האָט אברהם געלעבט צוזאַמען מיט די בורן. ער האָט צוזאַמען מיט זיי פארנומען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט און מיט פי־צוכט. שפּעטער־צו, ווען ער האָט זיך אויסגעלערנט די גהאַנזי־שפּראַך, האָט ער זיך באַזעצט אין אַ גרויסן דאָרף מיטן נאָמען בענזי.

אין בענזי האָט געוווינט אַ מערקווירדיקער שוואַרצער, וועמען די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער סביבה האָט פארגעטערט. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ חכם, אַ נביא און אַ הייליקן מאַן.

אין געוויינטלעכע צייטן, ווען די רעגנס זיינען געווען אין צייט, און שפּייז איז געווען גענוג פאַר אַלעמען, פלעגט דער דאָזיקער אפריקער־נביא זיצן אין טיר פון זיין הייזקע און שווייגן. שטענדיק פלעגט ער זיין פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.

די שוואַרצע באפעלקערונג פון דאָרף, איבערהויפּט די פרויען, פלעגן ליב האָבן פארבייצוגיין דעמדאָזיקן שווייגנדיקן נביא, און מיט יראת־הכבוד זיך נויגן פאר אים, און אים באַגריסן.

זיין אָנוועזנהייט אין זייער דאָרף האָט זיי געפרייט און געשטאַרקט. זיי האָבן געגלייבט, אז זיין זכות באַשיצט זיי פון בייז.

אין ניט קיין געוויינטלעכע צייטן פלעגט ער אויפזאַמלען די באַפעלקערונג און ריידן פאַר זיי. ער פלעגט זיי טרייסטן און לערנען, ווי צו לעבן. זיינע רייד זיינען שטענדיק געווען פאַר זיי, ווי די רייד פון „אורים ותומים".

דער דאָזיקער נביא האָט געהאַט אַ בן־יחיד, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט.

ער האָט אים געלערנט די געזעצן פון יושר און גערעכטיקייט.

דער בן־יחיד איז געווען זייער אַ שיינער. זיין שיינקייט האָט פאַרכישופט די הערצער פון פרויען אין דאָרף, און זיי האָבן אים מכשיל געווען...

זיין פאָטער האָט אים גערופן און אים שטאַרק אויסגעמוסרט. האָט דער זון זיך מתוודה געווען פאַר זיין פאָטער, און אים צוגעזאָגט מער ניט צו זינדיקן. און אַלס אַ צייכן פון געהאָרכזאַמקייט צו אים, האָט ער דעם פאָטער געגעבן אַ שפּיז, וועלכן ער האָט אליין געמאַכט, ווי א מתנה פאר זיין טאַטן.

טעג זיינען אוועק, און די פרויען האָבן ווידער געקראָגן איבער דעם נביאס זון די אויבערהערשאַפט; און כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון די פרויען, פלעגט ער נעמען אָנטייל אין אלע שפּיל־געוועטן, און ער פלעגט שטענדיק ארויסקומען באַקרוינט מיט נצחון.

איז ער ביי זיך זייער גרויס געוואָרן. ער האָט געמיינט, אז קיינער איז ניט זיין גלייכן, און ער מעג טאָן אלץ, וואָס אים געפעלט.

איין מאָל איז ער אַוועק אין וואַלד לעבן דאָרף, און ער איז געקומען צו יענעם פאַרבאָרגענעם אָרט, ווו די יונגע אפריקער־בתולות פון דאָרף פלעגן זיך צוזאַמענקומען געהיים פאר זייער „בת־מצווה".

לויטן אָנגענומענעם מנהג האָט קיין מאַנסביל אַהין ניט געטאָרט קומען. קיין מאַנסביל האָט זיי ניט געטאָרט זען אין זייערע ספּעציעלע צערעמאָניאלע באַפּאַרבונגען און באַפּוצונגען.

די חוצפּה פון דעם זון איז אָבער געווען אזוי גרויס, אז ער האָט פארשוועכט די הייליקייט פון דעמדאָזיקן מנהג. ער איז אָנגעפאַלן אויף די בתולות ביים שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון.

האָבן די בתולות אויפגעהייבן א מוראדיקן געשריי. זייער געשריי האָט דערגרייכט צו דער אפריקער־באַפעלקערונג אין דאָרף.

ווען דער הייליקער מאַן האָט געהערט, וואָס זיין זון האָט געטאָן, איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט. ער האָט גענומען דעם שפּיז, וואָס זיין זון האָט אליין געמאַכט פאר אים א מתנה, און איז אוועק גלייך צו זיין זינדיקן בן־יחיד, און אים מיט דעם שפּיז דערשטאָכן אויף טויט.

דער דאָזיקער אַקט פון פאָטער קעגן זיין אייגענעם זון האָט פּיל־פּאַכיק פאַרגרעסערט און פאַרהערלעכט זיין נאָמען צווישן דער באַפעלקערונג. אויך די ווייסע איינוווינערס פון דער סביבה האָבן גערימט דעם דאָזיקן שוואַרצן הייליקן מאַן פאר זיין אויסערגעוויינטלעכן מוט אין זיין קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

דער איינציקער ייד אין דער סביבה אברהם פעלעס האָט אים אויך פארגעטערט און איז געוואָרן איינער פון זיינע מקורבים.

מיט דער צייט האָבן זיי ביידע, — דער הייליקער שוואַרצער און דער ייד, — געשלאָסן א גרויסע פריינדשאפט. דאָס האָט זייער שטאַרק אויפגעהייבן דעם כבוד פון אברהם פעלעסן אין די אויגן פון דער אפריקער־באפעלקערונג.

* * *

אין יאָר 1885 האָט ענגלאַנד פארנומען גהאַנזילאַנד.

פון דעמאָלט האָבן אָנגעהייבן אַהין קומען א סך אייראָפּעער — דיפּלאָמאַטן, הויכע און נידעריקערע באַאַמטע און מיליטערישע פאַרשטייערס. די אייראָפּעאישע באַפעלקערונג אין גהאנזילאנד איז אויסגעוואַקסן און זי האָט באַהערשט דאָס לאַנד און די איינוווינערס.

אברהם פעלעס האָט חתונה געהאַט מיט אַ בוריש מיידל, וועלכע האָט אים באַשאָנקען מיט זין און מיט טעכטער.

מיט דער צייט איז ער געוואָרן א גרויסער פאַרמער און אויך א גרויסער סוחר. אין זיינע געשעפטן האָט ער געהאַט אָנגעשטעלטע ווייסע און שוואַרצע, וועלכע האָבן אים טריי געדינט.

יאָרן זיינען פאַרגאַנגען, און זיינע קינדער זיינען גרויס געוואָרן. זיינע טעכטער האָבן זיך אויסגעקליבן מענער פון צווישן זיינע אָנגעשטעלטע, און זיינע זין האָבן חתונה געהאַט מיט די טעכטער פון לאַנד.

די פאַמיליע פון אברהם פעלעס האָט זיך פאַרברייטערט. זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט א קאָנגלאָמעראַט פון פעלקער. צווישן זיינע איידעמס און שניר זיינען געווען גריכן, פאָרטוגעזער, ענגלענדער, דייטשן און איטאַליענער. זיי אלע זיינען געוואָרן שותפים אין זיינע פאַרמס און געשעפטן.

יעדן זונטאָג און יעדער חגא פלעגן זיך צוזאַמענקומען די זין און טעכטער, איידעמס און שניר, און מיט זיי פלעגן זיך באַווייזן אייניקלעך, — וואָס אמאָל אין אַ גרעסערער צאָל, — אין דעם גרויסן הויז פון אברהם פעלעס. דער פאַקט, וואָס דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז געווען אַ ייד, האָט געווירקט, אז אלע נאַציאָנאַלע מחיצות צווישן זיינע איידעמס און שניר זיינען פארשוואונדן. זיי האָבן אלע צוזאַמען פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון זייער פאָטער, אין שלום און אין האַרמאָניע.

אברהם פעלעס האָט אָפט געטראַכט וועגן זיין גורל, און ער פלעגט זיך פאַרגלייכן צו אברהם אבינו, — דעם איינציקן יידן אין כנען, וועמען גאָט האָט צוגעזאָגט אז „מיין בונד וועט זיין מיט דיר, און וועסט זיין דער פאָטער פון אַ סך פעלקער”. זיין נאָמען איז אויך אברהם, און ער איז אויך דער איינציקער ייד אין גהאנזילאַנד.

יאָ, אויך אברהם אבינוס קינדער זיינען ניט געבליבן קיין יידן. אָבער — פלעגט ער מיט צער טראַכטן אין זיך — אברהם אבינו האָט לכל הפחות איבער־געלאָזן איין זון אַ ייד... אים, ווייזט אויס, איז דאָס אָבער ניט באַשערט. אלע זיינע קינדער זיינען גויים!

* * *

אברהם פעלעס איז מיט דער צייט געוואָרן זייער אַלט.

ער האָט אויפגעהערט ארבעטן אין זיינע געשעפטן, און ער האָט זיך דער־ווייטערט פון מסחרישן טומל.

אָפטמאָל פלעגט ער זיך מתיחד זיין אין אַ באַזונדערן צימער, און שעהענ־לאַנג זינקען אין געדאַנקען און זכרונות.

ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן זיינע קינדער־יאָרן אין אַמסטערדאַם.

בילדער און דערינערונגען פון זיינע קינדער־יאָרן פלעגן אויפלעבן אין זיין געדאַנק.

ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן די הייליקע מאָמענטן, וואָס ער האָט דורכ־געלעבט אין אַמסטערדאַמער שול שבת און יום־טוב; ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין זיידן און באָבען, פון וועלכע עס האָט געשטראָמט אַ הייסער קוואַל פון ליבע צו אים, ווען נאָר זיי האָבן זיך מיט אים באַגעגנט; ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע שול־יאָרן און זיינע שול־חברים; ער האָט זיך דערמאָנט די מיט ליבע־דורכגעזאַפטע אַטמאָספער, אין וועלכער ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט, אין דער אינטימער יידישער סביבה פון אַמסטערדאַם.

אין אזעלכע מאָמענטן פון יוגנט־דערינערונגען, פלעגט אברהם פעלעס פּלוצלונג דערשפּירן די פּוסטקייט פון זיין לעבן. ער פלעגט זיך דערזען אָרעם־נאַקעט: אָרעם־נאַקעט פון הייליקייט, פון ליבשאַפט, און אָרעם־נאַקעט פון אלץ, וואָס איז גייסטיק און יידיש.

די דאָזיקע אָרעמקייט און נאַקעטקייט פלעגט אים אַריינוואַרפן אין אַ מרה־שחורה. אַזעלכע פאַרצאַגטע שטימונגען פלעגן אים אָפט באַפאַלן. האָט ער געזוכט אַ וועג, ווי צו אַנטלויפן פון אָט־דער אַטמאָספער. ער האָט געוועלט צוריקקערן זיך צו דער וועלט פון יידישקייט און צו אַ גייסטיקן אויסלעבן זיך.

אָבער וווהין זאָל ער לויפן? ער איז דאָך שוין אַזוי אַלט!

איינמאָל, ווען אברהם פעלעס איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע אומעטיקע געדאַנקען, האָט פלוצלונג א פינקל געגעבן אין זיין מוח אַ פונק פון האָפנונג: אפשר יאָהאַנעסבורג?

אַ משך פון פופציק יאָר האָט ער געלעבט אין גהאַנזילאַנד. ער האָט גע־הערט אַ סך וועגן דעם נייעם כרך, וואָס איז אויסגעוואַקסן ארום די גאָלד־מינעןן.

ער האָט געהערט, אַז אין דעם נייעם כרך געפינען זיך אַ סך יידן.

אפשר — האָט ער ביי זיך געטראַכט — וועט ער דאָרט געפינען די הייליקע און גייסטיקע יידישע סביבה, נאָך וועלכער ער בענקט אַזוי פיל? אפשר וועט ער דאָרט אויף זיינע עלטערע יאָרן קענען אויסלעבן זיך צווישן יידן, און גע־בראַכט ווערן צו קבר ישראל?

* * *

אברהם פעלעס איז געקומען קיין יאָהאַנעסבורג.

עטליכע חדשים האָט ער געלעבט צווישן די יידן אין יאָהאַנעסבורג. ער האָט געוועלט צוריקגעפינען די יידישקייט פון זיינע קינדער־יאָרן אין אמסטער־דאַם. איז ער געגאַנגען פון שול צו שול, צו שחרית און צו מנחה, שבת און אינדערוואָכן. ער האָט געזוכט יידישן גייסט, יידישע באַגייסטערונג.

ער האָט זיך אָבער גיך אַנטוישט אין זיין האָפנונג. אַנשטאָט אַן אָרגאַני־זירטער און טיף־איינגעוואָרצלטער יידישקייט, וואָס אמסטערדאַם האָט געהאַט, האָט ער אין יענער צייט געפונען אין יאָהאַנעסבורג אַ יידישקייט אָן וואָרצלען, אָן טראַדיציע און אָן פעסטגעשטעלטע פירונגען.

ניין, ניט אַזאַ יידישקייט האָט ער געזוכט!

אברהם פעלעס האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין היים קיין גהאַנזילאַנד. אין אַ קורצער צייט ארום איז ער געשטאָרבן, און ער איז באַערדיקט געוואָרן אין זיין שיינעם פרוכט־גאָרטן.

ער האָט געהאַט אַ שיינע און אַ גרויסע לוויה. זיינע זין, זיינע טעכטער, זיי־נע איידעמס און שניר, זיינע אייניקלעך — גרויס און קליין — אַ קאַליידאָסקאָפּ פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פעלקער האָבן ארומגערינגלט זיין קבר...

דער גאַסן־פאָטאָגראַפירער

דער יאָהאַנעסבורגער פאָטאָגראַפירער מר. נחום זעלדין האָט ניט קיין פאָטאָגראַפישע אַטעליע אין שטאָט.

ער האָט ניט אפילו קיין באשטימט אָרט, וו ער טוט זיין ארבעט. מען געפינט אים צייטנווייז אויף איינער פון די יאָהאַנעסבורגער גאַסן, אָדער אין אַ טויער פון אַ שטאָטישן שפּאַציר־גאָרטן. מען טרעפט אים, ווי ער שטייט ביי זיין באַוועגלעכער פאָטאָגראַפישער „אַטעליע״, וואָס טראָגט א שילדל מיטן אויפשריפט: פאַרטיק אין פינף מינוט.

רואיק און געלאַסן טוט ער זיין ארבעט. זיין קליענטור איז ניט גרויס. עס זעט זיך ניט אָן, אז מר. זעלדין איז להוט נאָך א סך קליענטן.

ער זיצט זיך רואיק אויף אַ שטול, רויכערט א ליולקע, און איז מעיין אין אַ צייטונג, אָדער אַ בוך. מאַכט זיך א קליענט, איז מהיכי תיתי; מאַכט זיך ניט — איז אויך רעכט.

גאַנצע טעג לעבט ער אין דרויסן. דער דרויסן איז פריי און הויך־הויך ביז צום טיפן בלאָען הימל. דער דרויסן האָט אַ סך זון און אויך שאָטן. מען קען זיצן און טראַכטן, אָדער פאַנטאַזירן וועגן זוניקע, אָדער שאָטנדיקע זאַכן אין דער וועלט.

איין זונטאָג אין דער פרי האָב איך אים געטראָפן ביים טויער פון א שפּאַציר־גאָרטן. ער האָט דעמאָלט באַדינט עטלעכע קליענטן. איך האָב באַמערקט, אז ער רעדט אייניקע איראָפּעאישע שפּראַכן און אויך באנטו־שפּראַכן.

פארשטייט זיך, אז ער רעדט אויך יידיש. ער רעדט אפילו העברעאיש, נאָר מיט שוועריקייטן און מאַכט מיט די הענט.

נאָך א קורצן שמועס מיט אים, האָב איך אויסגעפונען, אז ער האָט אַ שוואַכקייט צו העברעאיש. ער פרייט זיך זייער, ווען עס מאַכט זיך אים אַ געלעגנהייט צו ריידן העברעאיש.

געוויינטלעך איז ער אַ צוריקגעהאַלטענער און אַ שווייגנדיקער מענטש. אָבער אין העברעאיש איז ער תמיד מוכן ומזומן צו שמועסן.

ער איז אפילו גרייט צו דערציילן אינטימע זאַכן פון לעבן, וואָס אין קיין אנדער שפּראַך, דאַכט זיך, וואָלט ער דאָס ניט געטאָן.

ווען ער רעדט העברעאיש, צעוואַרעמט ער זיך און ער פילט אַן אינערלעכע גייסטיקע נאָענטקייט צו זיין מיט־שמועסער.

ער הייבט זיך אויף איבער די יעניקע יאָרן, וואָס האָבן אים פארשלונגען, און ער קערט זיך אום צו זיך אליין, צו דעם, וואָס ער איז געווען אַמאָל.

מר. זעלדין איז שוין אויף דער עלטער. ער געדענקט ניט אלץ גענוי וועגן זיינע אמאָליקע יאָרן. ער געדענקט בלויז די זאַכן און געשעענישן, וועלכע האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין זיין זכרון.

* * *

אין העברעאיש האָט מיר מר. נחום זעלדין דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע.

ער שטאַמט פון דעם זעלבן לאַנד, פון וואַנען כמעט אלע דרום־אפריקאַנער יידן שטאַמען: ער שטאַמט פון דער יידישער ליטע.

זיינע קינדער־יאָרן האָט ער פארבראַכט אין א קליינינקן שטעטעלע. איינ־מאָל איז געקומען א משולח אין דעמדאָזיקן שטעטעלע און ער האָט זיך אָנגע־טשעפּעט אָן זיינע אָרעמע עלטערן, אז זיי זאָלן אים שיקן לערנען אין דער טעלזער ישיבה. און דער משולח האָט זיי ניט נאָכגעלאָזן ביז וואַנען זיי האָבן אים צוגעזאָגט דאָס צו טאָן.

גאַנץ יונג איז ער אָנגעקומען אין דער טעלזער ישיבה. ער האָט דאָרט פאַרבראַכט איניקע יאָר. די ראשי הישיבה, ר׳ אליעזר גאָרדאָן און ר׳ שמעון שקאָפּ, האָבן אים שטאַרק מקרב געווען; זיי האָבן אויף אים נביאות געזאָגט, אז ער וועט זיין א גדול בישראל.

אָבער עס האָט אזוי געטראָפן, אז ער האָט זיך פאַרדרייט אין אַן אַנדער ריכטונג.

אין יענער צייט האָט זיך אין טעלז געפונען אַ קרייז פון משכילים, אָנגע־פירט דורך צוויי דאָקטוירים, — דאַכט זיך, ד״ר זיף און ד״ר בראָודע, — און דורך אַבעל דעם אַפּטייקער. די משכילים האָבן אים אין געהיים געלערנט העברעאיש, דייטש און רוסיש.

אין דעמדאָזיקן משכילים־קרייז האָט ער געהערט וועגן וואָלאָזשינער ישיבה און וועגן אירע משכילים. האָט ער אָנגעהייבן חלומען וועגן דער דאָזיקער ישיבה.

אין טעלז זיינען דעמאָלט געווען אַ סך פרויען, וואָס פלעגן קריגן געלט פון זייערע מענער אין אפריקע. אָט די „אַפריקאַנערינס״ האָבן זיך פארגונען צו נעמען פריוואַטע לערער פאַר זייערע קינדער. האָט ער אָנגענומען איניקע „שטונדן״, און ער האָט אָנגעקליבן אויף הוצאות צו פאָרן קיין וואָלאָזשין.

אין דער וואָלאָזשינער ישיבה האָט ער פארבראַכט איניקע יאָר. ער האָט דאָרט א סך געלערנט און געשטודירט.

פון וואָלאָזשין איז ער אוועק קיין ווילנע.

אין ווילנע איז ער אריין אין די משכילישע קרייזן. ער האָט דאָרט געפּו־נען אַלץ, וואָס ער האָט געוועלט געפינען. מען האָט אים דאָרט אויך באַזאָרגט מיט אַ לערערין, וואָס האָט אים געדאַרפט צוגרייטן צום אוניווערסיטעט.

גלייכצייטיק האָט ער געאַרבעט אין אַ פאָטאָגראַפישער אַטעליע. אים איז געפעלן געוואָרן די דאָזיקע מלאכה, וואָס איז גלייכצייטיק אויך קונסט.

האָט ער זיך אָבער פארפלאָנטערט אין דער נעץ פון ליבע. ער האָט זיך פאַרליבט אין זיין פרייוויליקער לערערין. דאָס איז געווען זיין ערשטע פלאַ־מענדיקע ליבע.

ער איז פלוצלונג אריין אין אַן אַנדער וועלט — אין אַ וועלט, וואָס שימע־רירט מיט אומצאָליקע קאָלירן און ליכט־שטראַלן, אַ וועלט פון פאַנטאַזיע און גאָלדענע חלומות. ער האָט אָבער ניט געוואָגט זיך צו דערקלערן אין ליבע צו זיין לערערין. און... איידער וואָס־ווען, איז זי א כלה געוואָרן און חתונה גע־האַט מיט אַן אַנדערן.

דאָס האָט געווירקט אויף אים זייער שטאַרק. אַן אַנטוישטער און אַ פאַר־ביטערטער האָט ער וואָכן־לאַנג ארומגעוואַנדערט איבער די וועלדער און פעל־דער, איבער די בערג און טאָלן ארום ווילנע. ער האָט אויפגעהערט זיך גרייטן צום אוניווערסיטעט.

דעמאָלט האָט ער אָנגעהייבן שרייבן אין העברעאיש א גרויסן ראָמאַן, אין וועלכן ער האָט באַשריבן זיין פלאַמענדיקע ליבע. טאָג און נאַכט איז ער געזעסן און געשריבן.

ער איז אוועק מיט זיין מאַנוסקריפּט קיין וואַרשע. י. ל. פּרץ און בן אביגדור האָבן דאָס בוך געפונען פאר ניט רייף...

ווידער איז זיין וועלט פאר אים חרוב געוואָרן. די צווייטע אנטוישונג איז געווען ניט קלענער פון דער ערשטער.

אין יענער צייט האָט זיך אים געמאַכט צו לייענען די ווערק פון גרויסן רוסישן פאָרשער, געאָגראַף און עטנאָגראַף ניקאָלאַי פּרזשעוואַלסקי, וועגן דעם אַזיאַטישן רוסלאַנד. די דאָזיקע ווערק האָבן אים פארכישופט.

זיי האָבן דערוועקט אין אים אַ באַגער צו רייזן אין יענע געגנטן, וועלכע זיינען סיטואירט אין הארץ פון דעם אַזיאַטישן קאָנטינענט, — אין יענע מקומות, ווו דזשינגיס כאַן האָט אַמאָל געזאַמלט זיינע מעכטיקע ארמייען.

איז ער אוועק אַהין. ער האָט געוואַנדערט אין טורקעסטאַן ביז די גרע־נעצן פון אַפגאַניסטאַן און כינע.

מיט דער הילף פון אַן איבערזעצער האָט ער געקענט אויסנוצן זיין פּראָ־פעסיע אַלס פאָטאָגראַפירער צווישן די פאַרשיידענע שבטים אין צענטראַל־אזיע.

ער פלעגט זיך ניט האַלטן צו לאַנג אויף איין אָרט. ער פלעגט זיין בלויז אַ צוויי־דריי חדשים אין אַ שטאָט.

זיינע עלטערן אין דעם קליינעם ליטווישן שטעטל פלעגן קריגן פון אים אָפטע בריוו. כמעט יעדער צווייטער־דריטער בריוו איז געווען פון אַן אַנדער שטאָט. זיין מוטער איז געוואָרן אומרואיק. די אומבאַקאַנטע נעמען פון די שטעט האָבן זי דענערווירט. האָט זי איינמאָל זיך נאָכגעפרעגט וועגן יענע ער־טער ביי אַ געלערנטן פאָסט־באַאַמטן. האָט זי זיך דערוווּסט, אז זיי זיינען אין מדבריות און וויסטעניש, פון וועלכע מען קען ניט צוריקקומען. האָט זי אים גלייך געשריבן און באַפוילן בגזירת כבוד אם, אז ער מוז גלייך אהיים קומען.

ער האָט געענטפערט זיין מוטערס רוף, און איז אהיים געקומען.

* * *

נחום זעלדין האָט אָבער ניט געקענט לאַנג זיין אין זיין שטעטל; און אין אַ קורצער צייט ארום איז ער אוועק קיין דרום־אפריקע.

אין דרום־אפריקע האָט ער געפונען אַ ניי לאַנד, אַ נייע וועלט, נייע שפּראַכן און נייע מנהגים. ער האָט זיך געפילט אײנגאַנצן ביים אָנהויב פון אַ נײַעם לעבן.

אין דעם יידישן וואָכנבלאַט „יודישע פאָהן" פון יאָהאַנעסבורג האָט ער געפונען אַן אַנאָנס פון א געוויסער שטאָט, וואָס האָט געזוכט א העברעאישן לערער פאַר דער דאָרטיקער תלמוד תורה. האָט זיך נחום זעלדין דערמאָנט אָן זיינע העברעאישע ידיעות. ער האָט זיך קאָמוניקירט מיט יענער קהילה, און געקראָגן די שטעלע אין תלמוד תורה.

ער האָט אָבער ניט געקענט אריינפּאַסן זיך אין די ראַמען פון אַ תלמוד־תורה־לערער אין דרום־אפריקע.

האָט ער אָנגעהייבן לערנען די קינדער העברעאיש, זיינען די בעלי בתים געקומען מיט טענות: זיי ווילן ער זאָל זייערע קינדער לערנען „סידור". האָט ער געלערנט די קינדער תנ"ך — האָבן די עלטערן פּראָטעסטירט: זיי ווילן סידור; האָט ער געפּרובירט לערנען מיט די קינדער יידישע געשיכטע — האָבן די גבאים אויפגעהייבן א ליארם: סידור! סידור! סידור!

איז נחום זעלדין אנטלאָפן פון שטעטל.

ער איז געוואָרן אַ גאַסן־פאָטאָגראַפירער.

ער האָט געוואַנדערט איבער שטעט. ער איז געפאָרן מיטן באַן פון אָרט צו אָרט, פון פּראָווינץ צו פּראָווינץ.

נחום זעלדין האָט געררייזט אין די ראָדעזיעס, און דערגרייכט צענטראַל־אפריקע. ער האָט אָבער אין קיין אָרט ניט געקענט איינוואָרצלען זיך.

לעצטנס האָט מר. זעלדין דערפילט, אז ער ווערט אלט. האָט ער באַשלאָסן אויפצוהערן זיין נע־ונד־לעבן. ער האָט זיך באַזעצט אין יאָהאַנעסבורג.

אויך אין יאָהאַנעסבורג איז זיין אַדרעס ניט קיין פּערמאַנענטער. ער בייט זיינע דירות זייער אָפט. ער לעבט איינזאַם. ער מישט זיך ניט מיט קיינעם.

אַ גאַנצן טאָג איז ער אין די גאַסן, אָדער ביי אַ טויער פון אַ שפּאַציר־גאָרטן. אין די אָוונטן איז ער אָפט אין לייען־זאַל פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק, אָדער ביי זיך אין צימער.

ער האָט ליב צו לייענען פילאָזאָפישע ווערק. אָבער צום ליבסטן זיינען אים רייזע־ביכער, וועלכע טראָגן אים אריבער אין אומבאַקאַנטע לענדער און צו אומבאַקאַנטע פעלקער.

מר. נחום זעלדין האַלט, אז רייזן איבער דער וועלט איז דער גרעסטער פאַרגעניגן.

אַ שאָדן — האָט ער צוגעגעבן — וואָס ער איז שוין אַלט און קען מער ניט געניסן פון דאָזיקן פאַרגעניגן!

מר. זעלדין איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז אויפגעשטאַנען און צוזאַמענגעלייגט זיין שטול מיט זיין באַוועגלעכער „אַטעליע". איך האָב געוועלט באַגלייטן אים אהיים. אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם.

דאָך בין איך אים אָבער נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך פאַרדרייט אין א שטילן געסל, וווּ בלויז עטלעכע הייזלעך זיינען געשטאַנען פאַרזונקען אין איינזאַמקייט, און איז פאַרשוווּנדן.

זיין צוואה

ווייט, ווייט אין אַ טיפן און ברייטן טאָל, צווישן הויכע שטיינערנע בערג, געפינט זיך דאָס טראַנסוואַלער שטעטל הייסדאָרפּ, וואָס ליגט ווייט אוועק פון דער גרויסער שטאָט. שטיל און רואיק איז דאָס לעבן דאָ, סיי זומער און סיי ווינטער. בלויז דאָס פייפן פון די פאַרביילויפנדיקע צוגן שטערט דאָ די רו־איקייט.

מיט אַ יאָר פערציק צוריק זיינען אהער אָנגעקומען צוויי יונגע יידישע בחורים, וואַנדערנדיקע קרעמער, מיט זייער וואָגן אָנגעלאָדן מיט סחורה.

אין אַ קורצער צייט האָבן זיי אויסגעפונען, אז הייסדאָרפּ דאַרף זיי האָבן.

האָבן זיי לאַנג נישט געטראַכט, און האָבן באשלאָסן צו באזעצן זיך דאָרט.

ווען זייער געשעפט איז אַוועק גוט, האָבן זיי אַנגעהייבן ביסלעכווייז אַרי־בערצובערענגען זייערע קרובים און באַקאַנטע. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט הייסדאָרפּ זיך פונאַנדערגעוואָקסן. די יידישע אימיגראַנטן האָבן דאָס שטעטל באַרייכערט מיט איניקע קראָמען, מיט אַ האָטעל, מיט א גאַראַזש און מיט אַ ציגעלניע.

די בורישע באַפעלקערונג אין שטעטל גופא און פון ארום איז געווען צו־פרידן מיט די ניי־געקומענע געשעפט־לייט. זיי האָבן געגלייבט, אז זייער קו־מען וועט ברענגען ברכה און הצלחה פאר דער גאַנצער געגנט. די בורן האָבן געגלייבט אין דער ביבל און אין דעם פאָלק פון דער ביבל. זיינען זייערע באַ־ציאונגען מיט די יידישע געשעפט־לייט געווען ערלעכע און אויפריכטיקע, און זיי האָבן געהאַט פיל צוטרוי צו די יידן.

די ליטווישע יידישע יונגעלייט האָבן ניט אנטוישט די בורישע באַפעלקע־רונג פון הייסדאָרפער געגנט. זיי האָבן געהאַנדלט ערלעך און געלעבט באַשיידן.

אַ גאַנצן טאָג פלעגן זיי זיין פאַרנומען מיט זייערע קראָמען; אין די אָוונטן פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען לייענען די צייטונגען און פאַרברענגען צוזאַמען.

די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן אויף די פעלדער פון ליטע, האָט איבערגעריסן די פעדים, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דרום־אפריקע קיין ליטע. די מלחמה האָט אויסגעריסן די יידישע ישובים פון ליטע און זיי צעזייט און צעשפרייט איבערן ברייטן רוסלאַנד. די הייסדאָרפער יונגעלייט האָבן פארלוירן יעדע פארבינדונג מיט זייערע עלטערן און קרובים.

פלעגן זיי זיך צוזאַמענטרעפן אין אָוונט, איבערהויפּט סוף־וואָך, און צוזאַ־מען נישטערן אין די צייטונגען, זוכנדיק אַ שפור, א רמז וועגן זייער אלטער היים און וועגן זייערע נאָענטע.

* * *

עס זיינען אריבער שיינע עטלעכע יאָר ביז זיי האָבן ווידער אָנגעהייבן קריגן ידיעות וועגן זייערע פאַמיליעס. די גרוסן זיינען געווען טרויעריקע, — גרוסן פון חרוב־געוואָרענע היימען. מען האָט געמוזט העלפן אויפבויען די חורבות, און מען האָט געמוזט אויפסניי אויפבויען די חרוב געוואָרענע יידישע פרנסות.

* * *

דערווייל זיינען אוועק יאָרן, און די הייסדאָרפער יידישע בחורים האָבן זיך אַרומגעזען, אז זיי זיינען שוין ניט מער קיין יונגעלייט...

אַ ליטווישער משולח האָט געמאַכט די דאָזיקע „אַנטדעקונג". ער איז געווען זייערער א לאַנדסמאַן. ער האָט געקאָנט כמעט זייערע אַלעמענס עלטערן. האָבן זיי געמאַכט פאַר אים א שיינעם קבלת־פּנים. ווען דער משולח איז געוואָרן בגילופנדיק, האָט ער זיי שטאַרק אָנגעגריפן, פאַרוואָס זיי האָבן ביז איצט ניט חתונה געהאַט. „סטייטש, אזעלכע קינדער, פון אזעלכע שיינע עלטערן זאָלן פאַרזיצן. ווי פאַסט דאָס פאַר יידן ניט חתונה צו האָבן? דאָס איז דאָך די גרעסטע זינד!".

און דער משולח האָט באשלאָסן זיי חתונה צו מאַכן; און אומר ועושה — געזאָגט און געטאָן. איז ער אוועקגעפאָרן קיין יאָהאַנעסבורג, און האָט געפונען כלות פאַר הייסדאָרף.

די כלות זיינען געווען מיידלעך נאָר־וואָס געקומענע פון דער ליטע — גוטע יידישע טעכטער, וועלכע האָבן באקומען אין דער היים א מאָדערנע העברעאישע דערציאונג.

אלע הייסדאָרפער יידישע בחורים האָבן חתונה געהאַט. נאָר איינער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן. ער איז תמיד געווען אנדערש, ווי אלע. זיינע חברים האָבן אים גערופן „טשודאַק", דאָס הייסט משונהדיקער, אויסטערלישער. ער איז געווען אנדערש אין זיין אויפפירונג און אויסטערליש מיט זיינע געדאַנקען.

ער איז געווען אַ ספּיריטואַליסט. פלעגט ער תמיד ריידן וועגן רוחות, וועגן אַ יענער־וועלט. חברים האָבן אים ניט געקענט פארשטיין, ווייל ער איז נישט געווען קיין פרומער. „נישט קיין פרומער, און גלייבט אין יענער־וועלט!" — האָבן זיי זיך געוווּנדערט.

כל־זמן זיי אלע זיינען געווען בחורים, האָט דער „טשודאַק" געהאַלטן זיך מיט זיי צוזאַמען אין אלע הינזיכטן. אָבער נאָך דעם, ווי זיי אלע האָבן חתונה געהאַט, האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון זיי, און זיך איינגעשלאָסן אין זיך. ער איז געוואָרן אַ מתבודד.

* * *

די יונגע ווייבלעך האָבן געמאַכט אין הייסדאָרף א גאַנצע איבערקערעניש. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרוואַנדלען הייסדאָרף אין אַ מין ליטוויש־יידיש שטעטל. האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אין אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן איינ־

געאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן, אויף וועלכע יעדע פון זיי האָט געהאַלטן א ליטע־ראַרישן פאָרטראַג. שפּעטער האָבן זיי באַשלאָסן צו בויען א שול און איינשאַפן זיך אַ ביבליאָטעק.

זייערע מענער האָבן זיי נישט אינגאַנצן פארשטאַנען. זיי פלעגן קומען אויף די ליטעראַרישע אָוונטן, זיך איינהערן צו די רעפעראַטן, אָבער דאָס אַלץ האָט פאר זיי געקלונגען פאַנטאַסטיש. זיי האָבן זיך געפילט, ווי אויף א פרעמ־דער חתונה.

האָבן זיי געקוקט אויף זייערע מאָדערנע העברעאיש־ריידנדיקע יונגע פרויען מיט רעספּעקט און מיט אומזיכערקייט. זיי האָבן געקענט ממש אָנטאַפּן די מחיצות צווישן זיי, די פאַרזעסענע קליינשטעטלדיקע בחורים, און צווישן די יונגע לעבנסדורשטיקע אינטעליגענטע שיינע פרויען. זיי האָבן אָבער וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט. האָבן זיי געלאָזן זייערע פרויען טאָן, וואָס נאָר זיי האָבן געוועלט. זיי האָבן געגעבן געלט צו בויען אַ שול און איינצושאַפן זיך אַ ביבליאָטעק. ווען די שול איז געוואָרן פאַרטיק, האָבן זיי אַנגאַזשירט אויך אַ „רעוורענד״.

און — הייסדאָרפּ איז ארויף אויף דער מאַפּע פון די יידישע קהילות אין דרום־אפריקע.

* * *

דער „טשודאַק״ האָט געפּראַוועט התבודדות. ער איז אין שול ניט געקומען דאַוונען אפילו ראש השנה און יום כפור.

געחברט האָט ער זיך בלויז מיט די שוואַרצע. ער פלעגט זיי אָפּט מכבד זיין מיט קאַלטן לעמאָנאַד און מיט צובייסנס.

דער „רעוורענד״ האָט פּרובירט פאַרבינדן זיך מיט אים, און אים איבער־ריידן ער זאָל ווערן אַ מיטגליד פון דער יידישער געמיינדע. אָבער דאָס איז געווען אומזיסט.

דער „טשודאַק״ איז זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענעם וועג.

* * *

דערווייל איז זיך די הייסדאָרפער יידישע קהילה כסדר געוואַקסן. עס האָבן אָנגעהייבן קומען „בייביס״*). עס זיינען פאַרגעקומען ברית׳ן און מזל־טוב׳ן. אין עטלעכע יאָר ארום האָט זיך געעפנט אַ קינדער־גאַרטן און א חדר. די יונגע מאַמעס אליין זיינען געווען די דערציערינס. זיי האָבן זיך פרייוויליק אונטער־גענומען צו דערציען זייערע קינדער אין העברעאיש. זיי פלעגן איינאָרדענען קינדער־פייערונגען לכבוד יעדן יידישן יום־טוב. די קינדער פלעגן צוזאַמען מיט די מאַמעס זינגען, רעציטירן און זיך פריילעך מאַכן. די טאַטעס פלעגן זיצן פארכליניעטע פון פארגעניגן.

און וואָס מער די יידישע קהילה אין הייסדאָרפּ האָט אויפגעלעבט, וואָס פול־בלוטיקער און שטאַרקער זי איז געוואָרן — אלץ אויסטערלישער איז דער „טשודאַק״ געוואָרן.

---

*) עופּה׳לעך.

ער האָט זיך פֿאַרשפּאַרט אין זיין צימער, וואָס איז געווען צוגעבויט צו זיין קרעמל, און ער פֿלעגט זייער זעלטן זיך באַווייזן אין גאַס. ער האָט אויפֿגעהערט אכטונג צו געבן אויף זיין אויסערלעכן אויסזען. ער פֿלעגט טראָגן אַן אַלטן זעלנערישן טוניק מיט זעלנערישע שיך פֿאַרשנורעוועט מיט דראָט. די גאַס פֿלעגט ער דורכגיין מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער האָט געוועלט אויס־מיידן צו באַגעגענען זיך מיט באַקאַנטע.

דעם לעצטן יום־כּפּור האָט ער אריינגעשיקט דורך א שווארצן א בריוו אין שול אריין. ער האָט געבעטן, אז מען זאָל דעם דאָזיקן בריוו פֿאַרלייענען פֿאַרן עולם. דאָס איז אָבער געווען ניט קיין בריוו, נאָר א דעקלאַראַציע, אַ ספּירי־טואַליסטישע מגילה, אין וועלכער ער האָט דעקלאַרירט זיין גלויבן, און ער האָט גערופֿן אלע יידן אָנצונעמען זיין גלויבן. ער האָט זיך געבעטן ביי זיי צו ראַטע־ווען זייערע נשמות.

* * *

אין דעם זעלבן יאָר איז דער „טשודאַק" געשטאָרבן. אַ שוואַרצער האָט אָנגעזאָגט וועגן זיין טויט.

דאָך האָט ער געהאַט א יידישע לוויה. אלע שטעטלדיקע האָבן אים באַ־גלייט צו זיין אייביקער רו.

* * *

אַ געוויסע צייט נאָך זיין טויט איז געווען געדרוקט אין דער דרום־אפֿריקאַנער אלגעמיינער פּרעסע א סענסאַציע וועגן אַ יידן, וואָס איז געשטאָרבן אין הייסדאָרפּ און האָט איבערגעלאָזן א מאָדנע צוואה. אין דער דאָזיקער צוואה זאָגט ער אָפּ זיין גאַנצן פֿאַרמעגן — זיך אליין, אין צווייטן גילגול. אין זיין בריוו צום הויפּטריכטער פֿאָדערט ער, אז מען זאָל זיין פֿאַרמעגן קיינעם ניט אוועק־געבן און ניט פֿאַרקויפֿן, נאָר מען זאָל דאָס האַלטן פֿאַר אים אליין ביז ער וועט קומען, ווייל ער וועט זיכער צוריקקומען. ער פֿאַרלאָזט די וועלט בלויז אויף אַ קורצער ווײַלע. ער וועט גאָר אין גיכן ווידער געבוירן ווערן, און ער וועט קו־מען קיין הייסדאָרפּ אָפּצונעמען זיין פֿאַרמעגן; דערווייל בעט ער דעם ריכטער ער זאָל פֿאַרוואַנדלען זיין הייזקע אין א ביבליאָטעק פֿאַר די שווארצע.

דער שטעטלשער אדוואָקאַט האָט דערציילט, ווי אזוי דער „טשודאַק" האָט אים דיקטירט די דאָזיקע צוואה. אלע טענות, אז אזא צוואה איז לעכערלעך, האָבן ניט געהאָלפֿן. ער האָט באמת געגלייבט, אז ער וועט נאָך אַ מאָל מגולגל ווערן, און ער וועט צוריקקומען קיין הייסדאָרפּ — — —

„גענערעלער"

איך האָב געפונען מיסטער זעפערטן אין זיין ביוראָ אַ שטראַלנדיקן.

— האַלאָו, מר. זעפערט, וואָס מאַכט איר?

— וואָס זאָל איך מאַכן? איך גענעראַלעווע.

— מאי משמע? וואָס הייסט, איר גענעראלעוועט?

— כאַ, כאַ, כאַ! אויב אזוי, מוז איך אייך דערציילן אַ גאַנצע מעשה. גוט. אויב איר האָט צייט, זעצט זיך אַנידער אָט־דאָ, און עס וועט אייך אַלץ קלאָר ווערן.

יאָ, איך וועל אָנהייבן מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיינע עלטערן זיינען געווען איינגעפונדעוועטע בעלי־בתים אין שטעטל. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אונדז ארויסגעריסן פון אונדזער היים־שטאָט, און האָט אונדז פאַרוואַנדלט אין פליטים.

נאָך דער מלחמה, אז מיר האָבן זיך אומגעקערט אהיים, האָבן מיר גאָר־נישט געפונען פון אונדזער איבערגעלאָזענעם פאַרמעגן.

מיין עלטסטער ברודער האָט זיך אוועקגעלאָזן אין דער וועלט אריין. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אז ער איז אָנגעקומען קיין דרום אפריקע.

עטלעכע יאָר זיינען אוועק, און מיר האָבן פון אים זייער ווייניק געהערט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז ער איז מסתמא אויף גרויסע צרות.

ויהי היום, איין טאָג, קריגן מיר פון אים אַ בריוו מיט געלט. ער שרייבט אונדז, אז נאָך א סך ליידן און זוכענישן, האָט ער ענדלעך געפונען זיין וועג אין לעבן, און איצט איז ער „אָלרייט".

ביי אונדז אין שטוב איז געוואָרן שמחה וששון. מיר האָבן געהאַלטן דעם בריוו און נישט מיד געוואָרן פון לייענען אים.

פּלוצלונג באַמערק איך אין אָנהויב פון בריוו גויאישע געדרוקטע אותיות „גענעראל דעאלער ח. זעפערט". איך געפין דעם זעלבן אויפשריפט אויך אויפן קאָנווערט.

וואָס? גענעראל דעאלער ח. זעפערט? וואָס זאָל דאָס באַדייטן? זאָל דאָס הייסן, אז מיין ברודער חאצקל איז געוואָרן א גענעראַל? א קשיה אויף אַ מעשה? חאצקל איז אלעמאָל געווען א כיטרער און פיפיקער חברה־מאַן. אפנים, אז ער האָט געפונען לייטזעליקייט אין די אויגן פון די שווארצע מענטשן אין אפריקע. מסתמא האָט ער געפונען חן אין די אויגן פון דעם שווארצן קעניג און ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ גענעראַל!

ווי אַ ווינט בין איך געלאָפן צו מיינע עלטערן און זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אז חאצקל איז איצט א גענעראַל. מיין טאַטע איז אינגאַנצן מבולבל געוואָרן. ער האָט דאָס נישט געקענט באַגרייפן. מיין מאַמע אָבער האָט גלייך געגלייבט

אין דעם. יאָ, זי האָט תמיד געגלייבט, אז פון חאַצקלען וועט ארויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש. איין קליינקייט, חאַצקל!

נו, מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? די דאָזיקע נייס, אז חאצקל איז געוואָרן א גענעראַל אין אפריקע, האָט זיך פארשפרייט, ווי גראָז־פייער איבערן גאַנצן שטעטל, און עס האָבן זיך אָפּגעטאָן מעשים. מעשים האָבן זיך אָפּגעטאָן! פון גאַנצן שטעטל איז מען צוזאַמענגעלאָפן אונדז גראַטולין. רעדלעך מענטשן זיינען געשטאַנען ארום אונדזער שטוב און אין די גאַסן, און מען האָט גערעדט וועגן חאצקלען און וועגן אפריקע. ביי אונדז אין שטוב האָבן מיר זיך געפילט, ווי אין זיבעטן הימל.

אויפצומאָרגנס איז צו אונדז דערגאַנגען די נייס, אז אין שטעטל רעדט מען, אז חאַצקל האָט זיך געשמדט. וואָרום עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין, אז א ייד זאָל ווערן אַ גענעראַל.

מיין טאַטע איז געוואָרן זייער אומעטיק. ער האָט געשוויגן און האָט אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט מענטשן. מיין מאַמע אָבער האָט געהאלטן אין איין שילטן די שטעטלדיקע יידן, וואָס האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף איר חאצקלען. זי איז געווען אינגאַנצן זיכער, אז איר חאַצקל האָט זיך נישט געשמדט, — פאר קיין פאַל אין דער וועלט. די שטעטלדיקע יידן האָבן דאָס אויסגעטראַכט, ווייל זיי פאַרגינען איר נישט צו האָבן אַ זון אַ גענעראַל... זי האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דעם. איך האָב געקענט זען, ווי זי עסט זיך אויף אַ לעבעדיקע.

זאָג איך צו איר: צו וואָס טויג דאָס שילטן און אָפּעסן זיך דאָס האַרץ? לאָמיר שרייבן צו חאַצקלען אַ בריוו און אים אויספרעגן וועגן אלץ.

האָבן מיר זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט, ווי ער לעבט, און פון וואָס ער לעבט.

איז אָנגעקומען פון אים אַן ענטפער, אז ער לעבט, ווי אלע לעבן, און ער טוט, וואָס אלע טוען. נו, גיי און זיי אַ חכם און פארשטיי, וואָס ער מיינט מיט דעם.

מילא, וואָס האָבן מיר געקענט טאָן? מיר האָבן געשוויגן. אָבער אין האַרצן האָט אַ וואָרעם שטענדיק גענאָגט: איז ער טאַקע אַ גענעראַל? איז ער א געשמדטער?

מיר האָבן געהאלטן אין איין שרייבן צו אים, און אין יעדן בריוו האָבן מיר אין אַן אַיידעלן וועג, אויף פארשיידענע אופנים זיך נאָכגעפרעגט וועגן זיין לעבן בכלל און בפרט.

אָבער זיינע ענטפערס האָבן אונדז נישט באַפרידיקט. און יעדער בריוו זיינער מיט די געדרוקטע גויאישע אותיות „גענעראל דעלאער ח. זעפערט״ פלעגט אונדז צעטומלען.

* * *

בינו לבינו האָב איך אָנגעהייבן חלומען וועגן פאָרן קיין אפריקע. אויב מיין ברודער חאַצקל איז דאָרט געוואָרן אַ גענעראַל, איז דאָך ניט שייך! ווער ווייסט, וואָס מיך דערוואַרט דאָרטן?

איך האָב תמיד געהאַלטן פון זיך א סך מער, ווי פון מיין ברודער...

נעם איך און שרייב אוועק אַ בריוו צו חאַצקלען: היות ווי די עקאָנאָמישע לאַגע ביי אונדז אין נישט גוט, און היות ווי איך האָב דאָ נישט וואָס צו טאָן, על כן, דעריבער, בעט איך אים, אז ער זאָל מיך אריבערנעמען צו אים קיין אפריקע.

עס האָט נישט גענומען לאַנג, און איך האָב באַקומען פון מיין ברודער אַן אַפידייוויט*) און די שיפס־קאַרטע.

מיינע עלטערן זיינען געווען צופרידן פון מיין פאָרן קיין אפריקע. איך וועל דאָך דאָרט אויסגעפינען אַלץ וועגן חאַצקלען, און איך וועל דאָך זיי שרייבן דעם אמת. און דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע, וואָס זיי האָט אינטערעסירט.

נאָך א געוויסער צייט פון נייטיקע הכנות, האָב איך פארלאָזן מיין היים און מיינע עלטערן און געפאָרן קיין אפריקע.

אין לאָנדאָן בין איך איינגעשטאַנען אין דעם שעלטער פאר יידישע עמי־גראַנטן. מיר איז אויסגעקומען צו וואַרטן אויף אַ שיף. איך האָב דאָרטן גע־פונען יידן פון פארשיידענע לענדער. עס איז דאָרט געווען, ווי אויף א וואָקזאַל. מענטשן זיינען געקומען, און מענטשן זיינען אוועק. איך האָב זיך דאָרט באַ־קאַנט מיט אַ וועלט מיט מענטשן.

איין טאָג איז אין שעלטער אריינגעקומען אַן עלטערער אפריקאַנער ייד. האָב איך זיך גלייך צוגערוקט צו אים און אים געפרעגט, צי ער קען נישט אַמאָל מיין ברודער חאַצקל. פרעגט ער מיך וועגן דעם אָרט, ווו מיין ברודער וווינט. ווייז איך אים דעם קאָנווערט מיט די גויאישע געדרוקטע אותיות. זאָגט ער, אז ער קען אים נישט.

אַ ווײַלע שלאָג איך זיך מיט דער דעה: פרעגן אים, אָדער נישט. ענדלעך באַשליס איך צו פרעגן און בעט אים דערקלערן מיר, וואָס מיינען די ווערטער „גענעראַל דעאַלער". טוט ער אַ ברום אונטערן נאָז: „דזשענעראַל דילער" — דאָס מיינט, אז ער האַנדלט מיט שמאַטעס.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב געפילט, ווי ער וואָלט מיר געגעבן מיט א פלאָקן איבערן קאָפּ. האָט איר געהערט אַ חוצפה פון אַן אלטן עובר־בטלניק! „גענעראַל דעאַלער" — מיינט גאָר האַנדלען מיט שמאַטעס!

פון יענעם מאָמענט אָן בין איך ארומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער. עס איז מיר מער נישט איינגעגאַנגען מיין לעבן, נישט אין שעלטער און, שפּעטער, נישט אויף דער שיף. איך האָב זיך באַמיט צו טרייסטן מיט דעם, וואָס איך האָב זיך געוועלט איינריידן, אז דער אַלטער אַפריקאַנער ייד איז געווען אַן עובר־בטל, ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער רעדט...

ענדלעך בין איך געקומען קיין קייפּטאַון.

אויפן צווייטן טאָג בין איך ארויס זען די שטאָט. ערשט איז זע, אז כמעט יעדער שילד איבער די געשעפטן טראָגט דעם נאָמען גענעראַל דעאַלער;

*) אָפיציעלע ארויספאָדערונג.

גענעראַל דעאַלער פרידמאַן, גענעראַל דעאַלער עפשטיין, גענעראַל דעאַלער לעווין.

איך בין אַ בעלן אַריינצוקוקן אין דעם ערשטן געשעפט. געפין איך אויס, אַז דאָס איז אַ פשוטע קראָם מיט פאַרשיידענע סחורות. איך כאַפּ אַ קוק אין דער צווייטער, אין דער דריטער קראָם, און איך געפין דאָס זעלבע. הייסט עס, אַז יענער עלטערער אפריקאַנער יידל אין שעלטער איז געווען גערעכט: מיין ברודער איז נישט קיין גענעראַל. ער איז אַ פשוטער קרעמער, וואָס האַנדלט מיט שמאַטעס!

איך האָב זיך אָפּגעגאָסן מיט אַנגסטן.

* * *

איצטער, ווי איר זעט, בין איך שוין אַן אַלטער אַפריקאַנער. איבער מיין געשעפט הענגט אַ שילד, וואָס טראָגט אויך דעם זעלבן טיטל: „גענעראַל דעאַלער". בין איך אויך אַ גענעראַל. זיץ איך און גענעראַלעווע.

געקומען צוריק

ב. אַנטאָוויל איז געקומען פון ליטע קיין יאָהאַנעסבורג אייניקע יאָר פאר דעם בורן־קריג. היות ווי ער איז געווען אַ זון פון זייער אַ חשובער פאַמיליע אין זיין געבורט־שטאָט, האָבן אים זיינע לאַנדסלייט אין יאָהאַנעסבורג שטאַרק מקרב געווען. זיי האָבן אים געלערנט, ווי זיך „אויסצוגרינען" און צו ווערן „מיט לייטן גלייך".

זיי האָבן פאר אים געקראָגן ארבעט צווישן אייגענע, און שפּעטער־צו, ווען ער איז שוין געווען א ביסל אויסגעגרינט און „פּאַסיק" צו מסחר, האָבן זיי אים געהאָלפן קריגן א געשעפט אין אַ דאָרף, און זיי האָבן אים אויך געהאָלפן קריגן די נייטיקע סחורה אויף קרעדיט.

זיין געשעפט איז געווען אנטקעגן דער קירך.

די איינוווינערס פון דאָרף און פון ארום זיינען געווען בורן. ער האָט אין זיי געפונען בלויז מעלות. זייער פּאַטריאַרכאַלער אויסזען און זייער ערנסטע באַציאונג צו דער ביבל, האָבן אויף אים געמאַכט א טיפן איינדרוק. ער האָט געפילט אַ וואַרעמע נאָענטקייט צו זיי, א גייסטיקע קרובה׳שאַפט און א נשמה־נאָענטקייט.

זייערע הויכע און ברייטע פיגורן, זייערע ליכטיקע פּנימער מיט די לאַנגע, שיינע און געדיכטע בערד, האָבן אין אים געוועקט זכרונות פון פאַרנעפּלטע געשטאַלטן פון ביבלישע העלדן...

אַנטאָוויל האָט זיך אויסגעלערנט זייער שפּראַך, און ער האָט זיך געפילט היימיש אין זייער געזעלשאַפט. ער האָט געפילט, אז די דאָזיקע שכנים זיינען זיינע פריינד.

אַנטאָוויל פלעגט אָפט קומען קיין יאָהאַנעסבורג איינקויפן סחורה. פלעגט ער זיך טרעפן דאָן מיט זיינע לאַנדסלייט, פאַרברענגען מיט זיי, און טיילן זיך מיט זיינע דערפאַרונגען. ער פלעגט זיי דערציילן וועגן דער גוטער באַציאונג פון די בורן צו אים. זיינע באַקאַנטע פלעגן מיט צופרידנקייט אויסהערן זיינע דערציילונגען און זיי דערגאַנצן מיט מעשה׳עס און וויצן וועגן דעם באַליבטן פּרעזידענט פון דער טראַנסוואַלער רעפּובליק פּאָול קרוגער און וועגן זיין גוטהאַרציקער באַציאונג צו די יידן.

צו יענער צייט האָט די טראַנסוואַלער בורישע רעפּובליק דערקלערט קריג קעגן ענגלאַנד.

גרויסע כוואַליעס פון פּאַטריאָטישן ענטוזיאזם האָבן פאַרפלייצט טראַנס־וואַל. זיי האָבן מיט זיך מיטגעריסן אלע בורן, יונג און אלט, אלע מענער און פרויען האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם מלחמה־רוף.

אַנטאָוויל איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פּאַטריאָטישער התלהבות, און ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער בורישער רעפּובליקאַנישער ארמיי.

אין איינער פון די שלאַכטן ביי דאַנדי, אונטער דער פירערשאַפט פון גע־נעראַל דזשובער, איז אַנטאָוויל שווער פאַרווונדעט געוואָרן. מען האָט אים געבראַכט אין אַ הויז אויף אָן אָפּגעזונדערטן פּאַרם.

חדשים־לאַנג איז אַנטאָוויל געווען צוגעשמידט צום בעט. אַ יונגע בורישע מיידל, העסטער, האָט אים באַנדאַזשירט די ווונדן, געוואַשן אים, צוגעגרייט זיין שפּייז און אים געקעכלט. זי האָט זיך באַמיט צו פאַרגרינגערן אים זיינע ליידן. ענדלעך האָט ער פאַרלאָזן זיין קראַנקן־בעט. אָבער ער איז געבליבן אַ בעל־מום.

ער איז געווען זייער דאַנקבאַר העסטערן פאַר אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן פאַר אים. ער האָט געפילט, אַז איר, בלויז איר, האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין לעבן. ווען נישט זי, ווער ווייסט, וואָס פון אים וואָלט געוואָרן. איר גוטסקייט, איר געדולד און איבערגעגעבנקייט האָבן אים געראַטעוועט.

אַנטאָוויל האָט זייער אָפּט געטראַכט, אז העסטער וואָלט געווען די פּאַסיק־סטע ווייב פאַר אים. מיט אַזאַ ווייב קען מען לעבן אַ גליקלעך לעבן. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי וואָלט מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט אים, נישט קוקנדיק אפילו אויף זיין מום.

אָבער ער האָט קיינמאָל נישט פּרובירט ריידן מיט איר וועגן דעם. אין זיין האַרצן איז פאָרגעקומען אַ מלחמה צווישן צוויי וועלטן. פון איין זייט איז געשטאַנען אָן אַלטע איינגעפונדעוועטע יידישע שטעטלשע וועלט, מיט אַ לאַנ־גער קייט פון יחוס, בלוט־אָנגעהעריקייט, גלויבן און צוגעבונדנקייט צו טאַטע־מאַמע; און פון דער אנדערער זייט איז געשטאַנען די גוטע נשמה פון דער קריסטלעכער מיידל — די האַרציקע העסטער.

ער האָט דייטלעך געזען דעם תהום צווישן העסטערן און אים, און ער האָט נישט געקענט זען די מינדעסטע האָפנונג צו געפינען אַ בריק איבערן תהום. ניין! ער האָט דאָס נישט געקענט טאָן נישט זיין טאַטן, דעם חשובסטן למדן אין זיין געבורט־שטאָט, און נישט זיין טייערער איידעלער מאַמען. ניין, אוממעגלעך! ער קען ניט איבעררייסן די גאָלדענע קייט פון זיין משפּחה.

* * *

די מלחמה צווישן די בורן און די ענגלענדער האָט זיך געענדיקט, און עס איז געשלאָסן געוואָרן שלום.

אָבער אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז דאָס לאַנד האָט זיך בארואיקט. די פעלדער זיינען אין משך פון די מלחמה־יאָרן געווען פאַרלאָזן, און די פאַר־מערס האָבן נישט געקענט צו־זיך קומען. עס איז אויסגעבראָכן אַ פּעסט צווישן רינדער, און עס זיינען געקומען יאָרן פון טריקעניש.

אויך די גאָלד־מינען פון יאָהאַנעסבורג און אומגעגנט זיינען דורכגעגאַנ־גען אַ שווערן קריזיס. צוליב דעם, וואָס עס האָבן אויסגעפעלט אפריקער פאַר דער שוואַרצער ארבעט אין די גאָלד־מינען, האָט מען געמוזט אימפּאָרטירן

מאַסן ארבעטער פון כינע. דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער. אַ פינאַנציעלער קריזיס האָט ארומגענומען דאָס לאַנד. די געשעפטן האָבן זיך כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

אַנטאָוויל האָט באַקומען אַ פאַרם נישט ווייט פון דעם פאַרם, ווו העסטער און אירע עלטערן האָבן געוווינט. ער האָט אויך באַקומען פון דער רעגירונג אַ סובסידיע גלייך מיט אלע פאַרמערס. האָט ער שווער געאַרבעט טאָג און נאַכט, און ביסלעכווייז האָט ער זיך ארויפגעאַרבעט.

ער פלעגט זיך טרעפן מיט העסטערן יעדן סוף־וואָך. דער אינערלעכער קאָנפליקט, וואָס יעדע באַגעגעניש מיט איר פלעגט אין אים ארויסרופן, האָט אים נישט נאָכגעלאָזן. ער האָט געפילט, אז ער וועט מוזן גאָר אינגיכן באַשליסן וועגן העסטערן — אַהין, אָדער אהער.

האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין יאָהאַנעסבורג זוכן צווישן די יידישע טעכטער זיין באַשערטע. צוויי וואָכן איז ער אָפּגעזעסן אין שטאָט. זייער ווייניק יידישע מיידלעך זיינען דאַן געווען בנמצא. יידישע בחורים פלעגן דעמאָלט זיך נוהג זיין ארויסצוברענגען כלות פון ליטע, אָדער זיי פלעגן פאָרן קיין קייפּטאַון, ווו עס זיינען געווען מערער יידישע משפחות מיט דערוואַקסענע מיידלעך.

ער האָט זיך געזען מיט אייניקע מיידלעך, אָבער קיינע פון זיי האָט אים נישט געוועלט; און ער האָט זיך אומגעקערט מיט ליידיקן.

אַ געוויסע צייט שפּעטער איז ער ווידער געקומען קיין יאָהאַנעסבורג צו זען א יידישע מיידל. די דאָזיקע מיידל האָט יאָ מסכים געווען מיט אים חתונה צו האָבן, אָבער מיטן תנאי, אז זי זאָל וווינען אין יאָהאַנעסבורג, און ער זאָל וווינען אויפן פאַרם...

דעמאָלט איז געקומען זיין ענדגילטיקער באַשלוס.

ער האָט דעם זעלביקן אָוונט פארלאָזן יאָהאַנעסבורג, און איז נישט געפאָרן גלייך צו זיין אייגענעם פאַרם, נאָר צו העסטערן. ער איז אָנגעקומען אַהין מיטאָג־צייט, און האָט זי געפונען אליין אויף דער וועראַנדע.

זי האָט אים וואַרעם אויפגענומען און מיט פאָרשנדיקע אויגן געזוכט די סיבה פון זיין פלוצלונגדיקן קומען צו איר. שוין גאָר אַ לאַנגע צייט, ווי זי האָט אים נישט געזען.

שטיל און געלאַסן האָט ער איר דערציילט וועגן זיינע געפילן צו איר, און אויך וועגן זיין אינערלעכן קאָנפליקט. ער האָט קיין זאַך פון איר נישט פאַרבאַהאַלטן, און ענדלעך האָט ער איר פאָרגעשלאָגן חתונה צו האָבן מיט אים אויף א ציווילן אופן, אין געריכט.

* * *

אַנטאָוויל האָט גענומען העסטערן צו זיך אויפן פאַרם. זייער לעבן איז געווען פול מיט גליק. עס איז צווישן זיי געווען א שטילער אָפּמאַך, אז זי זאָל ניט גיין אין קירך, און ער זאָל ניט גיין אין שול. און דער דאָזיקער אָפּמאַך איז אָפּגעהיט געוואָרן.

מער איז ער קיין יאָהאַנעסבורג נישט געפאָרן. ער איז געווען פאַרביטערט קעגן די יידישע טעכטער, און האָט אויך נישט געוועלט טרעפן זיך מיט זיינע באַקאַנטע. ער און זיין פרוי האָבן אייניקע יאָר געלעבט שטיל און רואיק — אָפּגעזונדערט פון אַלעמען.

* * *

העסטער האָט געבוירן א זון. דער זון איז געוואַקסן אין שויס פון דער טראַנסוואַלער נאַטור, סתם א מענטש — נישט קיין ייד און נישט קיין קריסט. העסטערן האָט דאָס נישט געאַרט. אָבער אַנטאָווילן האָט דאָס דווקא שטאַרק געאַרט. ער האָט געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אים צו „יידישן". אַ מיסטעריעזער געפיל פלעגט אים שרעקן: „דיין זון וואַקסט אַן ערל, אַ גוי...".

האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן טראַנסוואַל און באַזעצן זיך אויף יענער זייט פון טייך לימפּאָפּאָ. דאָרט האָט ער נישט געהאַט קיין באַקאַנטע. קיינער האָט אים דאָרטן נישט געקאָנט. אפשר — האָט ער געטראַכט — וועט ער דאָרטן קענען „יידישן" זיין זון?

מיט דער צייט איז ער געוואָרן א רייכער פאַרמער אין ראָדעזיע. זיינע געשעפטן ארום דעם פארם האָבן אים געהאַלטן שטענדיק פארנומען. האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיטן ענין פון מל זיין דעם זון.

ווען איך האָב געטראָפן אַנטאָווילן, איז זיין זון שוין געווען זיבעצן יאָר אַלט. ער האָט זיך מיט מיר מישב געווען וועגן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. ער האָט געטראַכט וועגן קויפן לאַנד דאָרטן, און אָנהייבן זיין לעבן אויף דאָס ניי.

אַנטאָוויל האָט געטראַכט וועגן מגייר זיין העסטערן און דעם זון, און ווידער לעבן א יידישן לעבן. ער האָט מיר דערציילט, אז ער באַמיט זיך צו האַלטן זיין זון פאַר אַ יידן. ער גיט אים צו לייענען ציוניסטישע צייטונגען... אָבער ער איז שטאַרק באַאומרואיקט וועגן זיין פרוי. זי ווערט עלטער, און ער האָט באמערקט, אז זי בענקט נאָך דער קירך. ער האָט אויסגעפונען, אז זונטאָג, ווען די קריסטן גייען אין קירך, באַהאַלט זיך העסטער אויס פון זיי און פון אים. דעריבער מיינט ער, אז ער דאַרף וואָס פריער אַנטלויפן קיין ארץ־ישראל.

* * *

אַנומלט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון מיינעם א פריינד אין ראָדעזיע. אין דעם דאָזיקן בריוו שרייבט מיר מיין פריינד, אז ער איז נאָר־וואָס געקומען פון אַ לוויה פון אַ מת מצווה. אַ געוויסער רייכער פאַרמער פון זיין געגנט מיטן נאָמען אַנטאָוויל איז פּלוצלונג געשטאָרבן. זיין פרוי און זון האָבן דעם בר־מינן געבראַכט אין שטאָט אריין און אים איבערגעגעבן צו דער חברה קדישא. זיי האָבן דערציילט, אז אַנטאָוויל האָט אין די לעצטע מינוטן פאַר זיין טויט געבעטן מען זאָל אים ברענגען צו קבר־ישראל. די חברה קדישא האָט אים אָנגענומען, און דער רעווערענד פון שטעטל איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און געבעטן די יידן קומען צו דער לוויה פון א מת מצווה.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז קיינער פון די שטאָטישע יידן האָט נישט געוווסט, אז דער רייכער פאַרמער אַנטאָוויל איז געווען אַ ייד...

דער לאַמעדוואָווניק

אזוי איז פון תמיד אָן געווען דער סדר העולם:

יעדער דור האָט געהאַט זיינע מנהיגים און פּרנסים; יעדער דור האָט געהאַט זיינע חכמים און חוקרים; יעדעס לאַנד האָט פאַרשיידענע מענטשן, גוטע און שלעכטע; און יעדעס פאָלק האָט זיינע צדיקים און לאַמעדוואָווניקעס, צוגעפּאַסטע צום דור און צו דער צייט, אין וועלכער זיי לעבן.

דער לאַמעדוואָווניק, וועגן וועלכן איך גיי איצט דערציילן, איז פאַרשטייט זיך, גלייך מיט אלע לאַמעדוואָווניקעס, נתגלה געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט. ביי זיין לעבן האָט ער זיך אויפגעפירט אזוי, אז קיינעם האָט אפילו נישט געקענט איינפאַלן, אז ער האָט געהאַט וועלכע עס איז שייכות צו צידקות און הייליקייט.

זיין נאָמען איז געווען שכנא צעמעל. געלעבט האָט ער אין דער שטאָט נ., אין דער קייפּ־פּראָווינץ.

די שטאָט נ. איז באַוווינט פון כמעט אַ דורכויס ענגלישער באַפעלקערונג. די יידישע קהילה דאָרט איז נישט קיין גרויסע. זי באשטייט פון אַ פּאָר צענדליק יידישע פאַמיליעס, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט מסחר. כמעט אלע פון זיי האָבן געשעפטן אין צענטער פון שטאָט.

די שטאָט נ. איז רייך מיט אלערליי דערציערישע און קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע באדינען כמעט די גאַנצע באפעלקערונג. איבערהויפּט צייכנט זי זיך אויס מיט א גרויסער צאָל קירכן. די קריסטלעכקייט דאָרט איז שטאַרק קענטיק, איבערהויפּט אין אַ זונטאָגדיקן טאָג. דער זונטאָגדיקער טאָג ווערט דאָרט געפייערט, ווי א הייליקער טאָג, וואָס געהערט צו גאָט. גלייך אינדערפריפילט זיך אָן די לופט מיט אַ גלאָקן־געזאַנג, וואָס פליסט פון צענדליקער געבעט־הייזער.

די שטאָט נ. איז רייך אין טויבן. הונדערטער ווייסע טויבן שוועבן איבערן שטאָט און מישן זיך צוזאַמען מיט די קלאַנגען פון די גלאָקן אין דעם זוניקן פרימאָרגן, און זיי שאַפן א פייערלעכע יום־טובדיקע שטימונג. מאסן מענטשן, יונג און אַלט, ציען זיך פון אלע זייטן פון שטאָט צו די געבעט־הייזער. אלע זיינען יום־טובדיק געקליידט. מיט שמייכלענדיקע פּנימער שפּאַצירן זיי שטיל און באַשיידן.

די שטאָט ווערט פול מיט מוזיק. דאָס געזאַנג פון צענדליקער כאָרן, באַגלייט דורך די אָרגלס, פילט אָן די שטאָט. העכער פון אלעמען זינגט די „סאַלוויישאָן ארמי״. זי זינגט רעליגיעזע לידער און תפילות מיט התלהבות, באגלייט מיט פויקן און צימבאַלן, מיטן קלאַפּן מיט די הענט און אויך מיט אַ ריקודל.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון נ. הייליקט זיך דורך תפילה.

די איינציקע מענטשן, וואָס נעמען נישט קיין אַנטייל אין דער דאָזיקער זונטאָגדיקער פייערונג, זיינען די דאָרטיקע יידן.

די פייערלעכע און הייליקע זונטאָגדיקע שטימונגען האָבן זיי נישט מיט־געריסן. זיי זיינען צופרידן מיט זייער קליינעם שולכל און מיט זייערע אייגענע פייערונגען.

זיי זיינען נישט שטאַרק רעליגיעז; זיי באַזוכן נישט זייער שולכל צו־אָפט. אָבער זיי האַלטן, אז זיי זיינען גוטע יידן. זיי גיבן פיל צדקה, זיי העלפן בויען ארץ ישראל, און זיי שטיצן אלע נאַציאָנאַלע פאָנדן.

שכנא צעמעל איז געווען דער איינציקער ייד אין נ., וואָס האָט נישט גע־וועלט פאַרשרייבן זיך פאַר אַ מיטגליד פון דער דאָרטיקער יידישער געמיינדע. ער האָט ניט געוועלט זיך באַשטייערן פאַר קיינע צרכי צבור; ער האָט ניט געוועלט געבן קיין צדקה, און האָט ניט אונטערשטיצט קיינע פון די יידישע נאַציאָנאַלע פאָנדן.

צעמעל האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיטן נישט געבן; ער פלעגט אָנ־פאַלן מיט קללות און מיט זידלעריי אויף די, וועלכע זיינען צו אים געקומען בעטן אַ נדבה, אַ באַשטייערונג. ער פלעגט וואַרפן שמוציקע באַשולדיקונגען קעגן אלע יידן. ער האָט אָפּגעשפּאָט פון דער יידישער שול, פון די יידישע תפילות און פון די רבנים.

ער האָט זיך אָפּט דערקלערט פאַר אַ שונא ישראל, און ער האָט זיך דער־ווייטערט פון יידן.

דעריבער האָט זיך קיינער פון די יידן אין נ. נישט געוווּנדערט, ווען זיי האָבן געהערט, אז שכנא צעמעל האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. זיי האָבן זיך בלויז געוווּנדערט, ווען זיי האָבן אויסגעפונען, אז זיין קריסטלעכע פרוי איז געווען זייער נישט קיין שיינע און נישט קיין יונגע.

ער האָט געוווינט ווייט פון שטאָט אין אַן איינזאַמען הויז. קיינער האָט זיין הויז קיינמאָל נישט באַזוכט. זיין געשעפט איז געווען אין שטאָט. זיין פרוי פלעגט אָפט קומען אין געשעפט אים העלפן. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט.

אזוי זיינען פאַרביי אַ סך יאָרן.

איין טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אז שכנא צעמעל פאַרברענגט די אָוונטן און די „וויק־ענדס"*) אין לערנען תורה. מען האָט דערציילט, אז ער זיצט אין אַ חדר מיוחד, ביי פאַרמאַכטע לאָדנס, און לערנט פון די הייליקע ספרים. קיינער האָט נישט געקענט דערגיין פונוואַנען די דאָזיקע קלאַנגען זיינען געקומען.

די יידן פון שטאָט האָבן זיך אויסגעלאַכט פון די דאָזיקע קלאַנגען. דאָס איז געווען דער גרעסטער שפּאַס: שכנא צעמעל, דער גרעסטער קמצן, — דער, וואָס האָט נישט געוועלט געבן אפילו פאַר די מלחמה־געליטענע יידן, — דער שכנא צעמעל, וואָס האָט וועגן יידן קיין איין גוט וואָרט נישט, וואָס שפּאָט אָפּ פון אלץ, וואָס איז יידיש — אָט דער יידישער אויסוואורף, ווי קומט ער צו לערנען תורה?

---

*) סוף פון וואָך — שבת ביינאַכט און אַ גאַנצן טאָג זונטאָג.

האָט מען געלאַכט און זיך געוויצלט: זעט, וואָס מענטשן קענען אויס־טראַכטן!

עס איז אוועק א געוויסע צייט, און איין טאָג האָט מען זיך דערוווּסט, אז שכנא צעמעל איז אוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. זיין פרוי האָט אזוי דערציילט אלעמען. האָבן די יידן אין שטאָט נישט געקענט זיך אָפּוואונדערן: סטייטש, היתכן, וואָס פאר א שייכות האָט שכנא צעמעל מיט ארץ ישראל? דאָס איז געווען די גרעסטע סענסאַציע.

שכנא צעמעל האָט זיך פאַרזאַמט אין ארץ ישראל עטלעכע חדשים. די יידן פון שטאָט זיינען געוואָרן גאַנצע מחותנים מיט זיין פרוי. זי האָט זיי גע־וויזן זיינע בריוו פון ארץ ישראל. זיי האָבן נישט געגלייבט זייערע אויגן. אין די נאָכמיטאָג־שעה'ען, ווען די געשעפטן זיינען שטיל געווען, פלעגן די יידישע גע־שעפטסלייט זיך צוזאַמענטרעפן גרופּעס־ווייז אין שטעטלשן קאַפע און ריידן וועגן שכנאן. אין די אָוונטן, ווו נאָר די יידן פלעגן זיך צוזאַמענקומען, פלעגט זייער איינציקע טעמע זיין שכנא. מען האָט געפאָרשט זיין אָפּשטאַם, פון וואַ־נען ער קומט און פון וואָס פאַר אַ פאַמיליע. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז שכנא צעמעל שטאַמט פון אַ דאָרף אין ליטע, פון א גוטער יידישער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען א דאָרף־שניידער, א פרומער ייד.

איז די שלעכטע אויפפירונג פון שכנאן, לגבי יידישע זאַכן, געוואָרן נאָך מער ניט פארשטענדלעך. ווי אזוי קען דאָס מעגלעך זיין, אז א זון פון פרומע ליטוויש־יידישע עלטערן זאָל פיינט האָבן יידן? וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

מען האָט זיך דערמאָנט אָן די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אַמאָל פאַרשפּרייט וועגן אים, אז ער איז זיך מתיחד אין אַ חדר מיוחד און לערנט תורה. זיינען געזעסן די יידן און געקנייטשט די שטערנס. זיי האָבן געוועלט לייזן די דאָזיקע רעטעניש. זיי האָבן אָבער נישט געקענט געפינען קיין באשייד.

* * *

שכנא צעמעל האָט זיך צוריקגעקערט פון ארץ ישראל. די יידן פון שטאָט האָט ער געזאָגט, אז ער האָט געפונען אין די ארץ ישראלדיקע דערפער אַ גאַנץ באַזונדערן סאָרט יידן, וואָס אין זייער זכות דאַרף די וועלט געראַטעוועט ווערן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אז אזעלכע יידן עקסיסטירן נאָך אויף דער וועלט. דאָס זיינען די אמתע יידן, זרע אברהם, יצחק ויעקב.

האָט ער אויפגעהערט שילטן און זידלען יידן. ער איז בכלל שטיל גע־וואָרן. די יידן אין שטאָט האָבן אָנגעהייבן ווידער ריידן וועגן די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אַמאָל פארשפּרייט וועגן שכנא'ס לערנען תורה אין געהיים. אַ סודותפולע אַטמאָספערע האָט זיך געוועבט ארום שכנאן.

פּלוצלונג איז שכנא צעמעל געשטאָרבן.

ווען דער „רעווערענד" און די מתעסקים פון חברה קדישא זיינען געקומען נעמען זיין טויטן קערפּער, האָט זיין פרוי זיי געזאָגט, אז שכנא האָט שוין מיט יאָרן צוריק באשטעלט צוויי קברים פאר זיך און פאר איר, אויף א געמישטן בית עולם אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט. זיין מאָטיוו איז געווען, אז אויב מען וועט אים מקבר זיין אויפן יידישן בית עולם, וועלן די יידן נישט דערלויבן

מען זאָל זיין פּרוי, וואָס איז אַ קריסטין, מקבר זיין לעבן אים. און ער האָט דווקא געוועלט, אז זייערעביידנס קברים זאָלן זיין צוזאַמען.

זיינען די יידן מיט זייער „רעווערענד" געשטאַנען צעטומלטע, און זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. בלויז איינער פון זיי האָט באַוויזן דורכצוקוקן די צימערן פון שטוב: ער איז געווען נייגעריק צו געפינען דעם צימער מיט די הייליקע ספרים, ווו שכנא פלעגט לערנען תורה. ער האָט אָבער ניט באמערקט קיינע ספרים. ער האָט געפונען דאָרט בלויז א קליינעם ספר תהילים. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם תהילים'ל און האָט אים אריינגערוקט ביי זיך אין קעשענע.

דער רעווערענד און די מתעסקים האָבן זיך אומגעקערט מיט ליידיקן. די גאַנצע יידישע געמיינדע האָט זיך געפילט באַליידיקט און פאַרשעמט. די יידישע פרויען האָבן נישט אויפגעהערט צו באַוווּנדערן שכנא'ס איידלקייט: האָט איר ווען געהערט וועגן אזא איבערגעבנקייט צו אַ ווייב? עס איז ביי אים רעכט געווען נישט צו קומען צו קבר־ישראל, אבי צו זיין נאָענט צו זיין ווייב!

אָט דאָס איז אַ מאַן! — האָבן זיי אים באַוווּנדערט.

אין א קורצער צייט ארום איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן שכנא צעמעל'ס צוואה. אין זיין צוואה האָט ער אָפּגעזאָגט די הכנסה פון זיין גרויסן פאַרמעגן אזוי: איין דריטל פאַר די וווילטעטיקע אינסטיטוציעס אין דרום־אפריקע, וואָס זאָרגן פאַר די באַדערפעניש פון די שוואַרצע, און צוויי דריטלען — פאַר ארץ ישראל. פאַר זיין פרוי האָט ער געלאָזן א קליינע קצבה, וואָס זאָל איר אויסגעצאָלט ווערן מאָנאַטלעך, בלויז אויף צום לעבן; און נאָך זיין פרויס טויט דאַרפן זיינע גיטער פאַרקויפט ווערן, און דאָס געלט דאַרף צעטיילט ווערן צווישן די אינסטיטוציעס פאַר די אַפריקער אין דרום־אפריקע און צווישן די ארץ ישראל־פאָנדן.

די דאָזיקע צוואה האָט ארויסגערופן א גרויסע סענסאַציע, און מען האָט אָנגעהייבןריידן הויך אויפן קול: „אפשר איז שכנא צעמעל געווען א פאַרשטעלטער צדיק, א לאַמעדוואָווניק, איינער פון די זעקס־און־דרייסיק געהיימע צדיקים, וואָס אין זייער זכות שטייט די וועלט?"

יאָ, געוויס האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שלעכטן מענטשן. ער האָט געשאָלטן און געשריען, אז ער האָט פיינט יידן, ווייל דאָס איז געווען זיין מאַסקע, אונטער וועלכער ער האָט זיך באַהאַלטן. ער האָט גענומען א מיאוסע עלטערע קריסטלעכע פרוי — בלויז אלס אַ מאַסקע. ער האָט דאָך פון איר קיין קינדער נישט געהאַט... זיין לעבן איז געווען פאַרמאַסקירט, ווייל אַ לאַמעדוואָווניק טאָר נישט נתגלה ווערן ביים לעבן. דעריבער, ווען נאָר ער האָט דערשפּירט, אז די יידן שושקען זיך וועגן אים, זיי ריידן וועגן זיינע אויסטערלישע דרכים, איז ער גלייך נסתלק געוואָרן.

און די יידן פון שטאָט וווּנדערן זיך: איז דאָס מעגלעך, אז א צדיק זאָל זיין באַערדיקט אויף אַ נישט־יידישן בית־עולם?

בלויז דער ייד, וואָס האָט שכנא'ס תהילים'ל, איז צופרידן. ער האָט מיר דעם תהילים'ל געוויזן און דערציילט, אז זינט ער האָט דעם תהילים'ל זיינען זיינע געשעפטן אוועק אַ סך בעסער...

זלמן גײדער

זלמן גײדער, אַ זון פֿון אַ װילנער פֿרומער און למדנישער פֿאַמיליע, האָט אין די יאָרן נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה אױסגעפֿונען, אַז אין פּױלן איז זײַן צוקונפֿט האָפֿנונגסלאָז.

האָט ער באַשלאָסן צו עמיגרירן פֿון דאָרט. ער האָט באַװיזן צו קריגן אַן „אַפֿידײװיד״ פֿון אַ קרוב אין דרום אַפֿריקע, און גענומען גרײטן זיך צו דער רײַזע.

זײַן פֿאָטער האָט בײַ אים געפֿועלט אױסצולערנען זיך שחיטה. מי יודע — װער װײסט? אפֿשר װעט ער מגולגל װערן אין אַן אָרט, װוּ עס איז ניטאָ קײן כּשרע פֿלײש. טאָ זאָל ער כאָטש זײַן זיכער מיט דעם, אַז ער װעט נישט דאַרפֿן זיך פֿאַראומװירדיקן מיט טריפֿה ונבֿלה...

װען ער איז אָנגעקומען קײן יאָהאַנעסבורג, האָט ער אױסגעפֿונען, אַז ער איז אַ מענטש אָן אַ שפּראַך און אָן אַ פֿאַך. ער האָט נישט געהאַט פֿון װאָס צו פֿאַרדינען אױף צום לעבן. מענטשן האָבן אים געראָטן ער זאָל גײן צום רבֿ פֿון שטאָט זיך משתדל זײַן צו קריגן אַ שטעלע פֿאַר אַ שוחט.

דער רבֿ האָט אים אָבער נישט מקבל געװען בסבֿר פּנים יפֿות. ער האָט אױף אים געשריען: װי פֿאַלט אים אײַן צו קומען אַלס אַ שוחט קײן דרום־אַפֿריקע! צופֿיל שוחטים קומען קײן דרום־אַפֿריקע!

זלמן גײדער איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער, און ער האָט בלױז געענטפֿערט: „רבי, איך בין נישט געקומען קײן אַפֿריקע — איך בין אַנטלאָפֿן פֿון װילנע...״

און — ער איז פֿון רבֿ אַװעק מיט גאָרנישט...

מיט דער צײַט האָט ער געקראָגן אַ שטעלע אין אַ טראַנסװאַלער פּראָװינץ־שטעטל בײַ אַ ײדישן קרעמער. בהדרגה האָט ער געקראָגן גענײטקײט אין זײַן אַרבעט. ער האָט זיך אױסגעלערנט רײדן צו די קונדן, און זײַן בעל־הבית איז פֿון אים געװען צופֿרידן.

אין אַ משך פֿון אײניקע יאָר האָט זלמן גײדער באַװיזן אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט, און ער איז אַרױס פֿאַר זיך.

ער האָט געדונגען אַ קראָם, װאָס האָט זיך געפֿונען אױף אַ מיטן שליאַך, צװישן פֿעלדער און לאָנקעס. די קראָם האָט געהערט צו זײער אַ רײַכן לאַנד־באַזיצער, װאָס האָט באַשעפֿטיקט איבער טױזנט שװאַרצע. אָט די דאָזיקע קראָם האָט געדאַרפֿט צושטעלן פֿאַר די דערבײַיאיקע שװאַרצע זײערע אַלע נײטיקע אַרטיקלען.

זלמן גיידער האָט זיך אויסגעטויגט אין זיין געשעפט. ער פלעגט באַזוכן די היימען פון זיינע שוואַרצע קונדן — די אפריקער. ער האָט אָבסערווירט ווי אַזוי זיי לעבן אין שטעלכלעך. פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן די אָרעמע הייזלעך אין די דערפער ארום ווילנע.

דאָרטן האָבן די פויערים אויך געפירט אזא סאָרט לעבן: די גאַנצע פאַמיליע, די עלטערן מיט די קינדער, האָבן אלע געוווינט אין אַ הייזקע, וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער. אין דעם דאָזיקן איינציקן צימער האָבן אלע צוזאַמען געגעסן, געאַרבעט און געשלאָפן. אָבער דאָרטן זיינען די הייזקעס געווען געבויט פון האָלץ, זיי האָבן געהאַט לכל הפחות טירן און פענצטער. דאָ אָבער וווינען די אפריקער אין שטעלכלעך געמאַכט פון ערד און גראָז מיט קיילעכדיקע שטרויענע דעכלעך. קיין מעבל איז כמעט נישטאָ דאָרט; בלויז בעטלעך און אַן אייוועלע אין מיטן הייזקע.

זלמן גיידער האָט געזען זייער אָרעמקייט, און ער האָט געהאַט רחמנות אויף זיי. ער פלעגט זיי נישט אָפּנאַרן און ער האָט זיי נישט באַריסן. די אפריקער האָבן דאָס געוווּסט. זיינען זיי אים געווען דאַנקבאַר און געטריי, און האָבן געקויפט נאָר ביי אים.

* * *

מיט דער צייט האָט זלמן גיידער געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ שכנותדיקן פאַרמערס פאַמיליע. דער דאָזיקער פאַרמער איז געווען אַ בכבודיקער בור מיט אַ פאַטריארכאַלן אויסזען. זיין נאָמען איז געווען יאַן קלאָפּער.

יאַן קלאָפּער האָט איין מאָל געפונען זלמן גיידערן אין קראָם, זיצנדיק איבער אַ גרויסן בוך. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער יידישער קרעמער איז אַ געלערנטער מענטש, האָט ער אים איינגעלאַדן צו זיך אַ היים.

זלמן גיידער איז געוואָרן אַ גאָר אָפטער איינגייער אין יאַן קלאָפּערס הויז. שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז ער איז פאַרליבט אין קלאָפּערס טאָכטער מאַריאַ מאַגדאַלענאַ. זי איז געווען אַ שלאַנקע און באַחנטע יונגע איידעלע מיידל — די איינציקע ווייסע מיידל, וואָס ער האָט דאָרטן געטראָפן.

זי איז אָבער געווען אַ קריסטין, און ער איז דאָך אַ זון פון אַ מיוחסדיקער, פרומער פאַמיליע אין ווילנע...

נאָך דעם, ווי זי האָט אים צוגעזאָגט זיך מגייר צו זיין און צו פירן אַ יידיש הויז, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט אין געריכט.

און שפּעטער, ווען זי האָט אים געבוירן די צווייטע טאָכטער, האָט ער פאַרלאָזן די קראָם מיטן פאַרם, און ער האָט זיך באַזעצט אין אַ שטאָט.

זיין פרוי האָט נישט געקענט זיך מגייר זיין, ווייל דער יאָהאַנעסבורגער בית־דין האָט זי נישט מקבל געווען. אָבער זי האָט געהאַלטן אַ יידיש הויז. זלמן גיידער האָט איר געלערנט יידישקייט, ווי צו האַלטן אַ כשרע קיך, בענטשן שבת־ליכט וכדומה. ער האָט איר אויך געלערנט דאַוונען.

מיט דער צייט האָט זלמן גיידער געלאָזט בויען פאַר זיך אַ גרויס הויז מיט אַ סך צימערן. איין צימער האָט ער באַשטימט פאַר אַן ארץ־ישראל־צימער.

ער האָט באַהאַנגען זיינע ווענט מיט אַן ארץ־ישראל־מאַפּע און מיט בילדער פון יידישע גדולים. ער האָט אָנגעפּילט דעם דאָזיקן צימער מיט העברעאישע ספרים, צייטונגען און זשורנאַלן. דאָרטן פלעגט ער תמיד זיצן אין זיין פרייער צייט.

ווען זיינע טעכטער זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיי אוועקגעשיקט לערנען קיין יאָהאַנעסבורג. אין יאָהאַנעסבורג האָט ער זיי איינגעאָרדנט זיי זאָלן וווינען אין אַ יידישער פרומער היים.

אָבער דאָך האָט זלמן גיידער זיך געפילט נישט גליקלעך. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיין פרוי האָט זיך באַמיט צו האַלטן דאָס הויז יידיש אין אלע הינזיכטן, אָפּטמאָל — נאָך בעסער פון די יידישע פרויען אין שטאָט, און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיינע טעכטער האָבן זיך דערצויגן אין אַ פרומער יידישער אטמאָספער און האָבן גוט געלערנט די יידישע לימודים — נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָט זלמן גיידער מורא געהאַט, אַז זיינע טעכטער וועלן נישט בלייבן מיט יידן. אַ שווערעניש האָט שטענדיק געפּרעסט זיין הארץ.

וואָס עלטער ער איז געוואָרן און וואָס עלטער זיינע טעכטער זיינען געוואָרן, אַלץ מער איז געוואַקסן זיין פאַרצווייפלונג און אומרו: ווי אַזוי זאָל ער ראַטעווען זיינע קינדער?

* * *

זלמן גיידער האָט געגעבן אַ סך צדקה. זיינע געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט, און ער האָט פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין דער געזעלשאַפט. מענטשן האָבן אים מקנא געווען זיין שיינע היים, זיין שיינע פרוי און זיינע געשעפטן. קיין איינער האָט אָבער ניט געוווּסט, אַז ער גייט ארום אַ פאַרצווייפלטער, אויפגע־געסן פון אַ מיסטעריעזער שרעק פאַר דער צוקונפט.

ווען זיינע טעכטער פלעגן קומען אהיים אויף יום־טוב, פלעגט ער מיט זיי פאַרברענגען אין זיין ארץ־ישראל־צימער און שמועסן מיט זיי וועגן די יידישע גדולים פון אלע דורות. ער פלעגט זיי באַווייזן די בייסטע ספרים און דערציילן זיי דעם אינהאַלט פון די ספרים.

ער פלעגט קוקן זיינע טעכטער אין די אויגן אריין מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, באַמיענדיק זיך ארויסצולייענען פון זיי זייערע געדאַנקען...

איין תפילה און איין ווונטש האָט ער געהאַט: אַז זיינע טעכטער זאָלן חתונה האָבן מיט יידישע בחורים.

* * *

אין די יאָרן 1930—1932 איז אין דרום־אפריקע פאַרגעקומען אַ גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט שלעכט געווירקט אויך אויף זלמן גיידערס געשעפטן. ער האָט געזען, אַז מיט יעדן טאָג ווערט ער אָרעמער און אָרעמער. אויך די אַנטיסעמיטישע כוואַליע, וואָס האָט אין משך פון דעם דאָזיקן עקאָנאָ־מישן קריזיס אָנגעהייבן פאַרפלייצן די גאַנצע מדינה, האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין זלמן גיידערס פאַמיליע־לעבן.

ער האָט אָנגעהייבן באַמערקן, ווי זיין פרוי און טעכטער שושקען זיך סו־דות־פּול. איין מאָל האָט ער געפונען זיין פרוי און טעכטער זיצן צוזאַמען און וויינען.

די אַנטיסעמיטישע פּאַמפלעטן, וואָס ער האָט געפונען צעשפּרייט איבערן טיש, האָבן דייטלעך אים דערקלערט די סיבה פון זייער וויינען.

פלעגט ער אויסמיידן צו ריידן מיט זיין פאַמיליע וועגן זיינע שלעכטע גע־שעפטן און וועגן דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. בלויז ביים עסן פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט זיי ביי איין טיש.

אַ שטילקייט האָט באהערשט זיין גרויס הויז. זלמן גיידער האָט זיך כמעט אינגאַנצן איזאָלירט אין זיין ארץ־ישראל־צימער, און זיין פרוי מיט די טעכטער פלעגן זיצן גאַנצע טעג צוזאַמען און שושקען זיך.

יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיי טרעפן צוזאַמען, זיצנדיק מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ, פלעגט ער זיך פילן זייער נישט היימלעך. ער האָט פאַרגעפילט און פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע ניט געוויינלעכע שטילקייט אין זיין הויז איז די „שטילקייט פאַר אַ שטורעם"...

פּאַרזעסן...

אין איינער פון די דרום־אפריקאַנער שטעט האָב איך אים באַגעגנט אין אַ האָטעל. זיין נאָמען איז לעאָן זאַלקינד. ער איז דער באַלעבאָס פון אַ דאָרטיקן גרויסן געשעפט.

זיין אויסערלעכער אויסזען, זיין קליידונג און זיינע מאַנירן, ווי אויך זיין רייכער ליטעראַרישער ענגליש מאַכן אַ גוטן איינדרוק.

ער האָט אַ נייגונג צו דיסקוסירן וועגן לאָקאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ער זעט זיך אָן צו זיין אַ מאָדערנער מענטש, אַ מענטש פון דער וועלט.

אַ געבוירענער איז ער אין ליטע. אָבער זיין מוטער האָט אים געבראַכט קיין דרום־אַפריקע נאָך פאַר בר־מצווה. האָט ער באַוויזן צו באַזוכן די היגע שול און רעדט אַ גוטן ענגליש.

לעאָן זאַלקינד איז שוין איצט אַן עלטערער מענטש. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז רייך, לעבט ער אַן אומצופרידן לעבן. ער לעבט אין האָטעל, איינזאַם. זיינע עלטערן זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן, און ער האָט נאָך ניט באַוויזן חתונה האָבן.

וועגן די סיבות, וואָס האָבן אים אָפּגעהאַלטן פון חתונה האָבן, האָט ער אַ סך צו דערציילן. יאָ, ביי אַ זייטיקן מענטשן קענען די דאָזיקע סיבות אויסזען נאַריש, קאָמיש און קינדעריש. אָבער פאַר אים זיינען זיי אמתע לעבעדיקע פאַקטן.

אַזוי האָט דאָס פּאַסירט.

צורוקנדיק זיין שטול צו מיינעם, האָט ער מיר שטילערהייט דערציילט:

ביז ער איז געוואָרן דרייסיק יאָר אַלט, האָט ער בכלל ניט געטראַכט וועגן חתונה האָבן. ער איז געווען דאַן זייער פּאָפּולער צווישן די מיידלעך. צענדליקער שיינע און יונגע מיידלעך זיינען געווען פאַר אים פאַרכאַפּט — „טאָ גיי און זיי אַ חכם און ווייס, וועלכע פון זיי אויסצוקלייבן פאַר אַ ווייב!" און צו וואָס האָט ער געדאַרפט אַ ווייב?

נאָכדעם איז זיין פאָטער קראַנק געוואָרן און אוועקגעשטאָרבן. האָט ער ניט געקענט לאָזן דער מאַמען אליין.

ווען ער איז אריין אין די טיפע דרייסיקער, און זיין מוטער האָט אָנגעהייבן צו־צושטיין צו אים, אַז ער זאָל חתונה האָבן און זיין מיט לייטן גלייך, — האָט ער איר צוגעזאָגט דאָס צו טאָן, אָבער בתנאי, אַז די כלה זאָל באַזיצן די פאָלגנדיקע דריי מעלות: אַ פּנים, מחותנים און מזומנים. דאָס הייסט, אַז זי מוז האָבן אַ שיין פּנים, זי מוז זיין פון אַ שיינער פאַמיליע און זי מוז האָבן אַ סך נדן.

איז, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך שטענדיק געמאַכט, אז דידאָזיקע דריי מעלות זיינען זיך ניט צוזאַמענגעקומען אין דער זעלבער פּערזאָן. האָט דאָס מיידל געהאַט אַ שיין פּנים, האָט עס ניט געהאַט קיין שיינע משפּחה; איז עס ארויסגעקומען פון אַ שיינער משפּחה, האָט עס ניט געהאַט קיין נדן. און דערווייל זיינען זיך די יאָרן פאַרבייגעגאַנגען, און ער איז געוואָרן פערציק יאָר אַלט.

דאַן זיינען געקומען שטורמישע צייטן: יאָרן פון היטלעריזם, „גריי־שערטס"[1]) און מלחמה־יאָרן. זיין מוטער איז אוועקגעשטאָרבן, און ער איז געבליבן אליין.

אין די מלחמה־יאָרן האָט לעאָן זאַלקינד „געמאַכט" א סך געלט; און ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט ער אויפריכטיק געוואָלט חתונה האָבן.

קיין מזומנים, קיין כלה מיט נדן, האָט ער שוין מער ניט געזוכט. ער האָט אָבער געוועלט דווקא זייער אַ יונגע, שיינע מיידל פון אַ שיינער פאַמיליע. אנשטאָט מזומנים, האָט ער דערוואַרט, זי זאָל באַזיצן הויכע בילדונג.

ער האָט געוועלט האָבן אַ ווייב, וועלכע זאָל קענען אריינפּאַסן זיך אין דער רייכער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער האָט צו יענער צייט שוין באַלאַנגט.

לעאָן זאַלקינד האָט אויפגעשטעלט עטלעכע שדכנים אויף זייערע פיס, און ער האָט זיי געהייסן געפינען אזא סאָרט כלה.

איין שדכן איז געלונגען צו געפינען א שיינע, עלעגאַנטע סטודענטין, וואָס איז געווען גרייט מיט אים חתונה צו האָבן. ווי ער האָט זי געזען, האָט ער גלייך באַשלאָסן, אז זי איז די פּאַסיקע פּערזאָן, און ער האָט געמאָלדן דורך דער פּרעסע וועגן זיין „ענגיידזשמענט"[2]) צו דער דאָזיקער סטודענטין.

אָבער איידער ער האָט באַוויזן מיט איר חתונה צו האָבן כדת וכדין, איז זי שטאַרק קראַנק געוואָרן. מר. זאַלקינד האָט זיך איבערגעשראָקן. האָט ער זיך „אויסגעקויפט" פון דעמדאָזיקן שידוך, און איז געוואָרן צוריק אַ בחור.

דאָס אלץ האָט גענומען צייט, און — די יאָרן רוקן זיך...

האָט זיך אים געמאַכט א גרויסארטיקער שידוך מיט א ביסל א פאַרזעסענער פריילן, אַן אַדוואָקאַטין. איר פאַרהאַלטן זיך, איר אַרט ריידן און באַנעם האָבן אים באַצויבערט. זי איז די ריכטיקע, פּאַסיקע ווייב פאַר אים, לעאָן זאַלקינד — דעם גרויסן סוחר און גביר — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן. מיט אזא ווייב איז א פאַרגעניגן צו ריידן און צו פאַרברענגען די צייט; מיט אזא ווייב איז אַ גרויסער כבוד צו קומען צווישן מענטשן; אזא ווייב קען נאָך ווערן אויסדערוויילט פאַר א דעפּוטאַטין צום פּאַרלאַמענט!

זי איז די אידעאַלע ווייב, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט זיין גאַנצן לעבן. יאָ, זי איז דאָס! זי איז זיין באַשערטע פון גאָט!

לעאָן זאַלקינד האָט זיך פאַרליבט אין דער אדוואָקאַטין, און ער איז פון איר ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט געוועלט מען זאָל שוין פּראַווען זייער חתונה.

---

1) געמען אַ היגע פאַשיסטישע באַוועגונג.

2) ווערן פאַרקנסט.

האָט זיך אָבער אריינגעמישט דער אדוואָקאַטינס אַ ברודער, — אויך אַן אַדוואָקאַט. ער האָט געבעטן לעאָן זאלקינדן, זיין צוקינפטיקן שוואָגער, אז ער זאָל אָפּשרייבן אַ געוויסן טייל פון זיין געלט אויף זיין שוועסטערס נאָמען.

ער האָט געטענהט, אז אייגנטלעך איז מר. זאַלקינד אַ גאַנץ פרעמדער מענטש צו אים און צו זיין שוועסטער. זיי קאָנען ניט זיין כאַראַקטער.

מעגלעך, אז זיין כאַראקטער איז אַן אידעלער. עס איז אָבער אויך מעג־לעך, אז ניט. וואָס וועט זיין, כדומה למשל, אז נאָך דער חתונה וועט מר. זאַל־קינד זיך ארויסווייזן פאר אַ טיראַן, פאר א קארגן מענטשן, און ער וועט זי פאַרשקלאַפן און ניט לאָזן לעבן מיט מענטשן גלייך?

אזא זאַך קען דאָך טרעפן. איז כדי צו פאַרזיכערן זיך קעגן אזא אומגליק־לעכער לאַגע, מוז א באדייטנדיקער טייל פון זיין געלט, נאָך פאר דער חתונה, איבערגעשריבן ווערן אויף איר נאָמען.

ווען לעאָן זאַלקינד האָט דאָס דערהערט, איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און אויסגעשריען: „אזוי גאָר? אייער שוועסטער מיינט ניט מיך, נאָר מיין געלט? זי וויל חתונה האָבן בלויז מיט מיין געלט! איז זי פאַר מיר קיין ווייב ניט, און זייט אזוי גוט און האַלט זיך מיט אייער שוועסטער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר".

און לעאָן זאַלקינד איז געבליבן אליין.

* * *

דער אינצידענט מיט דער אַדוואָקאַטין האָט דערשיטערט לעאָן זאַלקינדן און האָט באַליידיקט זיינע טיפסטע געפילן. ער האָט פּלוצלונג אָנגעהייבן פיינט האָבן מענטשן מיט הויכער בילדונג און מיט ראַפינירטע מאַנירן. ער פלעגט זיי אויסמיידן.

די לעצטע יאָרן לעבט מר. זאַלקינד אין אַ האָטעל. ער האָט עטלעכע פריינד, מיט וועלכע ער טרעפט זיך אין האָטעל. אָבער ער פילט זיך איינזאַם.

אין זיינע איינזאַמע שעה׳ען חלומט ער וועגן חתונה האָבן. איצט טראַכט ער ניט מער וועגן אַ פּנים, וועגן מחותנים, און ניט וועגן הויכער בילדונג. איצט טראַכט ער וועגן קריגן אזא פרוי, ווי זיין מאַמע איז געווען — אַ גוטע יידישע ווייב.

גאַנץ אָפט קריגט ער בריוו פון שדכנים וועגן צוגעפּאַסטע שידוכים פאַר אים. ער פאָרט טאַקע אָפט אין דער גרויסער שטאָט אריין צו טרעפן זיך מיט די „געפעדטע" מיידלעך.

„אַנומלט — דערציילט ער מיר — האָב איך זיך געטראָפן מיט אזא מיידל אין קארלטאָן האָטעל אין יאָהאַנעסבורג.

זי איז אַ גאַנץ שיינע און אַ קלוגע, אָבער זי איז ניט קיין יונגע. ביידע זיי־נען מיר ניט קיין יונגע. זיינען מיר געזעסן, — פאַרשטייט איר מיך, — זיך אָנגעקוקט, געשמייכלט און זיך געחכמעט.

אָבער דער עיקר האָט געפעלט: עס האָט געפעלט דער „קום אהער!". אונדזערע ביידנס בלוטן זיינען געבליבן קאַלט. מיר האָבן ביידע זיך אָפּגעגאָסן

מיט א קאַלטן שווייס. און אזוי, זיצנדיק האָבן מיר ביידע, ווארשיינלעך, גע־טראַכט דאָס זעלבע: „מיר האָבן ביידע פארשפעטיקט!״

„און — מיר האָבן זיך קאַלט געזעגנט״.

„אויפצומאָרגנס פרי, האָט דער שדכן מיר טעלעפאָנירט און געוועלט וויסן מיין מיינונג. האָב איך אים געזאָגאָ דעם אמת, אז זי איז שיין און איידל; זי וואָלט געווען גאַנץ פּאַסיק פאר מיר, אָבער עס פעלט דער עיקר: עס פעלט דער אינערלעכער שטויס...״

„האָט דער זייער אַלטער שדכן מיך גוטמוטיק אויסגעמוסרט: „אַמאָליקע יאָרן האָסטו געזוכט א פּנים, מחותנים און מזומנים. איצט זוכסטו אזעלכעס, וואָס שדכנים קענען ניט צושטעלן״.

און דער שדכן האָט אויך קאַלט געזעגנט זיך מיט מיר.

פארענדיקנדיק זיין דערציילונג, האָט ער שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן צו מיר: „עס מאַכט ניט אויס! אויב איר וועט טרעפן א מיידל, וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאר מיר, זאָלט איר מיר שרייבן״...

אַ סך מלאכות

יונה פינקל איז געבוירן געוואָרן אין לאָדז. זיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפט. יונהס קינדער־יאָרן זיינען געווען גליקלעכע. ער איז געווען געזונט און שיין, געהאַט א גרויסן אפעטיט, און געגעסן פון דאָס שענסטע און בעסטע.

בלויז אין פאָלק־שול האָט ער זיך ניט אויסגעטויגט. איבערהויפט האָט ער ניט געקענט אויסלערנען זיך רעכענען. זיינע ראָזע באַקן, ליכטיקע בלאָע אויגן און שיינע פיגור, האָבן אָבער דעם דאָזיקן חסרון ווי עס איז פאַרדעקט.

איז יונה פינקל געוואַקסן אין גליק און אין ליבשאַפט.

צו זיין אומגליק איז זיין יונגע מוטער געשטאָרבן, און יונה האָט געקראָגן אַ שטיף־מוטער. די שטיף־מאַמע האָט זיינע מעלות וויניק אָפּגעשאַצט. אדרבה, דאָס, וואָס יונה איז געווען שיין און געזונט, האָט איר ניט צופרידנגעשטעלט. וועגן דעם האָט זי זעלטן גערעדט. דערפאַר האָט זי א סך גערעדט וועגן זיין חסרון אין פאָלק־שול. זי האָט אים געהאַלטן אין איין מוסרן; און לויט איר מיינונג האָט יונה ניט געקאָנט קיין אריפמעטיק, ווייל ער האָט צופיל געגעסן; ער איז געווען צו פעט...

האָט זי אָנגעהייבן קאַרגן אין יונה׳ס מאָלציטן. זיין עסן איז געווען ניט־גענוג און מאָגער. האָט יונה אָנגעהייבן הונגערן ביי זיין פאָטער אין הויז.

אין יענער צייט איז איינער פון זיינע חברים אין פאָלק־שול אוועקגעפאָרן צו זיין פאָטער אין ראָדעזיע. יונה האָט מיט אים זיך דורכגעשריבן און האָט אים דערציילט וועגן זיינע ליידן און פלאָגן. האָט זיין חבר אין ראָדעזיע אים געראַטן צו קומען קיין דרום־אפריקע.

איין מאָל, ווען יונה איז געקומען פון שול אהיים, הונגעריק און פארמאַטערט, האָט אים זיין שטיף־מאַמע געגעבן זופּ „אָן אויגן" — פשוטע וואַסער. איז יונה אריין אין א גרויסן גרימצאָרן און ער האָט זיך שטאַרק צעקריגט מיט זיין שטיף־מאַמען.

נאָך עטלעכע טעג קריגן זיך מיט זיין פאָטער און מיט דער שטיף־מאַמען, האָט יונה באַקומען פון זיין פאָטער געלט אויף רייזע־הוצאות קיין דרום־אפריקע.

יונה פינקל איז אָנגעקומען קיין קייפּטאַון אין עלטער פון פערצן יאָר. היות, ווי ער האָט ניט געקאָנט קיין ענגליש און האָט ניט געהאַט קיין פאַך אין האַנט, איז אים אויסגעקומען זיך צו פּלאָגן א סך.

עס איז דעמאָלט געווען די צייט פון „ענגליש־בורישן קריג". אין קייפּטאַון איז געווען אַ גרויסער אָנגעלאָף פון פּליטים, פון אלע מינים. די פּליטים האָבן געזוכט באַשעפטיקונג. זיי זיינען גרייט געווען צו טאָן, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט פאַר אַ שיבוש.

איז יונה פינקל אָנגעקומען אין א פלייש־געשעפט. זיין עובדה איז געווען אכטונג צו געבן אויף דער צאָל פעקלעך פלייש, וואָס זיינען פארטיילט געוואָרן צווישן די קונדן.

פלעגט אָפט ניט שטימען זיין חשבון מיט די חשבונות פון די פארטיילערס און פון די בוכהאַלטערס.

האָט מען אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע.

איז יונה פינקל געוואָרן אין כעס אויף זיך אליין: ווי אזוי האָט ער געקענט טאָן אזא נאַרישקייט, קומען קיין אפריקע אָן אַ פאַך אין האַנט? יאָ, ער מוז לערנען א פאך — האָט ער ביי זיך געטראַכט.

האָט זיך יונה פינקל צוריקגעקערט קיין לאָדז און געווײלט דאָרט עטלעכע חדשים, און זיך אויסגעלערנט פאָטאָגראַפירן.

ער איז געקומען ווידער קיין דרום־אפריקע. גלייך איז ער אוועקגעפאָרן קיין טראַנסוואַל, און האָט אָנגעהייבן לעבן אַ לעבן פון א נע־ונד׳ניק. מיט זיינע פאָטאָגראַפישע מכשירים איז ער ארומגעפאָרן איבער די דערפער און שטעט־לעך און האָט געאַרבעט שווער צו מאַכן א לעבן. דאָס לאנד איז אָבער דעמאָלט געווען שרעקלעך אָרעם, די איינוווינערס פון די דערפער האָבן ניט געהאָט אפילו דאָס נויטיקסטע... פלעגט יונה פינקל ניט קריגן באצאָלט פאר זיין פאָ־טאָגראַפירן.

האָט ער אויפגעגעבן פאָטאָגראַפיע, און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך ארומגע־דרייט א לאנגע צייט אָן ארבעט, איז ער געוואָרן אַ וואַנדערנדיקער פעדלער אין יאָהאַנעסבורג גופא.

ער האָט זיך באַזעצט אין שטאָט און חתונה געהאָט.

זיין פרוי איז געווען זייער אַ קלוגע. זי האָט גלייך נאָך דער חתונה אָנ־געהייבן אים באַהילפיק צו זיין אין זיינע געשעפטן. זי האָט אויסגעפונען, אז איר מאַן טוט ניט קיין שלעכטע געשעפטן; די צאָל קונדן איז געווען גענוג גרויס. אָבער עס איז געווען איין גרויסער חסרון: איר מאַן האָט ניט געקענט חשבונען, און א טייל קונדן האָבן דאָס דערשפּירט און האָבן דאָס אויסגענוצט.

האָט זי אים דאָס אויפגעוויזן. יונה פינקל האָט דאָס לכתחילה ניט גע־וועלט ליידן. אָבער זיין ווייבס קלוגשאַפט האָט גובר געווען זיין שעמעוודיקייט, און ער האָט איר מגלה געווען דעם סוד, אז ער ליידט פון דער דאָזיקער שוואַכ־קייט שוין פון קינדווייז אָן.

ער האָט מסכים געווען, אז זיין ווייב זאָל ווערן זיין בוכהאַלטער.

אין יענע צייטן האָבן זיך אָנגעהייבן עפענען אין יאָהאַנעסבורג און אין אומגעגנט באַקלייד־פאַבריקן. האָט יונה פינקל אויך חשק געקראָגן צו ווערן אַ קליידער־פאַבריקאַנט. זיין פרוי איז געווען צופרידן פון דעם דאָזיקן פּלאַן. עס האָט ניט לאַנג גענומען און יונה פינקל האָט אָפּגעדונגען א לאָקאַל און אריינגעפירט ניי־מאַשינען און געדונגען ארבעטער.

יונה פינקל איז געוואָרן א פאַבריקאַנט, און זיין פרוי איז געווען אַ גאַנצן טאָג אין ביוראָ.

האָט זיך אָבער פּלוצלונג ארויסגעוויזן, אז זיין אויסאַרבעטונג אין פאַבריק האָט ניט געטויגט. מען האָט אָנגעהייבן אָפּשיקן די סחורה צוריק, ווייל מען האָט אויסגעפונען, אז אין דעם גרעסטן טייל רעקלעך האָבן די ארבל ניט געשטימט איינער מיטן צווייטן. אז איין ארבל איז געווען א לאנגער, איז דער צווייטער, ווי אויף צו להכעיס, געווען אַ קורצער. דאָס זעלבע האָט געטראָפן מיט די הויזן...

מילא, איז דאָך ניט שייך! אפילו א קלוגע ווייב, וואָס קען חשבונען, קען אין אזא פאַל אויך ווייניק העלפן.

האָט יונה פינקל בחרפּתו געמוזט שליסן זיין פאַבריק, און איז ארויס אינ־גאַנצן נקי, אָן אַ פּעני אין קעשענע.

אז מען האָט אָבער א קלוגע און מוטיקע ווייב, איז מען ניט קיין פאַר־פאַלענער.

יונה פינקל איז געוואָרן אַן אגענט פון מסחר מיט הייזער. ער מיט זיין ווייב גייען אויף אויספאַרקויפן, אויף ליציטאַציעס פון הייזער און געשעפטן, און טוען „ביזנעס". אַמאָל פאַרדינט מען מערער, אמאָל — ווייניקער, און מען מאַכט אַ לעבן.

מיסטער גאַרדינער

מיסטער גאַרדינער האָט אַמאָל געדינט אין רוסישן מיליטער אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, און צוליב דעם איז ער מגולגל געוואָרן פון סמאָ־לענסק קיין קאָוונע. אין קאָוונער גאַרניזאָן האָט מען אויסגעפונען, אז גאַרדי־נער איז מוזיקאַליש. האָט מען אים אריינגענומען אין מיליטערישן אָרקעסטער פאַר אַ באַראַבאַנשטשיק*).

מר. גאַרדינער איז פון נאַטור געווען א מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט געזעלשאפט. ער האָט פיינט געהאַט די מיליטערישע דיסציפּלין און די דלד אמות פון דער קאַזאַרמע. ער האָט זיך באקאנט מיט א סך יידישע משפחות אין קאָוונע, און ווען־נאָר ער האָט געהאַט די געלעגנהייט, פלעגט ער גיין אין שטאָט אריין צו טרעפן זיך מיט זיינע פריינד און באקאָנען זיך מיט נייע מענטשן.

זיין ראָלע אלס באַראַבאַנשטשיק האָט ער שטאַרק ליב געהאַט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אז ער גיט דעם אָרקעסטער דעם טאָן, ווי אָנצוהייבן צו שפּילן. איבערהויפּט האָט זיך גאַרדינער געפילט שטאָלץ און צופרידן, ווען דער גאַרני־זאָן פלעגט דורכמאַרשירן די קאָוונער גאַסן בעת אַ מיליטערישן פּאַראַד אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ וועלכער עס איז פייערונג. דעמאָלט איז געווען ניט שייך: מי ידמה לו, ומי ישוה לו, ווער איז געווען זיין גלייכן? דער גאַרניזאָן האָט געמאַרשירט מיט פעסטע און האַרמאָנישע טריט. דער אָרקעסטער בראש, און ער, גאַרדינער מיט זיין גרויסן באַראַבאַן בראש פון אלעמען האָט געזעצט: באַם, באַם, בום! באַם, באַם, בום!

דער אָרקעסטער שפּילט זיך פונאַנדער, און עס גייט אוועק אַ מאַרש, אז די פיס הייבן זיך פון זיך אליין. גאַרדינער פלעגט דאן פילן אויף זיך די בליקן פון די ציווילע מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן גאַס און נאָכ־געפאָלגט די מאַרשירנדיקע זעלנער. אים האָט זיך געדאַכט, אז אלע קוקן באַזונדערס אויף אים.

אזוי האָט ער אָפּגעלעבט אין קאָוונע פיר יאָר צייט.

ווען ער האָט געענדיקט זיין מיליטער־דינסט, איז ער שוין אהיים קיין סמאָלענסק ניט געפאָרן. ער איז פארבליבן אין קאָוונע און דאָרט חתונה גע־האַט מיט אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט ברידער אין דרום אפריקע. דער נדן אי־רער איז געווען רייזע־הוצאות קיין דרום אפריקע, ווו עס האָבן געלעבט אירע ברידער.

---

*) דער, וואָס זעצט אין פּויק.

און אזוי איז טאַקע געווען.

גלייך נאָך דער חתונה איז גאַרדינער מיט זיין ווייבל געקומען קיין דרום אפריקע. זיין ווייבס ברידער האָבן זיי באַלד אריינגענומען אין זייערע געשעפטן, געלערנט זיי די לאַנד־שפּראַכן און ווי צו באַגיין זיך אין ביזנעס. ווען די ברידער האָבן אויסגעפונען, אז זייער שוועסטער און שוואָגער זיינען גענוג צוגעגרייט, האָבן זיי געעפנט אַ געשעפט פאַר זיי אין אַ שטאָט אין טראַנסוואַאַל.

* * *

מר. גאַרדינער האָט זיך די ערשטע צייט ניט געפילט גליקלעך. ער האָט ניט געקענט צוגעוווינען זיך צו אַ שטובּיקן לעבן, כאָטש ער האָט באַוויזן אויסצולערנען זיך שפּילן אין קאָרטן. ער פלעגט שפּילן מיט זיינע באַקאַנטע און פריינד אין די אָוונטן און אין די „וויק־ענדס"*).

דאָס האָט אים אָבער ניט צופרידנגעשטעלט. ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן דער גרויסער יידישער שטאָט קאָוונע און אָן די מיליטערישע פּאַראַדן און מאַרשן, און עס פלעגט אים אָפּט פאַרקלעמען דאָס האַרץ פון בענקשאַפט...

אָ, דאָרטן אין קאָוונע — פלעגט ער אָפּט טראַכטן — איז געווען א לעבן! אָבער דאָ? וואָס האָט ער דאָ? שטענדיק — ווי אויף אַ יריד: שאָפּ, קאָרטן, ווידער שאָפּ און ווידער קאָרטן. עס איז נישטאָ עפּעס אזוינס, וואָס זאָל מאַכן אַ מענטשן פילן דערהויבן, שטאָלץ, באַגייסטערט...

פאַרן אָנקומען פון די ימים נוראים, איז מר. גאַרדינער געוואָרן א מיטגליד פון קאָנגרעגיישן, און ראש השנה און יום כפור איז ער געגאַנגען אין שולכל דאַווענען. אויך אין שולכל האָט ער זיך געפילט דערשלאָגן. דאָס איז נישט געווען קיין פּאַסיקער בנין פאַר אַ שול. עס איז געווען מער ענלעך צו א שפּייכלער.

לעבן ארון קודש איז געשטאַנען דער רעוורענד מיט זיין המן־טאַש־בערדל, מיטן פנים צום קהל. אפילו בשעת שמונה־עשרה איז דער רעווערענד געשטאַנען מיטן פנים צו די מתפללים. עס האָט אויסגעזען אזוי מאָדנע.

דאָך איז דאָס מר. גארדינערן געפעלן געוואָרן. אים איז אויך געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס די פרויען האָבן געדאַוונט אין דער זעלבער שולכל מיט די מענער אָן אַ מחיצה. יאָ, עס איז אים געפעלן געוואָרן. אָבער דאָך איז דאָס אלץ געווען אזוי מאָדנע, אזוי פרעמד.

מוצאי יום כפור, ווי נאָר דער שופר האָט געבלאָזן, און אלע האָבן אויסגעשריען „לשנה הבאה בירושלים!", האָט פּלוצלונג, ממש כהרף עין, די שולכל זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עס־צימער.

אַ צענדליק שוואַרצע באַדינערס האָבן שנעל אריינגעטראָגן טישלעך באַלאָדענע מיט עסנוואַרג און געטראַנקען, באַצירטע מיט בלומען. די טליתים און מחזורים זיינען, ווי דורך אַ כישוף, פאַרשוווּנדן. אויך דער ארון קודש מיטן פרוכת זיינען נעלם געוואָרן. אלץ האָט זיך איבערגעדרייט. עס איז נישט מער

*) סוף־וואָכן — שבת בייטאָג און די זונטאָגס.

קיין מקום קדוש. נישטאָ מער קיין מתפּללים. דאָס איז ניט קיין שול. אלץ האָט זיך פּלוצלונג געענדערט, ווי אין אַ חלום. ווו יום כּפּור? וואָס ימים נוראים? ווו הייליקייטן? דאָס איז א בופעט ערגעץ אויף אַ באַן־סטאַנציע...

מר. גאַרדינער האָט דאָס נישט געקענט באַנעמען. ער און זיין פרוי זיינען געזעסן צוגלייך מיט אלעמען, געטרונקען און געגעסן. אָבער אלץ איז געווען פאַנטאַסטיש, מאָדנע.

נאָכן מאָלצייט איז פאָרגעקומען די אלגעמיינע פארזאמלונג פון די מיט־גלידער פון קאָנגרעגיישן. אזוי איז געווען דער מנהג אין יענער שטאָט. היות ווי עס איז געווען שווער אין משך פון יאָר צו קריגן אלע מיטגלידער פון קאָנגרעגיישן צוזאַמען, און היות ווי יום כּפּור איז דער איינציקער טאָג אין יאָר, ווען אלע יידן פון דער שטאָט און פון ארום קומען זיך צוזאַמען — איז דעריי־בער מוצאי יום כּפּור באשטימט געוואָרן פאַר דער בעסטער צייט צו האָבן אַ וואַל־פאַרזאַמלונג, כּדי אלע מיטגלידער זאָלן קענען צוזאַמען באהאנדלען אלע פראַגעס און פּראָבלעמען, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער עקסיסטענץ פון דער קאָנגרעגיישן.

מר. גאַרדינער האָט אַנטייל גענומען אין די דעבאַטן, און ער איז אויסגע־קליבן געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דעם נייעם קאָמיטעט.

אינגיכן איז ער באקאַנט געוואָרן פאַר דעם אקטיווסטן מיטגליד. ער האָט געזוכט און געמאָנט ארבעט אויף פון אנדערע. עס איז אים ניט געגאַנגען אזוי פיל אין דער עצם ארבעט, ווי אין דעם טומל און געפילדער ארום דער ארבעט.

מיט דער צייט האָט ער אויך געשאַפן אַ ציוניסטישן פאַראיין, און ער פלעגט אראָפּברענגען רעדנערס פון יאָהאַנעסבורג. ער פלעגט זיין דער פאָרזיצער און ער פלעגט באַדאַנקען די רעדנערס.

אזוי זיינען זיך די יאָרן געגאַנגען.

אין דער גרויסער וועלט זיינען פאָרגעקומען גרויסע געשעענישן. פאַשיזם, היטלעריזם און די וועלט־מלחמה האָבן געלאָזן טיפע צייכנס אויפן לעבן. זיי האָבן אויפגעטרייסלט אויך דאָס דרום־אפריקאַנער יידנטום. די אַלטע יידישע אינסטיטוציעס האָבן געמוזט פאַרשטאַרקן זייערע טעטיקייטן. מען האָט געמוזט אויך שאַפן נייע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן. עס האָבן זיך אָנגעהייבן פאַר־שיידענע געלט־זאַמלונגען.

דאָס יידישע לעבן איז געוואָרן אינטענסיוו. ווערטן האָבן זיך געענדערט. דאָס לעבן האָט ארויסגערופן און ארויסגערוקט נייע געזעלשאפטלעכע טוערס, נייע גבאים, נייע מנהיגים.

מר. גאַרדינער האָט געפונען זיין תּיקון. עס איז געוואָרן דער אמתער טומל און געפילדער. איין קאָמפּיין גייט נאָכן צווייטן. גאַסט־רעדנערס פון פאַרשיי־דענע מדינות און קאָנטינענטן באַווייזן זיך אָפט, און מר. גאַרדינער איז שטענ־דיק דער פאָרזיצער. קאָנפערענצן קומען פאָר, און מר. גאַרדינער איז דאָ אויף יעדער קאָנפערענץ. זיין נאָמען ווערט אָפט דערמאָנט אין דער פּרעסע מיט דער באגלייטונג פון זיין פאָטאָגראַפיע.

מר. גאַרדינער רעגירט איבער דער יידישער געמיינדע. ער איז פול אומע־טום. ער האָט א גוטע ווייב און גוטע קינדער. זיי ארבעטן און פירן דאָס גע־שעפט און זיי זיינען שטאָלץ מיט אים.

די געמיינדע וואָלט אויך געווען צופרידן מיט אים, ווייל סוף כל סוף טוט ער די גאַנצע קהלשע און געזעלשאַפטלעכע ארבעט. עס איז פשוט ניטאָ אין דער גאַנצער געמיינדע קיין איינער, וואָס זאָל וועלן עפּעס טאָן פארן קהל... עס דאַכט זיך, אז אָן מר. גאַרדינערן וואָלט אַלץ אונטערגעגאַנגען.

עס וואָלט אלץ גוט געווען, ווען ניט די שוואַכקייט, וואָס מר. גאַרדינער האָט צו איזדיעקעווען זיך איבער די רעוורענדס. דער רעוורענד מוז אים אין אַלץ פאָלגן. דער רעוורענד מוז קויפן אַלץ, וואָס ער דאַרף אין די געשעפטן, ווו מר. גאַרדינער הייסט אים. דער רעוורענד מוז אויף יעדער פאַרזאַמלונג האַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער מוז לויבן מר. גאַרדינערן אין הימל אריין; און אז עס האָט געטראָפן, ווען אַ רעוורענד האָט געהאַט זעלבסטרעספּעקט, און האָט אים נישט געחנפה'ט, האָט ער געמוזט פארלאָזן די שטאָט.

איין רעוורענד איז געווען אַן אויפּריכטיק־פרומער. האָט ער געפּריידיקט היטן שבת, עסן כשרה און טהרת המשפחה. האָט אים מר. גאַרדינער שטאַרק אויסגערעדט, פאַרוואָס ער פּריידיקט אַזעלכע אוממעגלעכע זאַכן. מר. גאַרדי־נער האָט געפאָדערט פון אים ער זאָל פּריידיקן „דזשודאַאיזם", און ער האָט אים געראַטן צוצוהערן זיך אַלע זונטאָג צום ראַדיאָ צו די „סערמאָנס" פון דער קירך, און לערנען זיך פון די גלחים, ווי אזוי צו פּריידיקן אין שול.

די רעוורענדס האָבן אים נישט געקענט פאַרטראָגן, און נאָכן אָפּזיין איי־ניקע חדשים, פלעגן זיי אַנטלויפן.

ווען דער חדר האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן, און ער האָט איינגעלאַדן אַ לערער א ספּעציאַליסט, האָט זיך מר. גאַרדינער אריינגעמישט אין דעם לערערס לימודים־פּראָגראַם. מר. גאַרדינער האָט ניט געהאַלטן פון דעם „באָאַרד־אָוו־עדוקיישן"ס פּראָגראַם. ער האָט נישט געגלייבט קיינע דירעקטאָרן און קיינע אינספּעקטאָרן. ער האָט געהאַלטן, אז ער ווייסט בעסער. בכלל איז מר. גאַר־דינער לעצטנס געקומען צום באַשלוס, אז קיין זאַך פון אַמאַליקן שטייגער איז נישט מאָדערן און ניט גוט. ער האָט געהאלטן פון רעפאָרמען. מען מוז אלץ רעפאָרמירן, אלץ מאַכן אַנדערש...

די מיטגלידער פון דער געמיינדע זיינען געוואָרן אומצופרידן מיט מר. גאַרדינערס באַציאונג צו די אָנגעשטעלטע פון דער געמיינדע און מיט זיין ריידן וועגן רעפאָרמען. אָבער עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל איבערנעמען זיין אַרבעט.

לעצטנס, זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, פילט זיך מר. גאַרדי־נער אזוי שטאָלץ מיט זיך, אזוי ווי ער וואָלט דאָס געווען דער, וואָס האָט אויפ־געשטעלט ישראל.

אויף אלע נאַציאָנאַלע פאַראַדן, וואָס זיינען לעצטנס געווען פאַרבונדן מיט די פייערונגען לכבוד מדינת ישראל, איז מר. גאַרדינער, — אַן אויסגעפּוצטער

אין „עסיק און אין האָניק״ — דערשינען אויף די פּלאַטפאָרמעס, ווי אַ שטאַטס־מאַן, ווי אַ מלוכה־פירער.

איבערהויפּט פילט ער זיך אין זיין גלאָריע, ווען אויף די פייערונגען זיינען אַנוועזנדיק אויך קריסטן. דעמאָלט דערפילט ער זיך, ווי אַמאָל אין קאָוונע, ווען ער האָט געמאַרשירט דורך די גאַסן בראש פון דעם מיליטערישן אָרקעסטער מיט דעם מאַרשירנדיקן גאַרניזאָן: דער גרויסער באַראַבאַן פון פאָרנט, און ער, גאַרדינער באַראַבאַנעוועט: באַם, באַם, בום! באַם, באַם, בום!

אָט אזוי פילט זיך פרעזידענט, מר. גרדינער אויף די איצטיקע ציוניסטישע באַנקעטן לכבוד דער ישראל־מלוכה, ווען ער זעט, אז אלע קוקן אויף אים...

פון אַ לעקטאָר — אַ קאָלעקטאָר

מר. וואָגלער שטאַמט פון אַ רייכער יידישער פאַמיליע אין ליטע. זיינע עלטערן האָבן אים געגעבן אַ מאָדערנע וועלטלעכע דערציונג. ער האָט געלערנט אין אַ גימנאַזיע. נאָכן ענדיקן גימנאַזיע איז ער אוועק קיין אויסלאַנד שטודירן. אַ דאַנק זיינע גרויסע פעאיקייטן, האָט ער דערגרייכט די מדרגה פון אַ לעקטאָר פון געשיכטע אין איינעם פון די דייטשישע אוניווערסיטעטן. איז מר. וואָגלער געווען העכסט צופרידן פון זיין באַרוף און פון זיין לעבן.

זיינע עלטערן און קרובים אין ליטע זיינען געווען נאָכמער צופרידן מיט אים, און זיי האָבן זיך געיחסנט מיט אים.

מיטן אָנקום פון היטלעריזם איז מר. וואָגלער פאַרטריבן געוואָרן פון זיין שטעלע. ער איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד.

נאָך דער מלחמה האָט ער זיך דערשלעפּט קיין עסטרייך. אים איז געלונגען אויפצוזוכן אַ נאָענטן קרוב אין דרום־אפריקע.

מר. וואָגלער האָט געפאָלגט די עצה פון זיין אפריקאַנער קרוב: ער האָט זיך אויסגעלערנט שחיטה און איז אַראָפּגעקומען קיין אפריקע אלס אַ „רעווערענד"־שוחט אין אַ קליינער קהילה אין ראָדעזיע.

מר. וואָגלער איז אָבער געווען אַ קנאַפּער למדן אין שולחן ערוך. זיינע עלטערן האָבן אים באַזאָרגט בלויז מיט אַ וועלטלעכער דערציונג, קיין יידיש־רעליגיעזע דערציונג האָבן זיי אים ניט געגעבן. איז מר. וואָגלער געווען אומבאַהאָלפן אין זיין נייעם באַרוף אלס „רעווערענד". ער האָט ניט געקענט צופרידנשטעלן זיין קהילה, ניט מיט זיינע ידיעות אין יידישן לוח און ניט מיט זיין ערודיציע אין תורה־ענינים. ער פלעגט כסדר האַלטן אין איין נכשל־ווערן אין זיין הנהגה אלס „רעווערענד" און אין זיין לומדות. די מיטגלידער פון זיין „קאָנגרעגיישן" האָבן דאָס ניט געקענט ליידן.

מר. וואָגלערן האָט דאָס שטאַרק געפלאָגט. סוף כל סוף איז אים געלונגען אַריינצוקריגן זיך אין דרום אפריקע און ער האָט זיך באַזעצט אין יאָהאַנעסבורג.

אין יאָהאַנעסבורג איז ער געוואָרן אויס „רעווערענד".

אַזוי ווי שלמה המלך בשעתו, ווען דער אשמדאי האָט אים פאַרוואָרפן פון ירושלים אין אַ פרעמדן לאַנד, איז מר. וואָגלער אַרומגעגאַנגען אין יאָהאַנעסבורגער גאַסן און אויסגערופן „אני שלמה", „איך בין אַ לעקטאָר פון אַן אוניווערסיטעט". אָבער קיינער האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף אים.

מען האָט אים געשיקט צו די ביוראָען פון „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס".

די האָבן אים אָפּגעשיקט צום „באָאַרד אָוו עדיוקיישן". אָבער אויך זיי האָבן אים ניט געקענט העלפן.

פּריוואַטע מענטשן האָבן אים איינגעשטופּט אין אַ תּלמוד־תּורה אַלס אַ לערער פון העברעאיש. איז אָבער געווען חוכא וטלולא: ער האָט נעבעך ניט געיכולט...

האָט מר. וואָגלער פּרובירט ווערן אַ פּעדלער. אָבער אויך צו דעם האָט ער זיך ניט אויסגעטויגט. האָט ער געמיינט, אַז כּלו כּל הקיצין, אַז אַלץ איז געענדיקט, כאָטש נעם און טו זיך אָן אַ מעשה.

האָבן מיר דאָך אָבער אַ גרויסן גאָט וואָס שפּייזט אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט; האָט ער אויך מר. וואָגלערן ניט פאַרלאָזן און האָט אים מזמן געווען זיין פּרנסה.

איין טאָג האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ יידישער צייטונג און האָט באַמערקט אַ מעלדונג, אַז אַ גרויסע יידישע אינסטיטוציע זוכט אַ „קאָלעקטאָר".

איז ער גלייך אוועק אַהין און אָנגעגעבן אַ בקשה.

די גבאים פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז געפעלן געוואָרן, וואָס אַן אוניווערסיטעט־לעקטאָר וויל זיין זייער קאָלעקאָר, און זיי האָבן אָנגענומען זיין אַפּליקאַציע.

איז מר. וואָגלער געוואָרן אַ קאָלעקטאָר.

מען האָט אים געגעבן אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָפער, און ער איז טאָג־איין, טאָג־אויס אַרומגעפאָרן איינצומאָנען די באַשטייערונגען פאַר דער אינסטיטוציע. זיינע פעאיקייטן אַלס לעקטאָר זיינען אים שטאַרק צונוץ געקומען. ער האָט געהאַלטן לעקציעס פאַר די מיטגלידער פון דער אינסטיטוציע און אויך פאַר ניט־מיטגלידער. זיינע לעקציעס זיינען דאָס־מאָל געווען וועגן צדקה און ווילטעטיקייטן, וועגן די נויטן פון כּלל און פון פּרט; וועגן לעבן און וועגן טויט; וועגן עולם־הזה און עולם־הבא. די דאָזיקע לעקציעס האָבן אינספּירירט און צוגעצויגן נייע מיטגלידער. דורך דעם איז אויסגעוואַקסן אויך זיין חשיבות אין די אויגן פון די גבאים. דאָס האָט גורם געווען צו אַ באַדייטנדיקער הוספה פון זיינע שכירות.

מר. וואָגלער האָט געפונען זיין תּיקון.

ער וווינט איצט אין אַ שיינער מאָדערנער דירה; זיין פרוי און קינדער זיינען צופרידן; זיי פעלט קיין זאַך ניט.

אָבער ער גופא איז ניט אינגאַנצן צופרידן; אים פעלט אַ סך. ער האָט ניט קיין געזעלשאַפט. אַלס אַ „קאָלעקטאָר" קען ער אין קיין געזעלשאַפט זיך ניט אַריינפּאַסן. מענטשן קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ. עס איז עפּעס דאָ אַ וואַנט, אַ מיסטעריעזע מחיצה צווישן אים און די אַנדערע...

אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז געווען אַ שוחט־רעווערענד אַ געוויסע צייט, איז מר. וואָגלער געבליבן אַ שול־גייער. פרייטאָג־צו־נאַכט און שבת אינדערפרי קומט ער אין שול אַריין. דאָרט זיינען קיין מחיצות ניטאָ, אַלע פילן זיך, ווי גלייכע שותּפים. אַלע דאַווענען פון זעלבן סידור. אַלע זינגען די זעלבע תּפילות צום זעלבן גאָט.

שבת איז טאָקע ביי אים דער בעסטער טאָג — א טאָג פריי פון ארומפּאָ־רעניש און פון שפיכות־דמים... ווייל, כאָטש ער האָט געפונען זיין תיקון אַלס אַ קאָלעקטאָר, איז ער בנאַטור געבליבן אַן אריסטאָקראַט; און ארומגיין קאָ־לעקטן מיטגלידס־אָפּצאָל, באַשטייערונגען און התחייבותן — איז ניט קיין אָנ־גענעמע ארבעט. מענטשן ווילן ניט צאָלן קיין חובות; מענטשן ווילן זיך ניט שיידן מיט זייער געלט. קומט אים אויס אָפט צו גיין אומזיסט, אָדער צו באַ־קומען באַליידיקנדיקע ענטפערס און אָפּזאָגן.

יאָ, ער איז געבליבן אַן אריסטאָקראַט. ער איז אויך פארבליבן א פאַר־שער פון געשיכטע.

אַ דאַנק זיין קומען אין קאָנטאַקט מיט פארשיידענע מענטשן, האָט מר. וואָגלער די געלעגנהייט צו פירן מיט זיי שמועסן וועגן פארשיידענע לעבנס־דערשיינונגען, איבערהויפּט, — ווען ער טרעפט עלטערע מענטשן, וועלכע זיינען געווען פּיאָנערן אין דרום־אפריקע. פון זיי קריגט ער געוויסע ידיעות, אָדער היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן דרום־אפריקאַנער געשיכטע. אין מאַנכע הייזער אנטדעקט מר. וואָגלער ביכער און ספרים, וועלכע זיינען איצט אַ זעלטנהייט. אין זיין רשות געפינען זיך איצט אַ סך היסטאָרישע ווערטפולע דאָקומענטן. אויך זיין ביבליאָטעק איז רייך און פול מיט טייערע ביכער; ווייל ניט זעלטן טרעפט, אז גאַנצע זאַמלונגען פון אלטע ספרים ווערן אים אוועק־געגעבן בחינם, און די געבערס זיינען אים נאָך דאַנקבאַר, וואָס ער נעמט זיי צו...

דעריבער טרעפט עס גאַנץ אָפט, אז מר. וואָגלער זיצט צווישן זיינע ביכער און טראַכט, אז אין תוך גענומען דאַרף ער זיך צופיל ניט נעמען צום האַרצן, וואָס עס האָט זיך אזוי אויסגעלאָזן, אז פון אַן אוניווערסיטעט־לעקטאָר איז ער געוואָרן א קאָלעקטאָר.

דער ארץ־ישׂראל־ייד

איך האָב אים געטראָפן אין אַ האָטעל אין דערבן. יאַנושעווסקי איז זיין נאָמען.

ער האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט פאַר אַ יידן פון ארץ־ישׂראל. ווען איך האָב אָנגעהייבן צו אים ריידן העברעאיש, האָט ער זיך אַנטשולדיקט, אַז ער פאַרשטייט העברעאיש זייער ווייניק. אויף מיין פאַרוווּנדערונג, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער איז ניט דער איינציקער ארץ־ישׂראל־ייד, וואָס קאָן ניט קיין העברעאיש. אַ סך, אַ סך פון זיי זיינען ניט בעסער פון אים. דאָס איז צוליב דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען ניט קיין געבוירענע דאָרט, נאָר געקומענע פון רוסלאַנד. און געקומען זיינען זיי אַהין, ניט ווי ציוניסטן צו בויען דאָס לאַנד, נאָר ווי אַנטלאָפענע פּריזיוּוניקעס. אַנשטאָט צו דינען דעם רוסישן צאַר, זיינען זיי געקומען קיין ארץ־ישׂראל. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין ספּעציעלע ליבע פאַרן לאַנד, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן זיי עס פאַרלאָזן. די, וועלכע זיינען פון דאָרט געקומען אַהער, קיין דרום־אַפריקע, האָבן אויסגעפונען, אַז דאָ איז ארץ־ישׂראל זייער באַליבט און טייער. האָבן זיי באַשלאָסן אָנצוהאַלטן דעם נאָמען פון ארץ־ישׂראל, ווי דאָס לאַנד פון וואַנען זיי שטאַמען...

מר. יאַנושעווסקי האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געקומען מיט איבער פופציק יאָר צוריק קיין ארץ־ישׂראל, ווי אַן אַנטלאָפענער פּריזיוּוניק פון רוסלאַנד. ער האָט געאַרבעט אין די ווייַנגאַרטנער פון באַראָן ראָטשילד „הנדיב הידוע", ער איז אויך געווען אַ בוי־אַרבעטער אין די שטעט. פון ארץ־ישׂראל איז ער אַוועק קיין מצרים, און ניט געפינענדיק דאָרט קיין פּרנסה, האָט ער פאַרלאָזן מצרים, און אַ שיף האָט אים געבראַכט קיין בייראַ. פון דאָרט איז ער געקומען קיין ראָדעזיע.

אין אומטאַלי האָט ער געפונען אַ יידן פון ארץ־ישׂראל — אַ באַן־אַרבעטער. מר. יאַנושעווסקי האָט ניט געקראָגן קיין אַרבעט אין אומטאַלי און ער איז אַוועק קיין סאָלסבורי.

אין סאָלסבורי האָט ער געפונען „אַ סך מאַלאַריאַ און ווייניק יידן". האָט ער זיך פאַרדונגען פאַר אַ בוי־אַרבעטער. איז ער אָבער קראַנק געוואָרן און אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל אַ לאַנגע צייט.

אין שפּיטאָל האָט מר. יאַנושעווסקי זיך אויסגעלערנט אַ ביסל ענגליש און ער האָט זיך אויך אויסגעלערנט צו שפּילן קאָרטן.

אַרויסגייענדיק פון שפּיטאָל, האָט ער זיך געפילט אַ נייער מענטש. די ענגלישע געזעלשאַפט מיט איר שפּראַך זיינען אים געווען ניט פרעמד. אין די אָוונטן פלעגט ער זיך פילן היימיש צווישן די קאָרטן־שפּילערס.

מיט פופציק יאָר צוריק איז ראָדעזיע געווען א ווילדע מדינה. זייער ווייניק ווייסע מענטשן האָבן זיך דאָרט געפונען. צווישן דער דאָזיקער שיטערער ווייסער באפעלקערונג זיינען אויך געווען צענדליקער יידן צעזייטע און צע־שפרייטע איבערן לאַנד. די דאָזיקע יידן זיינען געווען דאָס רוב הענדלער און קרעמערס.

אַ דאָרפישער יידישער קרעמער האָט איינגעלאַדן מר. יאַנושעווסקין צו זיך אין דאָרף אויסצובויען פאר אים אַ הויז און אַ קראָם. האָט געטראָפן, אז דאַן, ווען יאַנושעווסקי האָט פארענדיקט בויען דעם בנין, איז דעם קרעמערס ווייב געלעגן געוואָרן, און דער קרעמער האָט אים געבעטן בלייבן מיט אים און העלפן אים אין קראָם ביז זיין פרוי וועט אויפשטיין פון קימפעט.

מר. יאַנושעווסקי איז געבליבן אין דאָרף. דער קרעמער האָט גיך אויסגעפונען, אז יאַנושעווסקי טויג זיך אויס צו „ביזנעס“. האָט ער אים גענומען איינריידן צו בלייבן מיט אים און ארומפאָרן פעדלען אין די דערפער צווישן די שוואַרצע.

יאַנושעווסקי האָט אין אָנהויב מורא געהאַט דאָס אָנצונעמען; ער האָט זיך געשראָקן פאַר ווילדע חיות און ווילדע מענטשן. דער געדאַנק, אז ער קען אין די וויסטע בוש־פעלדער אומקומען און ניט געבראַכט ווערן צו קבר־ישראל אפילו, — האָט אים זייער געשראָקן. אָבער ער האָט ביסלעכווייז אָנ־געהייבן ארומפאָרן, פריער אין די נאָענטע, שפּעטער — אין די ווייטערע אפרי־קער־דערפער, און ער האָט זיך מיט דער צייט צוגעוווינט צו דער פרנסה פון פעדלעריי.

זיין בעל־הבית איז געווען פון אים צופרידן.

ווען ער האָט באַשלאָסן אוועקצוגיין פאַר־זיך, איז אים געווען זייער שווער צו קריגן א „לייסענס“[1]) פאר זיין אייגענעם געשעפט. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געשפּילט קאָרטן מיט די אדמיניסטראַציע־באַאַמטע, האָט ער דורך זייער פּראָטעקציע געקראָגן די „לייסענס“.

דער דאָזיקער פאַקט האָט בארויִקט זיין געוויסן, וואָס פלעגט אים אָפט פּלאָגן, פארוואָס ער איז געוואָרן א קאָרטן־שפּילער. ער האָט באַמערקט, אז שפּילן אין קאָרטן, וואָס איז אזויפיל פארמיאוסט ביי יידן, איז גאָרניט אזוי שלעכט, — אדרבה, דאָס קען אמאָל ארויסהעלפן אין אַן עת צרה.

אָבער די דאָזיקע אילוזיע האָט ניט לאַנג געדויערט. גאָר אין גיכן האָט ער אויסגעפונען, אז קאָרטן איז טאַקע אַ שפּיל פארן טייוול.

עס איז אזוי געשען:

מר. יאַנושעווסקי האָט גענומען אַ גרויסן טייל פון זיין סחורה אויף באָרג. אַ פּאָר טעג פארן טערמין אָפּצוצאָלן דעם ערשטן חוב, האָט ער געשפּילט אין קאָרטן און האָט פאַרלאָרן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט אויפגעקליבן צו באַ־צאָלן דעם חוב. יענע נאַכט און אויף מאָרגן איז ער שיעור ניט פון זינען אראָפּ פון גרויס פאַרדרוס. אָבער עס איז אים געשען א נס:

[1]) אַ דערלויבעניש צו האַנדלען.

די לעצטע נאַכט פאַרן אָפּצאָל־טערמין האָט ער ווידער געשפּילט אין קאָרטן, און דאָס מאָל האָט ער אָפּגעוווּנען זיין געלט און א ביסל א צולייג.

אויפצומאָרגנס האָט מר. יאַנושעווסקי אָפּגעצאָלט זיין חוב, און פאַר דעם געלט, וואָס עס איז אים געבליבן פון זיין געווינס האָט ער געקויפט א שיינעם טלית, און — ער האָט זיך א נדר געגעבן קיינמאָל ניט צו שפּילן אין קאָרטן.

א סך יאָרן זיינען שוין אוועק זינט ער האָט גענומען אויף זיך דעמדאָזיקן נדר. ער האָט פון דעמאָלט אָן דורכגעמאַכט א סך עטאַפּן אין זיין לעבן; ער איז דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע צייטן: גוטע און שלעכטע, שטורמישע און רואיקע.

ער האָט פאַרקערט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און ער האָט זיך גע־טראָפן מיט אַלערליי סאָרטן מענטשן.

עס זיינען געווען פאַלן אין זיין לעבן, ווען ער האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון געוויסע פּרינציפּן און איבערצייגונגען, אָבער דעם נדר ניט צו שפּילן אין קאָרטן — האָט ער ניט געבראָכן.

יעדן מאָל, ווען ער האָט געזען דעם טלית, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם נדר. און מר. יאַנושעווסקי איז פון דעם זייער צופרידן.

ער פילט זיך גליקלעך; און ער ראַט אַלעמען אים נאָכצוטאָן.

אין האָטעל האַלט מען אים טאַקע פאַר אַ האַלבן צדיק, אַ האַלבן רב, כאָטש ער האָט צו די ביידע זאַכן קיין שייכות ניט. ער איז בלויז אן ארץ־ישראל־ייד.

זיין אייגענע דאגה

אַנומלט בין איך געזעסן אויף אַ באַנק אין „דזשובבער פּאַרק“ און געלייענט אַ צייטונג. צו מיר האָט זיך צוגעזעצט אַן אַלטער מאַן. די העברעאישע אותיות פון צייטונג האָבן אים צוגעצויגן. צורוקנדיק זיך נאָענטער צו מיר, האָט ער אויסגעפונען, אז דאָס איז אַ צייטונג פון ישראל. ער איז געווען זייער נייגעריק צו וויסן, וואָס עס שרייבט א ישראל־צייטונג. האָב איך אים געמוזט דערקלערן דעם אינהאַלט. די נייס־אָפּטיילונג אליין האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געוועלט וויסן אַלץ, אפילו וועגן די אָפּטיילונגען פון ספּאָרט און טעאַטער.

ער האָט אָנגעהייבן ריידן און מיר דערציילן, אז ער איז לעצטנס זייער באַאומרואיקט וועגן דער לאַגע אין ישראל. ער שלאָפט פשוט ניט קיין נעכט. און ניט נאָר ער אליין איז באַאומרואיקט, נאָר אַ סך מושב־זקנים׳ניקעס זיינען זייער באזאָרגט, און הערן ניט אויף ריידן וועגן ישראל.

זאָג איך צו אים: „רב ייד, טרייבט ניט איבער. איך בין זיכער, אז איר האָט מן הסתם אויך אנדערע דאגות אחוץ די דאגות וועגן ישראל“.

לאַכט ער זיך פונאַנדער: ער איז ניט קיין בעל־דאגות. זיין גאַנץ לעבן בכלל איז געווען פריי פון דאגות. לויט זיין מיינונג, זיינען דאגות באשאַפן געוואָרן פאר נאַראָנים און קראַנקע מענטשן.

ווייל, כדומה למשל, וואָס איז דאָ צו דאגהען? אז מען איז געזונט, מען האָט א דאַך איבערן קאָפּ און וואָס אָפּצועסן — איז דאָך ניט שייך? וואָס נאָך וויל מען?

ווען ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער אָפּגערעדט מיט זיין ווייב צו לעבן אַ זאָרגלאָז לעבן. קודם כל דאַרפן זיי זיך היטן פון רייכקייט, ווייל „מרבה נכסים מרבה דאגה“, אז מען האָט א סך „פּראָפּערטיס“, האָט מען א סך דאגות. איז צו וואָס דאַרף מען דאָס?

ער האָט אויך אָפּגערעדט מיט זיין ווייב, ניט צו טראַכטן וועגן א גרויס הויז מיט א סך צימערן, ווייל עס איז פשוט אן אומזין צו פארנעמען א הויז פון זעקס, אָדער אכט צימערן, און אליין נוצן בלויז צוויי־דריי. מען האַלט תמיד אויסגעפּוצטע ליידיקע צימערן, ווייל טאָמער וועלן קומען געסט!

דריטנס, האָט ער אָפּגעמאַכט מיט זיין ווייב ניט צו גיין באזוכן קיין באַ־קאַנטע, ניט צו גיין אויף קיין „פּאַרטיס“ און ניט צו פּראַוועען ביי זיך קיין „פּאַרטיס“, ווייל אָט־די אלע נאַרישע „פּאַרטיס“ און אויפנאַמעס זיינען פאר־בונדן מיט א סך הוצאות און מיט א סך קאָפּ־ווייטאָג.

ער האָט אפילו קיין אויטאָ ניט געקויפט. ווייל ערשטנס, אז מען האָט אַן אויטאָ, איז מען שטענדיק אין געפאַר פון אַן אומגליק־פאַל: אָדער דאָס

קומט פון זיין זייט, אָדער אנדערע זיינען אין דעם שולדיק. דאָס הייסט, אז מען האָט אַן אויטאָ, איז מען פשוט עלול יעדן טאָג צו ווערן אַ בר־מינן, אָדער אַ רוצח, אַ קאַליקע, אָדער מאַכן יענעם פאַר אַ קאַליקע. און דערצו נאָך איז דאָס אַ מעשה מיט אַ גאַראַזש און פאַרשיידענע הוצאות.

פרעגט זיך: צו וואָס דאַרף מען דאָס? איז ניט בעסער, אז מען האָט ניט קיין אויטאָ?

זיין גאַנץ לעבן איז ער געפאָרן אין אַ באַן, אין אַן אויטאָבוס, אָדער מיט אַ טראַמוואַי. עס האָט אים, ברוך השם, קיינמאָל ניט געטראָפן קיין אומגליקפאַל, און ער האָט קיינמאָל ניט געהאט קיינע פאַרדרייענישן מיט זיינע נסיעות. יאָ, אַיִן זאַך האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט בעת זיינע רייזעס — די האָטעלן. האָטעלן האָבן אויסגעטראַכט משוגעים. האָט ווער עס איז ווען געהערט, אז פאַר איבערשלאָפן אַ נאַכט מיט אַ ביסל קאַשע און קאַווע זאָל מען דאַרפן באַצאָלן אַ פּרייז, וואָס דער קאָפּ פאַרדרייט זיך...

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז זיין ווייב געשטאָרבן. נו, איז ער אוועק אין מושב־זקנים. ער וואָלט ניט בייטן דעם מושב־זקנים אויף די בעסטע האָטעלן אין לאַנד. ער קריגט דאָרטן עסן און טרינקען פון דעם שענסטן און בעסטן. ער האָט אַ גוטן געלעגער אויך, און ער לעבט דאָרט אַ רואיק און גליקלעך לעבן. ער האָט ניט קיינע דאגות. אַלץ איז פאַר אים אָנגעגרייט — אפילו דאָקטוירים און רפואות. און דאָס אַלץ קריגט ער בחינם, אָן אַ פּעני־געלט.

זיינע קינדער קומען אַמאָל אים געוויר ווערן. זיי האָבן טענות צו אים, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט איינגעשאַפט אייניקע „פּראָפּערטיס". בכלל, זאָגן זיי, איז עס פשוט אומגלויבלעך, אז אַ מענטש האָט אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן אין אַמעריקע, און פאַרמאָגט קיין זאַך ניט איבערצולאָזן פאַר זיינע קינדער. יאָ, אזוי טענה'ן זיי. אָבער אים אַרן ניט זייערע טענות.

ווען ער וואָלט יאָ געהאַט אייניקע „פּראָפּערטיס" זיי איבערצולאָזן, וואָלטן זיינע יורשים סיי ווי געווען ניט צופרידן; עס וואָלט זיי געווען צו־ווייניק. נו, זאָגט ער, איז ניט בעסער אנשטאָט צו לאָזן זיינע יורשים אַ קליינעם פאַרמעגן, וואָס וועט זיי ניט צופרידנשטעלן, בעסער צו לאָזן זיי די גאַנצע וועלט... זיי דאַרף ניט זיין בעסער פון אים. זיין טאַטע האָט אים אויך איבערגעלאָזט די גאַנצע וועלט...

יאָ, איז וואָס איז שייך אים גופא, האָט ער קיינע דאגות ניט, און וואָלט געקענט אזוי לעבן מתושלח'ס יאָרן.

איז איצט געקומען דער ענין מדינת ישראל און צעשטערט זיין מנוחה.

דעם אמת זאָגנדיק, טיף אין הארצן איז ער איבערצייגט, אז עס וועלן זיכער טרעפן גרויסע נסים, און ישראל וועט ניצול ווערן פון אַלע סכנות.

ער איז ניט קיין למדן. ער ווייסט ניט, וואָס די הייליקע ספרים זאָגן. ער געדענקט אָבער חומש; און אין חומש שטייט געשריבן, אז אברהם אבינו, דער איינציקער ייד אין יענער צייט, האָט מלחמה געהאַלטן מיט פיר גרויסע מלכים. אברהם האָט געהאַט מער ניט, ווי דריי הונדערט און אכצן סאָלדאַטן, און די פיר מלכים האָבן געהאַט גרויסע ארמייען; און ניט קוקנדיק אויף דעם האָט אברהם

זיי צעשלאָגן און זיי פאַרטריבן פון ארץ ישראל... און וואָס איז געווען אין דער צייט פון די חשמונאים? די זעלבע מעשה: א קליינע צאָל יידן האָבן פאַר־טריבן גריכישע פילצאָליקע ארמייען.

מען זאָגט, אז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן די ארץ ישראל־יידן אין זייער מלחמה מיט די זיבן אַראַבישע אומות אויך באוויזן גרויסע נסים ונפלאות.

דעריבער איז ער זיכער אין ווייטערדיקע נסים.

דאָך, ווען ער לייענט אין די צייטונגען, ווי פון אלע זייטן באפאלן אלע, ווי ווילדע חיות, דאָס קליינע מלוכהלע ישראל, גייט אים דורך א סקרוך אין זיינע ביינער, און ער הייבט אָן זאָרגן פארן גורל פון ישראל. ווער ווייסט, צי די נסים וועלן ניט קומען צו שפעט?

אַן אומרואיקער איז ער אויפגעשטאַנען פון באַנק און איז אוועק אין די אַלייען פון „דזשובער פאַרק". איך האָב אַ לאַנגע צייט געטראַכט וועגן דעם כוח פון ארץ ישראל צו מאַכן פון אַזאַ זאָרגלאָזן אַלטן — אַ מאַן פול מיט דאגות און זאָרג.

איך האָב אויך געטראַכט וועגן די אלטע לייט אין מושב זקנים, וועלכע ליידן לעצטנס פון שלאָפלאָזיקייט — ווי ער דערציילט — צוליב די געשעענישן אין מדינת ישראל...

דער שמש

מר. טריוואַקס, דער שול־שמש, האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלעבט אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס און חלומות. אין דער וואָלאָזשינער ישיבה האָט ער פארנומען א חשובן אָרט ווי א חריף און בקי, און אויך אלס אַ העברעאיש־רוסישער משכיל. אלע ישיבה־לייט האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. זיי זיינען געווען זיכער, אז ער וועט אויסוואַקסן א גדול בישראל.

מר. טריוואקס האָט טאַקע אין יענע יאָרן, אין וואָלאָזשין, געחלומט וועגן אַ גלענצנדיקער צוקונפט — אַ צוקונפט פון כבוד און גדולה. ער האָט בלויז ניט געקענט זיך קלאָר מאַכן גענוי: אין וואָס עס וועט באשטיין זיין כבוד און גדולה, צי אין דער פאָרם פון וועלטלעכער רבנות, אָדער אין אַן אַנדער פאָרם פון געזעלשאַפטלעכער מנהיגות.

דידאָזיקע חלומות וועגן כבוד און גדולה האָבן אָבער ניט ארויסגערופן ביי אים קיין געפיל פון גאווה, פון גרויסהאַלטונג לגבי די ישיבה־לייט. ער האָט זיך געהאַלטן אזוי, ווי איינער פון זיי; ער האָט זיך געחברט מיט קליין און מיט גרויס. דעריבער האָט ער געוווּנען דעם צוטרוי און די ליבשאַפט פון אלעמען.

פאַר אזעלכן האָב איך אים געקאָנט פון וואָלאָזשין.

אַ סך יאָרן זיינען אוועק, — יאָרן פון מלחמות, יאָרן פון וועלט־איבערקער־רענישן. ימען בלוט און ימען טרערן האָבן פאַרפלייצט די יידישע וועלט און אָפּגעווישט יידן און יידישקייט פון גאַנצע לענדער. וואָלאָזשינער ישיבה מיט אירע ישיבה־לייט זיינען פארשוווּנדן געוואָרן. בלויז זכרונות זיינען פון זיי געבליבן.

אין מיין זכרון איז צווישן אנדערע אויך געבליבן די געשטאַלט פון מר. טריוואַקס, און אָפט פלעג איך טראַכטן וועגן אים און געוואָלט וויסן, וואָס איז מיט אים געשען נאָך דעם, ווי ער האָט פארלאָזן וואָלאָזשין.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן דריי מאָל צו וואַנדערן איבער גאַנץ דרום־אפריקע, איבער אלע יידישע קהלות. אין דער צייט פון איינער פון די דאָזיקע וואַנדערונגען האָב איך פלוצלונג זיך באַגעגנט מיט אים.

איך בין געווען דערשטוינט צו הערן פון אים, אז אין דרום־אפריקע איז ער בלויז א שמש אין א שול...

ער האָט באַמערקט מיין גרויסע פארוווּנדערונג, און ער האָט מיך פארבעטן צו זיך אין הויז, וווּ ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינע לעבנס־גילגולים, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט זינט וואָלאָזשין ביז זיין קומען קיין דרום־אפריקע.

פאַרענדיקנדיק זיין לעבנסגעשיכטע, האָט ער געגעבן מיר א לעקציע וועגן זיין איצטיקער פראָפעסיע, — די פראָפעסיע פון אַ שול־שמש. ער האָט אָנ־געהייבן בזה הלשון:

די פונקציעס פון אַ שול־שמש אין דרום־אפריקע, זיינען אינגאַנצן אנדערע, ווי פון א שול־שמש אין מזרח־אייראָפּע. דאָרט איז זיין ארבעט געווען באַגרע־

נעצט בלויז אין די ראַמען פון שול־באַלעבאַטישקייט, צו האַלטן די שול־מעבל אין אָרדנונג, צינדן ליכט און לאָמפּן, אויסטיילן סידורים און טליתים א.א.וו.

דאָ, אין דרום־אפריקע, זיינען די ראַמען פון זיין ארבעט א סך ברייטער, און די פונקציעס פון אַ שול־שמש זיינען א סך גרעסער; און וואָס איז שייך צו זיינע פאַרדינסטן, איז קיין דמיון און גאָר קיין פאַרגלייך ניט צו די פאַרדינסטן פון אַ שול־שמש אין דער אַלטער היים.

דאָרט איז אַ שמש פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ לעבן פון דחקות און נויט.

דאָ אָבער איז אינגאַנצן אנדערש.

אַ שמש אין דרום־אפריקע איז אין דער בחינה פון אַ פּאַרוואַלטער פון אַ גאַנץ רייכן קאָנצערן. די צווייגן פון זיין פרנסה זיינען פאַרשיידן. איבער־הויפּט איין צווייג פון פרנסה, וואָס האָט ביי יידן כמעט קיינמאָל ניט עקסיסטירט, איז מאָנאָפּאָליזירט פון שמש.

האָט איר ווען עס איז באַגעגנט אַ יידן, וואָס האַנדלט מיט בלומען? דאַכט זיך, אז קיינער ניט.

יידן און בלומען זיינען געווען צוויי באזונדערע וועלטן. אין די גוישע גאַסן זיינען געווען סעדער, גערטנער, ביימער און בלומען; אין די יידישע גאַסן האָט מען זעלטן געזען אַ בוים, אַ גרעזעלע, בלומען — קיינמאָל ניט. אין די רייכע הייזער האָט מען יאָ געזען בלומען. אָבער דידאָזיקע בלומען זיינען געווען קינסטלעכע, טויטע און טרוקענע.

דאָ אין דרום־אפריקע, איז אַ שול־שמש אַ בלומען־הענדלער. ער פאַר־קויפט בלומען צו יעדער חתונה אין שול...

ביי די אומות העולם איז א מנהג צו דעקאָרירן די קירך מיט בלומען לכבוד חתונות. טוען די יידן זיי נאָך. ביי די אומות העולם אָבער טוען דאָס בלויז די פריינד פון דער כלה. די קירך־באַאַמטע האָבן צו דעם קיין שייכות ניט. ביי יידן דאָ דאַרף דאָס טאָן דער שמש.

ביי די אומות העולם איז דער מנהג, אז די כלה באשטימט דעם קאָליר פון די בלומען צו איר חופּה־טאָג אין קלויסטער: איינע ווילן רויטע בלומען, אנדערע ווילן ווייסע, אָדער בלאָע.

ביי יידן אָבער מישט זיך ניט די כלה אין אזעלכע זאַכן. זי פאַרלאָזט זיך אויפן געשמאַק פון שמש. און היות, ווי דער שמש האָט ניט שטודירט ניט קיין באָטאַניק, ניט קיין האָרטיקולטור און ניט קיין בלומען־קונסט, איז ער במילא פּטור פון אלע זיבן זאַכן, און ער נעמט אין א בלומען־געשעפט, וואָס עס מאַכט זיך.

ער באָרגט אַ געוויסע צאָל וואַזאָנעס, מיט וועלכע ער באַצירט דעם וועג, וואָס פירט די כלה צו דער בימה לעבן ארון קודש, ווו עס קומט פאָר די חופּה־צערעמאָניע. ער גרייט־צו בוקעטן בלומען פאַר דער „כלה׳ס פריינדין" און פאַר די „בלומען־מיידעלעך".

ער פאַרגעסט אויך ניט צוצוגרייטן אייניקע בלומען־קראַנצן, און די זעל־בע בלומען ווערן גענוצט פאַר אלע חופּות, וואָס קומען פאָר אין משך פון אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט.

און אזוי ווי יעדע חתונה באַצאָלט באַזונדער פאַר די בלומען, קלייבט זיך אָפּט אָן אין משך פון איין טאָג א היפּשע סומע געלט. און דער שמש, דער בלומען־הענדלער, האָט פון דעם אַ גאַר פיינע הכנסה, ווייל אין משך פון חודש קומען פאַר א שפּאַר ביסל חתונות.

עס טרעפט אָפּט, אז דאָ, אָדער דאָרטן געפינען זיך גבאים שלעכטע מענטשן, וועלכע פאַרגינען ניט דעם שמש אזא לייכטע פּרנסה, און זיי פאָדערן, אז די דאָזיקע הכנסה זאָל געהערן צו דער קהילה. אָבער זיי פירן גאָרניט אויס. אלע ווייסן, אז דאָס באַלאַנגט צום שמש.

נו, וועלכער שמש אין מזרח־אייראָפּע האָט געוווּסט פון אזא פּרנסה?

און דאָס איז ניט דער איינציקער נייער צווייג פון פּרנסה, וואָס געהערט צו אַ שמש אין דרום־אפריקע.

אָט נעמט, למשל, „קדיש־יתום". דאָס איז אויך געוואָרן א וויכטיקער צווייג פון פּרנסה פאַרן שול־שמש.

אין דער אלטער היים פלעגט מען אמאָל הערן דערמאָנען דעם אויסדרוק „אַ געדונגענער קדיש". אָבער דאָס פלעגט געזאָגט ווערן אגב אורחהדיק. קיי־נער האָט דאָס ניט גענומען ערנסט, ווייל, דעם אמת־זאָגנדיק, האָט קיינער ניט געזען, ווי „אַ געדונגענער קדיש" זעט אויס. אזא זאַך פלעגט טרעפן זייער זעלטן, ניין און ניינציק פּראָצענט פון די יידישע עלטערן פלעגן נאָך זיך לאָזן קינדער קדיש־זאָגערס.

דאָ, אין דרום־אפריקע, האָבן די קינדער קיין צייט ניט פאַר טאַטע־מאַמע, — ניט ביים לעבן, און א פּשיטא שוין נאָך זייער טויט. אָבער כדי צו זיין אינ־גאַנצן אין אָרדנונג מיט זייער געוויסן לגבי זייערע עלטערן, — דינגען זיי אַ קדיש־זאָגער.

פאַרשטייט זיך, אז דער שול־שמש איז דער ערשטער צו קריגן די עובדה. אזוי ארום קען דער זעלבער שמש זאָגן קדיש נאָך צענדליקער מתים; און פאַרן זעלבן קדיש קריגט ער באַצאָלט פון אַלעמען... ארום און ארום איז דאָס אַ נשקשהדיקער קוואַל פון פּרנסה.

דאָס זעלבע איז אויך מיט הזכרת נשמות. וואָס איז שייך! א ליסטע נעמען פון מתים צו הזכרת נשמות ברענגט אריין אַ גאַר פיינע סומע.

הכלל, צו זיין אַ שול־שמש אין דרום־אפריקע איז לגמרי נישט פון די שלעכטע פּראָפעסיעס.

מר. טריוואַקס שעמט זיך ניט מיט דעם, וואָס פון אלע זיינע פאַנטאַסטישע חלומות, וואָס ער האָט געחלומט אין וואָלאָזשין וועגן זיין צוקונפט, האָט זיך אויסגעלאָזן א בוידעם. ער איז ניט קיין וועלטלעכער רב און ניט קיין מנהיג ביי יידן.

ער האַלט אָבער, אז שמשות אין דרום־אפריקע שטייט אַ סך העכער אין מדרגה, ווי רבנות און פירערשאַפט. דאָ אין אפריקע פאַרנעמט א קאָנצעסיאָנער א גרויסן אָרט. רבנים און כלל־טוערס בוקן זיך צו זיי. מר. טריוואַקס האַלט, אז שמשות איז אַ מין קאָנצעסיע, און ער איז אַ „קאָנצעסיאָנער"...

דער „בעל־צדקה״

זיין נאָמען איז זונדל סערקיס. ער שטאַמט פון אַ שטעטל אין ליטע. זיין פאָטער איז געווען אַ סוחר און דערצו אַ למדן. האָט זיין פאָטער געוואָלט מאַכן פון אים אויך אַ למדן און האָט אים געשיקט אין די ליטווישע ישיבות לערנען.

זונדל האָט געלערנט אין די ישיבות ביז וואַנען איינער פון זיינע חברים אין אַ ישיבה האָט אים אראָפּגעפירט פון דרך הישר און האָט אים איבערגערעדט צו פאַרלאָזן די ישיבה, און נעמען זיך צו השכלה.

איז זונדל געקומען קיין ווילנע און אָפּגעגעבן זיך דאָרטן מיט השכלה, גע־לערנט שפּראַכן, און געלייענט העברעאישע השכלה־ביכער. ער פלעגט באזוכן רעפעראַטן און טעאַטער, זיצן אין שטראַשונס ביבליאָטעק און לייענען די העב־רעאישע צייטונגען און זשורנאַלן, ביז ער האָט אין זיך דערשפּירט, אז ער איז אַ משכיל.

ביי זיך אין שטעטל האָט ער שוין ניט געהאַט וואָס צו טאָן. זיינע עלטערן זיינען ניט געווען צופרידן, ניט מיט זיין משונהדיקער קליידונג, און ניט מיט זיינע משונהדיקע געדאַנקען. ער פלעגט אָפּלאַכן פון יידישן גלויבן און מנהגים.

די צייט איז דעמאָלט געווען אין רוסלאַנד זייער אַן אומרואיקע.

פּאָליצייאישער טעראָר האָט געווילדעוועט אין יידישן תחום המושב. יע־דער ייד איז געווען אין געפאַר אריינצופאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, ווי אַ רעוואָלוציאָנער.

האָט זונדל, מיט זיין פעלערינע, לאַנגע האָר, מיט אַ הוט, פענסנע און גע־טאָקטן שטעקל, דערוועקט אַ חשד ביי דער שטעטלדיקער פּאָליציי, אז ער איז איינער פון יענע געפערלעכע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ווילן „איבערקערן״ רוסלאַנד.

זיינען פּאָליציי־לייט געקומען צו אים אין שטוב און גענומען אים אויפן פאַרהער. זונדל האָט זיך געהאַלטן חוצפּהדיק אַנטקעגן זיי. האָבן זיי געוועלט אים גלייך ארעסטירן. עס האָט געקאָסט געלט און מי אָפּצוראַטעווען אים פון זייערע הענט. נאָר אין שטעטל האָט ער שוין מער ניט געקענט פאַרבלייבן, און זיין פאָטער האָט אים אוועקגעשיקט קיין דרום־אפריקע.

* * *

אין דרום־אפריקע האָט זונדל סערקיס געפונען אַ נייע וועלט, נייע מענטשן, נייע מנהגים און אַ נייע שפּראַך. אַלץ איז אים געווען פרעמד.

אין די ערשטע טעג האָט ער אין קייפּטאון באמערקט, אז עס זעען זיך ניט אין די גאַסן די גרופּעס ליידיק־גייערס, וועלכע ער פלעגט זען אין ווילנע. ער

האָט אויך באמערקט, אז קיינער גייט ניט אין גאַס מיט א שטעקל אין האַנט. ער האָט געזען, ווי אלע מענטשן גייען געשווינד, איילן זיך, זיינען פארנומען.

האָט ער אָנגעהייבן פארשטיין, אז ער וועט זיך מוזן צופּאַסן צום דאָזיקן דינאַמישן לעבן. אָבער ווי אזוי זאָל ער זיך אריינפּאַסן אינעם דאָזיקן נייעם לעבן? קיין פּראָפעסיע, קיין מלאכה האָט ער ניט געהאַט, און ניט געקענט. די שפּראַכן האָט ער אויך ניט געקאָנט.

דערצו האָט ער ניט געקענט פארגעסן, אז ער איז געווען אן אינטעליגענט, אַ משכיל.

דאָס האָט אים אָפּגעהאלטן פון אראָפּלאָזן זיך צום נידעריקן שטאַפּל, צו זיין גלייך מיט די געוויינלעכע יידישע אימיגראַנטן, אָנהייבן צו ארבעטן פאר קליינע שכירות, אָדער גיין פּעדלען איבער די הייזער.

* * *

איז ער געקומען קיין יאָהאַנעסבורג.

דאָ האָט ער זיך געטראָפן מיט איניקע יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך ארומגעדרייט, ווי שאָטנס אין די גאַסן, זוכנדיק אַ באשעפטיקונג. ענדלעך האָט זונדל באַקומען אַ שטעלע אויפן „ריף"[1] אין אַ געשעפט, ווו די קונדן זיינען געווען אַפריקער.

די וועלט איז פאַר אים פּלוצלונג געוואָרן שוואַרץ. ער האָט געהאַט צו טאָן כמעט אויסשליסלעך מיט האלב־נאַקעטע שוואַרצע מענטשן.

צווישן זיי האָט ער זיך געפונען פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט. עס האָט אים גענומען אַ לאַנגע צייט ביז די שוואַרצקייט האָט פארלוירן איר שאַרפ־קייט, און זי האָט אויפגעהערט אים וויי צו טאָן. נאָכדעם, ווי ער איז אָפּגעווען אַ געוויסע צייט אויפן „ריף", האָט ער געקראָגן די מעגלעכקייט איינצואָרדענען זיך אין יאָהאַנעסבורג.

ער האָט געאַרבעט אין אַ מעבל־געשעפט. די ענגליש־ריידנדיקע סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט אָנגעהייבן צוריק צו קריגן זיין פריערדיקן שטאָלץ, וועלכן ער האָט די ערשטע צייט גע־מוזט אונטערדריקן. ווידער האָט ער אָנגעהייבן מקפּיד זיין אויף זיין אויסער־לעכן אויסזען, און ווידער האָט ער גענומען זיך דערמאָנען וועגן זיין אינטעלי־גענץ, וועגן זיין אנדערשקייט.

האָט ער אָנגעהייבן באַזוכן ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, לעקציעס און פאַראַנשטאַלטונגען.

ער איז געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער יידישער געזעלשאַפט. זיין טעטיקייט־קרייז איז געווען אַ בעל־הבתיש־גבירישער, אין וועלכן ער האָט זיך געפילט היימיש און באקוועם.

אין דעמדאָזיקן קרייז האָט ער באַגעגנט די גבירישע טאָכטער נחמה שאַרפ־מאַן, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט.

---

[1] די געגנט ארום יאָהאַנעסבורג, ווו עס געפינען זיך טיף אין דער ערד די גאָלד־פעלדזן.

זיין שוועהר, מר. שארפמאַן, האָט געעפנט פאר אים אַ שיינעם געשעפט אין צענטער פון יאָהאַנעסבורג.

* * *

זונדל, איצט מר. סערקיס, האָט זיך זייער גוט אויסגעטויגט אין זיין געשעפט. מיטן גאַנצן לייב און לעבן איז ער אריין אין „ביזנעס", און, נאָך אייניקע יאָר פון פלייסיקער ארבעט, האָט ער זיך דערפילט שטאַרק און זיכער אין אלע הינזיכטן.

זיין פרוי האָט אים געבוירן צוויי שיינע קינדער. זיין היים האָט זיך געפונען אין אַ גבירישער געגנט, און ער האָט פארנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער געזעלשאַפט ווי אַ טוער און ווי אַ ציוניסט. בלויז איין חסרון האָט ער געהאַט, צוליב וועלכן די געזעלשאַפט האָט אים קריטיקירט. ער איז געווען אַ קאַרגער. פאר זיך און פאַר זיין פאַמיליע האָט ער ניט געקאַרגט. זיין שטוב איז געווען רייך מעבלירט און פול מכל טוב. נאָר פאר אנדערע איז ער געווען קאַרג.

ער פלעגט זיך אָפּט ארויסדרייען פון צדקה־געבן. ער פלעגט שטענדיק געפינען א תירוץ ניט צו געבן.

זיין אָפּזאָגן פלעגט ער מאָטיווירן מיט דעם, וואָס פון נאַטור איז ער א מפונק, אַ פיינשמעקער, און צדקה איז בכלל א זאַך, וואָס האָט צו טאָן מיט אָרעמקייט, דלות, קראַנקייטן, און מיט אַלץ, וואָס עס איז אים דערווידער.

א חוץ דעם איז צדקה געבן קעגן זיינע איבערצייגונגען. ער האַלט אז דער גאַנצער ענין פון „סאָציאלער הילף" דאַרף געטאָן ווערן דורך דער מלוכה, אָדער דורך דער מוניציפּאַליטעט.

מר. סערקיס האָט אויך ניט געהאַלטן פון גיין אין שול. אפילו אין די ימים נוראים פלעגט ער בלייבן זיצן אינדערהיים. קיינער האָט אים ניט געקענט איבעררײדן צו גיין אין שול כאָטש לפנים וועגן, יוצא צו זיין פאר מענטשן.

ער פלעגט זיך פאַרענטפערן מיט דעם, וואָס ער איז ניט קיין היפּאָקריט, קיין צבועק, ער גלייבט ניט אין דעם, און ער האַלט, אז די אַלע, וועלכע קומען יאָ אין שול, גלייבן אויך ניט אין דאַוונען. דעריבער שטויסט אים אָפּ דער גאַנצער ענין פון גיין אין שול. צוליב דעם איז ער קיינמאָל ניט געווען קיין מיטגליד פון א „קאָנגרעגיישאָן". קיינמאָל האָט ער זיך ניט באשטייערט פאר קהלשע ענינים.

פון ציוניזם האָט ער יאָ געהאַלטן. ער פלעגט קויפן א שקל און האַלטן ביי זיך אין שטוב און אין געשעפט אַ נאַציאָנאַל־פאָנד „באָקס". ער האָט אויך געהאַלטן פון דער נייער העברעאישער ליטעראטור. ער האָט זיך איינגעשאַפט עטלעכע צענדליק ביכער, צווישן זיי — אלץ, וואָס עס איז דערשינען פון דוד פרישמאַנען, וויל פון פרישמאַנען האָט ער געהאַלטן מער, ווי פון אלע שרייבער. פרישמאַן איז ביי מר. סערקיס'ן געווען דער סימבאָל פון פיינשמעקעריי...

* * *

אין דעם לעצטן צענדליק יאָר, זינט עס האָבן זיך אָנגעהייבן די גרויסע געלט־זאמלונגען פאַר ארץ־ישראל און פאַרן העברעאישן חינוך, האָט זיך מר.

סערקיס באַזייטיקט פון די ציוניסטישע און דערציאונג־טעטיקייטן אין יאָ־האַנעסבורג.

זיין נאָמען ווערט שוין אַ לאַנגע צייט ניט דערמאָנט אין דער יידישער פּרעסע.

מר. סערקיס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער יידישער עפנטלעכקייט. מענטשן האָבן אים שוין כמעט פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט א געשטאָרבענעם.

מר. סערקיס לעבט אין יאָהאַנעסבורג אַזוי, ווי פריער. ער האָט ניט גע־ביטן זיין הויז און ער האָט אויך ניט געביטן זיין לעבנשטייגער.

ער איז נאָך דער זעלביקער אפּיקורוס. זיין טיר האָט ניט קיין מזוזה. ער פייערט ניט פּסח, ניט ראש השנה און ניט יום כפור. פון צדקה־געבן האַלט ער נאָך אַלץ ניט. ער קריטיקירט אַלץ און אַלעמען.

פון מדינת ישראל און פון בן־גוריונען האַלט ער זייער שטאַרק. ער איז שוין אויך געפאָרן זען מיט זיינע אויגן דעם גרויסן וווּנדער פון קיבוץ־גלויות.

אָבער ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט מיט דער מיינונג, אז פאַר אים גופא און פאַר זיינע קינדער איז דרום־אפריקע אַ בעסער לאַנד, ווי מדינת ישראל.

ער איז געבליבן אַ „פיינשמעקער“...

דער ספּיריטואַליסט

לייזער קאַניושער שטאַמט פון א גרויסער שטאָט אין רוסלאַנד, וואָס איז געווען באַוווּסט מיט אירע גרויסע לומדים און משכּילים. לייזער גופא איז נישט געווען קיין למדן און נישט קיין משכּיל; ער איז אָבער געווען זייער אַ פרו־מער ייד.

ער איז געקומען קיין דרום־אפריקע גלייך נאָכן בורן־קריג. אין יענער צייט זיינען געקומען מאסן יידישע אימיגראַנטן, און עס איז זיי אָנגעקומען זייער שווער צו קריגן וועלכע עס איז באַשעפטיקונג. לייזער קאַניושער האָט געמוזט גלייך מיט אַלעמען דורכמאַכן אַלע שוועריקייטן, ביז ער האָט זיך א ביסל „אויס־געגרינט" און זיך צו עפּעס דערשלאָגן.

זיין גורל האָט אים פאַרוואָרפן אין דעם שטעטל ס., וואָס ליגט ווייט־אַוועק פון אייזנבאַן און פון דעם הויפּט־וועג. דאָס שטעטל ליגט צופוסנס פון אַ טונקל־גראָען באַרג, איינגעטונקט אין אַ שפע פון גרינס און ביימער.

צווישן דער בורישער באַפעלקערונג פון דעמדאָזיקן שטעטל, האָט לייזער קאַניושער אויפגעפלאָכטן זיין נעסט אין געדיכטן שאָטן פון אַ בוים, און גלייך אַריבערגעבראַכט זיין פרוי שפרה מיטן דריי־יאָריקן זונעלע ברוך.

שפרה איז געווען זייער פרום. זי האָט די ערשטע צייט שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס איר מאַן האַלט אָפן זיין געשעפט אום־שבת. אין משך פון דריי יאָר האָט זי געקאָכט בלויז מילכיקע מאכלים, ווייל זי האָט נישט געקענט קריגן קיין כשר פלייש. נאָכדעם האָט זי אויסגעפונען, אַז איר מאַן און קינד זעען אויס בלאַס, אַן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. האָט זי זיך דערשראָקן און האָט אָנגעהייבן קאָכן טריפה פלייש. זי פלעגט אָבער פריער כשרן דאָס פלייש; און ביים ווייקן און זאַלצן דאָס טריפה פלייש פלעגט זי מתפּלל זיין צו גאָט, אַז ער זאָל איר נישט שטראָפן פאַר אירע זינד...

רואיק און שטיל זיינען געפלאָסן די טעג אין שטעטעלע ס.

לייזער קאַניושער האָט געהאַט א געשעפט פון אַלערליי מינים סחורות. ער איז געווען געאַכט ביי דער באַפעלקערונג, און ער איז געווען צופרידן מיט זיינע פאַרדינסטן. ער און זיין פרוי זיינען אָבער געווען אומרואיק וועגן דעם גורל פון זייער זון ברוך.

זייער הויז איז געווען אין שכנות מיטן קלויסטער. ברוך פלעגט זען, ווי די בורן מיט זייערע פרויען און קינדער גייען אין קלויסטער אַריין; פלעגט ער אויך וועלן, אַז מען זאָל מיט אים גיין אַהין.

ברוך האָט ביי זיינע יידישע עלטערן געזען זייער ווייניק יידישקייט. בלויז פרייטאָג־צו־נאַכט פלעגט ער פילן, אַז עס איז אַ ביסל אַנדערש. די מאַמע האָט

געבענטשט שבת־ליכט, דער פֿאָטער האָט געמאַכט קידוש איבער שבת־חלות. אָבער ברוך האָט געפֿילט דעם אומעט און שטילן טרויער, וואָס האָבן באַגלייט דעם שבתדיקן קידוש און דאָס בענטשן איבער אַ טריפֿה׳נעם טיש... עס האָט געפֿעלט אין שטוב די נשמה יתירה, די קדושה פֿון שבת.

די פֿאַרבייגייענדיקע אויסגעפּוצטע משפּחות פֿון מתפּללים, וואָס פֿלעגן זיך ציען צום קלויסטער און דאָס געזאַנג פֿון די שטאַרקע מענער־און־פֿרויען־שטימען — באַגלייט דורך דעם אָרגל, וואָס האָט אָנגעפֿילט די לופֿט פֿון שטעטל, — האָבן געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק אויפֿן יונגן איינציקן יידישן קינד אין דעם קריסטלעכן ים. דאָס איז פֿאַר אים געווען אַ נייע איבערלעבונג. האָט ער אָפֿט געפֿאָדערט פֿון זיינע עלטערן, אַז מען זאָל אים אויך נעמען אין קלויס־טער אריין.

אזוי זיינען פֿאַרביי יאָרן.

ברוך האָט באַזוכט די שטעטלדיקע שולע און האָט דאָרט געקראָגן אַ סך חברים. ער האָט פֿלייסיק געלערנט. זיינע לערן־ביכער און זיינע לערער האָבן אים דערציילט אַ סך מעשהלעך וועגן דער קריסטלעכער רעליגיע און וועגן אירע הייליקע. אייניקע פֿון זיי האָבן אים באַגייסטערט מיט זייער אינהאַלט און מיט זייער פֿאָעטישער שיינקייט.

די ערשטע צייט פֿלעגט ברוך פּרובירן איבערדערציילן די מעשהלעך אין שטוב פֿאַר זיינע עלטערן. אָבער ווען ער האָט אויסגעפֿונען, אַז זיינע מעשהלעך רופֿן ארויס טרערן ביי זיינע עלטערן, זיי ווילן נישט הערן — האָט ער אויפֿ־געהערט זיי צו דערציילן. ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיך...

מר. און מרס. קאַניושער האָבן מיט טיפֿער זאָרג צוגעזען, ווי יעדן זונטאָג — בשעתן גאָטעס־דינסט אין קלויסטער — פֿלעגט ברוך זיצן אויף דער ווע־ראַנדע אין טיפֿן ערנסט און זיך צוהערן צום געזאַנג, וואָס קומט פֿון קלויסטער.

* * *

דריי יאָר איז נישט געפֿאַלן קיין רעגן אין דער געגנט פֿון שטעטל ס. דאָס לאַנד איז געפּלאָגט געוואָרן פֿון אַ גרויסער טריקעניש. די פֿעלדער און לאָנקעס זיינען געלעגן פֿאַרטריקנטע און פֿאַרדאַרטע. די בהמות זיינען געפֿאַלן מאַסנ־ווייז פֿון הונגער און פֿון דאָרשט. די בורישע באַפֿעלקערונג פֿון דער גאַנצער געגנט איז זייער שטאַרק פֿאַראָרעמט געוואָרן.

לייזער קאַניושער האָט געהאַט זיין גאַנצע סחורה אוועקגעגעבן די פֿאַר־אָרעמטע בורן אויף קרעדיט; און אזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפֿן אַנדערע סחורה, האָט ער געמוזט שליסן זיין לײדיקן געשעפֿט.

די פֿאַמיליע קאַניושער איז אוועק קיין יאָהאַנעסבורג.

כמעט אינגאַנצן אָן מיטלען איז די פֿאַמיליע קאַניושער געקומען קיין יאָהאַנעסבורג.

אין דער גרויסער שטאָט האָבן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט זייערע מעבל און אַ קיעלע. אין איינער פֿון די אָרעמע פֿאָרשטעט האָבן זיי געדונגען אַן אָרעמע דירה, און לייזער קאַניושער האָט געמוזט אָנהייבן צוריק פֿון אָנהויב. ער האָט געקראָגן אַ שטעלע, פֿון וועלכער ער האָט קוים געקענט מפֿרנס זיין די פֿאַמיליע.

שפרה האָט מקבל באהבה געווען דאָס נייע לעבן אין דחקות. זי האָט אפילו געטרייסט לייזערן. לויט איר מיינונג איז דאָס געווען באַשערט פון גאָט, אַז זיי זאָלן אוועק פון שטעטל ס., כדי אָפּצוראַטעווען זייער ברוך׳ן און כדי צו ברענגען אים צווישן יידן. זי איז געווען זיכער אין דעם, אַז ווען ברוך וואָלט פאַרבליבן אין שטעטל צווישן די בורן, וואָלט דער סוף געווען נישט קיין גוטער...

ברוך האָט געלערנט אין תלמוד תורה. שבת פלעגט ער גיין אין שול אריין. אינגיכן איז ער געוואָרן בר־מצווה. זיין בר־מצווה איז געפייערט געוואָרן אויף אַ שטילן און פשוטן אופן, ווייל דער קרייז פון קאַניושער׳ס באַקאַנטע איז געווען זייער אַ באַגרענעצטער.

ברוך האָט פאַרגעזעצט זיין לערנען אין תלמוד תורה אויך נאָך בר־מצווה. ער פלעגט אויך גיין רעגולער אין שול שבת און יום־טוב. אָבער ער האָט דאָס אלץ געטאָן אָן באַגייסטערונג. עס האָט אים געפעלט די אינערלעכע התלהבות. ווען עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז ער איז זונטאָג פאַרבייגעגאַנגען אַ קלויסטער, אין דער צייט פון גאָטעס־דינסט, פלעגט ער פילן אַ גרויסע תשוקה צו בלייבן שטיין, צו פאַרנעמען דאָס געזאַנג פון די תפילות דאָרט.

דעם צווייטן יום כפור נאָך זיין בר־מצווה האָט אים געטראָפן אַזעלכעס, וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט זיין לעבן.

דאָס איז געווען יום כפור גלייך נאָך שחרית. ער און זיין פאָטער זיינען געשטאַנען מיטן פנים צום אָפענעם ארון קודש און זיך איינגעהערט צום חזנ׳ס זינגען. פלוצלונג האָט אימעצער ארויסגערופן זיין פאָטער. ברוך איז אים נאָכגעגאַנגען.

זיי זיינען ביידע אוועק אהיים. ווען זיי זיינען אַהין געקומען, האָבן זיי געטראָפן דאָרט דעם שעריף מיט פאָליציי. זיי האָבן אים געמאָלדן, אַז זיי זיינען געשיקט געוואָרן צו באַזייטיקן זיינע מעבל פון דער דירה, און צוצונעמען די קיעלע אויפן חשבון פון דירה־געלט, וואָס עס קומט דעם בעל־הבית פון דער דירה.

לייזער האָט געבעטן דעם שעריף וואַרטן אַ ווײלע. ער איז צוזאַמען מיט ברוך׳ן געלאָפן צוריק אין שול אריין. ער איז צוגעלאָפן צו איינעם פון די גבאים אין שול, וועלכער איז געווען דער בעל הבית פון דער דירה. דער גבאי איז געשטאַנען אויף דער בימה ביי דער אָפענער תורה. לייזער האָט אים אָפּגערופן אָן אַ זייט און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל גיין מיט אים צום שעריף און אָפּהאַלטן די גזירה. אָבער דער גבאי האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז צוריקגעגאַנגען צו דער אָפענער תורה, ווי קיינמאָל גאָרנישט...

דעמדאָזיקן מוצאי יום כפור, איז די פאַמיליע קאַניושער געשטאַנען אין דרויסן ביי זייערע זאַכן. אין דעם בלאַסן ליכט פון דער לבנה, האָט ברוך געזען זיינע עלטערן באַוויינען זייער גורל.

פון דעמאָלט אָן האָט ברוך פיינט געקראָגן די שול, און ער האָט זי אויסגעמיטן. ער האָט מער נישט געגלייבט נישט אין דער הייליקייט פון שול, און נישט אין דער הייליקייט פון דער תורה. דער נאָמען גבאי האָט אים דערמאָנט אוממענטשלעכע אכזריות.

* * *

יאָרן זיינען אוועק. לייזער איז צוריק געוואָרן אַ בעל הבית פאַר זיך. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קהלשע ארבעט, און איז געוואָרן איינער פון די גבאים אין אַ שול.

ברוך האָט חתונה געהאַט און האָט אָנגעהייבן לעבן זיין אייגן לעבן.

* * *

די יאָהאַנעסבורגער טעגלעכע פרעסע איז שטענדיק פול מיט אנאָנסן און באַריכטן וועגן לעקציעס, וועגן פאַרזאַמלונגען און וועגן אלערליי פאַראנשטאַל־טונגען, וואָס קומען פאָר אין שטאָט יעדן אָוונט. עס ווערט אָבער נישט אנאָנ־סירט און עס ווערט נישט איבערגעגעבן וועגן די פאַרזאַמלונגען פון גרופּעס ספּיריטואַליסטן.

עס איז אויך פאראן אין יאָהאַנעסבורג א ספּעציעלער קרייז פון בלויז יידישע ספּיריטואַליסטן, וואָס האָבן צונויפגעמישט קריסטנטום מיט ספּיריטואַליזם. די מיטגלידער פון דעמדאָזיקן קרייז טראָגן א ספּעציעלן צייכן, וואָס פון איין זייט איז עס אַ מגן דוד און פון דער צווייטער זייט איז א צלם. זיי קומען זיך אָפּט צוזאַמען אין פּריוואַטע הייזער און זיי פּראַווען התבוננות.

ברוך קאָניושער איז איינער פון די אָנפירער פון דער דאָזיקער גרופּע. ער האַלט דעם צייכן פון מגן דוד און צלם באַהאַלטן פון זיינע עלטערן. ער וויל זיי נישט מצער זיין. ער איז אָבער אָפּט זיך מתווכח מיט זיין פאָטער וועגן די נוצן פון אַ שול אָדער א געבעט־הויז בכלל. ער האַלט, אז מען דאַרף צעשטערן אלע שולן און קלויסטערס און דינען גאָט ביחידות, אָדער אין ענגע קרייזן.

לייזער קאָניושער איז נישט מסכים מיט זיין זון. ער קען זיך נישט פאָר־שטעלן אַ וועלט אָן שולן און אָן קלויסטערס. ער איז אָבער אין זיין האַרצן צופרידן פון דעם, וואָס זיין זון איז נישט בלויז קעגן שול, נאָר ער איז אויך קעגן קלויסטער... גם זו לטובה! — טרייסט לייזער קאָניושער זיך אליין און זיין פרוי שפרה.

דער „רעווערענד״

טולאמאנזע איז זייער אן אקטיווער און בליענדיקער צענטער פון גאָלד־מינען. די פּראָספּעקטאָרס מאַכן אָפט פרישע אַנטדעקונגען, און עס אַנטשטייען נייע מינען. די טולאמאנזער געגנט איז אויך רייך מיט פּרוקטבארע תבואה־פעלדער און לאַנקעס.

טולאמאנזע איז דער האנדלס־צענטער פון דער גרויסער און רייכער געגנט. די באַפעלקערונג איז אין גרעסטן טייל אַן ענגלישע. אויך א פּאָר צענדליק יידישע משפחות געפינען זיך דאָרט.

די קריסטלעכע באפעלקערונג פארמאָגט דאָרט אייניקע קירכן, פּאָלק־שולן, אַן עפנטלעכע ביבליאָטעק און קלובן.

די יידישע באַפעלקערונג פון טולאמאנזע האָט יאָרן לאַנג אינגאַנצן ניט געטראַכט וועגן בויען אפילו א שול. ראש־השנה און יום־כפור פלעגן זיי יוצא זיין מיט דעם, וואָס זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין דעם אָרטיקן זאַל פון די מאַסאָנען, און מיט „אייגענע כוחות״, דאָס הייסט, מיט אומזיסטיקע פּרייוויליקע בעל־תפילה׳ס, פלעגן זיי אָפּריכטן די ימים־נוראימדיקע תפילות. דאָס האָט געקלעקט פאר אַ גאַנצן יאָר.

די טולאמאנזער יידן זיינען געווען גאַנץ צופרידן מיט זיך. זיי וואָלטן זיך אזוי אָנגעגאַנגען, ווער ווייסט ווי לאַנג.

זיינען אָבער געקומען זייערע קינדער, און האָבן אָנגעהייבן זיי פרעגן און מאָנען: „פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבן די קריסטן קירכן און רעווערענדס, און די יידן האָבן ניט?״

האָבן זיך די טולאמאנזער יידן פאַרטראַכט און איינגעזען, אז זייערע קינ־דער זיינען גערעכט. יידן מוזן אויך האָבן אַ שול און אַ רעווערענד.

האָבן זיי אָנגעהייבן זאַמלען געלט און בוי־מאַטעריאַלן. אַ סך פון די קריסטלעכע שכנים האָבן זיך אויך באשטייערט פאַרן בנין פון דער שול.

ווען די שול איז פאַרטיק געוואָרן האָט מען אָנגעהייבן זוכן א רעווערענד. געוועלט האָבן זיי אזא פערזאָן, וואָס מען זאָל קענען מיט אים באַווייזן זיך פאַר די קריסטלעכע שכנים.

זיי האָבן געוועלט אזעלכן, וואָס זאָל זיין דורך־און־דורך פאַרענגלישט; ער זאָל זיין ענלעך צו אַ קריסטלעכן רעווערענד אין זיין אויסערלעכן אויסזען, אין זיין האַלטונג און אין זיין אָרט ריידן.

זיי האָבן געוועלט אזא, וואָס זאָל זיי רעפּרעזענטירן אויף די אַלגעמיינע פייערונגען און פאַראַנשטאַלטונגען. ער זאָל זיין א שיינער פּריידיקער און אַ וועלטלעכער מענטש.

האָט זיך אָבער גלייך ארויסגעוויזן, אז אזא רעוורענד איז שווער צו געפינען. ווען מען געפינט שוין יאָ אזעלכן, בעט ער גאָר א גרויסן געהאַלט. און טולאמאנזער יידן זיינען ניט געווינט געווען צו לאָזן זיך קאָסטן אויף יידישקייט.

האָבן זיי אַ לאַנגע צייט נישט געקענט מושווה ווערן מיט זיך אליין וועגן דעם מין רעוורענד, וועלכן זיי זאָלן נעמען. האָט זיי גאָט געהאָלפן, און האָט זיי צוגעשיקט א ביליגן רעוורענד אין דער פּערזאָן פון הרב מרדכי גאָנצאַר.

* * *

הרב מ. גאָנצאַר איז געווען אַ תלמיד פון ראַדונער ישיבה. אין דער דאָזיקער עקסטרעמער מוסר־ישיבה האָט ער פאַרבראַכט אלע זיינע יונגע יאָרן אין עקסטרעמער פרומקייט.

נאָכן פארלאָזן די ישיבה האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ רב׳ס אַ טאָכטער, און ער האָט זיך געגרייט צו פאַרנעמען אַ כסא רבנות.

איז אָבער אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, און דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום איז חרוב געוואָרן. הרב מ. גאָנצאַר האָט פאַרלוירן זיין פאַמיליע. ער אליין איז בדרך נס ניצול געוואָרן.

האָט ער זיך ארומגעוואַלגערט אין אַלע לענדער פון אייראָפּע. ער איז דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום, ביז ער איז געקומען קיין איטאַליע. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט מיט א געוועזענער לערערין פון א בנות־יעקב־שול.

זייענדיק אין איטאַליע, איז אים געלונגען צו פאַרבינדן זיך מיט אַ נאָענטן קרוב אין דרום אפריקע, וועלכער האָט פאר אים געקראָגן די שטעלע פאר אַ רעוורענד אין טולאמאנזע. דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו באקומען א דערלויבעניש צו קומען קיין דרום אפריקע.

* * *

אין דעם זאַל פון טולאמאנזער האָטעל האָט די קאָנגרעגיישן איינגעאָרדנט אַ גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים פאר זייער ערשטן רעוורענד און זיין פרוי.

מען האָט געהאַלטן באגריסונגען אין ענגליש און אין יידיש לכבוד זייער קומען. אלע האָבן זיך געפילט אין אַ געהויבענער שטימונג. אויך הרב גאָנצאר און זיין פרוי האָבן זיך געפילט דערהויבן פון דער שיינער אויפנאַמע, וואָס מען האָט געמאַכט פאַר זיי.

זייער דערהויבנקייט איז אָבער געפאַלן גלייך, ווי דער אָפיציעלער טייל פון קבלת־פּנים האָט זיך געענדיקט, ווען אלע פאַרזאַמלטע האָבן זיך צעטיילט אין גרופּעס ארום קאָרטן־טישלעך. אין דעם מאָמענט איז די פייערלעכע שטימונג פארשוווּנדן פון זאַל. הרב גאָנצאר און זיין פרוי האָבן זיך פלוצלונג דערפילט איינזאַם און פאַרלוירן.

* * *

די גבאים פון טולאמאנזער קהילה האָבן געהאַלטן, אז רעוורענד גאָנצאַר איז אַן איידעלער און געלערנטער מענטש. אָבער זיי האָבן אים פאַרגליכן צו אַ רויען דימענט, וואָס מען דאַרף אים ארומשלייפן ביז ער קריגט זיין ריכטיקן

קאַליר און גלאַנץ. האָבן זיי גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אים „אויסצוגרינען״. זיי האָבן אים געלערנט ווי צו עסן, ווי צו ריידן, ווי צו שטיין און ווי צו גיין. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די גבאים׳ס פרויען מיט דעם רעוורענדס פרוי.

ביידע האָבן זיך פון דער דאָזיקער באַהאַנדלונג געפילט באַליידיקט און דערשלאָגן. זיי האָבן אָבער אַלץ מקבל באהבה געווען.

קודם כל זיינען זיי ביידע צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן העברעאישע קורסן פאַר די קינדער. דאָס איז זיי געלונגען. די קינדער זיינען געווען ענטוזיאַסטיש געשטימט. זיי האָבן זיך געפילט שטאָלץ צו האָבן „אייגענע״ קלאַסן. זיי האָבן זיך געלערנט גוט און זייער באַזונד איז געווען אַ רעגולערער.

האָבן אָבער די עלטערן זיך אריינגעמישט: זיי האָבן נישט געוועלט לאָזן זייערע קינדער באַזוכן די קלאַסן יעדן טאָג. זיי האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל מיט זיי לערנען בלויז צוויי מאָל, אָדער העכסטנס דריי מאָל אַ וואָך. דאָ איז ניט „פּאַלעסטיין״ — האָבן זיי געטענהט.

די גבאים האָבן אויך אויסגערעדט דעם רעוורענד, פאַרוואָס ער האָט איינגעוווינט די קינדער צו באַגריסן מיט „שלום״! דאָ איז ניט פּאַלעסטיין! — האָט דער פּרעזידענט געדונערט. דאָ איז „אַן אינגליש קאַונטרי!״.

די שטעטלדיקע יידן האָבן אויך אויסגעפונען, אַז זייער רעוורענד שאָקלט זיך ביים דאַווענען, ביים לייענען אין דער תורה. האָבן די גבאים געפאָדערט פון אים, אַז ער זאָל זיך אָפּגעוווינען פון דעם...

הרב גאָנצאַר האָט שטיל געליטן און געשוויגן. אים האָט פאַרדראָסן דאָס, וואָס מען באַציט זיך צו אים מיט אזא ביטול. ער האָט געמיינט, אַז זיי, די בעלי בתים, וועלן לערנען פון אים. צום סוף פאָדערן זיי פון אים, אַז ער זאָל זיך לערנען פון זיי. זייער כסדרדיקע אַפּוטרופּסות איבער אים האָט אים פשוט אַנטמוטיקט און געפּלאָגט זיין געמיט.

זיין האַרץ איז ניט געווען רואיק. זיין געוויסן האָט אים געמאַטערט. ער האָט געפילט, אַז אַלס אַ רב מוז ער זיין זייער מנהיג רוחני. ער מוז זיי לערנען דעם וועג פון יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן. ער פילט, אַז ער מוז זיי זאָגן דעם אמת. האָט ער זיך געקליבן צו טאָן דאָס ראש השנה.

ראש השנה איז געקומען. אַלע יידן פון טולאמאַנזע און אומגעגנט זיינען געקומען אין שול אריין. רעוורענד גאָנצאַר האָט אין זיין מעריב־דרשה מקבל־פּנים געווען דאָס נייע יאָר מיט ווערטער פון דערמוטיקונג און טרייסט, מיט ווערטער פון האָפנונג און ברכה.

די דאָזיקע דרשה האָט זייער אויסגענומען ביים עולם. אַלע האָבן געלויבט דעם רעוורענד פאַר זיינע האַרציקע דרשות און ברכות.

אויף צו מאָרגנס, פאַר די תקיעות, האָט ער ווידער גערעדט פאַרן עולם. דאָס מאָל האָט ער גערעדט בלויז מוסר. עס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דער אַמאָליקער ראַדונער מוסר־פלאַם, און ער האָט אָנגעהייבן שיטן פייערדיקע ווערטער אויף די פאַרזאַמלטע יידן אין שול, צוליב דעם, וואָס זיי זיינען מחלל שבת און היטן ניט קיין כשרות.

זיינע ברענענדיקע בליקן און זיינע פלאַמענדיקע מוסר־ווערטער האָבן גע־בריט און אויפגערעגט די אפריקאַניזירטע יידן, וואָס האָבן אזעלכעס שוין לאַנג ניט געהערט.

די דאָזיקע דרשה האָט גלייך געשאַפן אַ ריס צווישן אים און דער קהילה. קיינער האָט וועגן דעם אַ וואָרט ניט גערעדט. אָבער הרב גאַנצאַר האָט דאָס געשפּירט.

יום כפּור, נאָך כל נדרי, האָט ער ווידער אין זיין דרשה שאַרף אַטאַקירט די מתפּללים פאַר זייער פאַרנאַכלעסיקן די טראַדיציע און יידישן לעבנשטייגער. שטיל און אונטערטעניק האָט די עדה יידן אים אויסגעהערט. ער האָט טריאומפירט איבער זיינע גבאים. ער האָט געפילט, אז ער איז דער מנהיג, דער גייסטיקער פּאַסטוך פון זיין עדה.

מוצאי יום כפּור, ווי נאָר מען האָט געבלאָזן שופר, האָבן זיך אריינגעלאָזן אין שול עטלעכע אפריקער מיט געדעקטע טישלעך, און פּלוצלונג איז די שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עס־זאַל.

ווען הרב גאַנצאַר האָט פאַרענדיקט דעם וואָכעדיקן מעריב און זיך אויס־געדרייט צום עולם, איז ער געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער: דער גאַנצער עולם איז געזעסן ארום די טישלעך, געגעסן און געטרונקען בגלוי הראש.

אַ בלאַסער איז ער צוגעלאָפן צום ארון קודש, ארויסגעכאַפּט פון דאָרטן די ספר תורה, און איז מיט איר אנטלאָפן פון שול.

דעמאָלט האָט דער עולם זיך געכאַפּט, אז זיי האָבן פאַרגעסן אריבערצו־דעקן דעם ארון קודש און צו פאַרשטעלן אים.

* * *

נאָך די ימים־טובים, האָט דער טולאמאַנזער שול־קאָמיטעט גערופן הרב גאַנצאַר צו אַ זיצונג. דאָרט האָבן אים די גבאים דערקלערט, אז ער האָט מיט זיינע מוסר־דרשות אריבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט פאַרגעסן — האָבן זיי צו אים געטענהט, — אז ער איז ניט אין ליטע, נאָר אין דרום אפריקע.

זיי האָבן אים איבערגעגעבן זייער באַשלוס, אז מן היום והלאה מוז ער צו־גרייטן שריפטלעך זיינע דרשות און רעדעס. זיי מוזן פריער באַשטעטיקט ווערן דורכן פּרעזידענט פון „קאָנגרעגיישן״!

הרב גאַנצאַר האָט דערזען די הילפלאָזיקייט פון זיין לאַגע. זיינע גוטע און אויפריכטיקע כוונות פאַר זיין קליינער יידישער געמיינדע זיינען אויפגענומען געוואָרן גאָר פאַרקערט, ווי ער האָט עס דערוואַרט. אָבער העלפן האָט ער זיך שוין ניט געקענט...

דער בר־מצווה־מלמד

מר. טייטץ, דער באוווסטער יאָהאַנעסבורגער בר־מצוה־מלמד, איז געקומען קיין יאָהאַנעסבורג מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק. ער איז געווען יונג, שיין און געהאַט אַן אוניווערסיטעט־דיפּלאָם.

ער האָט געהאַט גרויסע פּלענער און נאָך גרעסערע אַמביציעס צו שאַפן אין דרום־אַפריקע גרויסע קולטור־אינסטיטוציעס.

ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו ענדערן די עקסיסטירנדיקע אַלטע דערציאונג־סיסטעם.

עס האָט זיך אָבער פון אַלע זיינע שיינע און הויכע שטרעבונגען און פּלענער גאָרניט אויסגעלאָזן. זיין אַמביציע איז ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

ער האָט זיך אָנגעהייבן קייקלען באַרג־אַראָפּ — פון איין אנטוישונג צו דער אַנדערער. ענדלעך איז ער געוואָרן אַ בר־מצווה־מלמד.

מר. טייטץ איז אָבער אַ מענטש מיט אַן אַלזייטיקער קולטורעלער אויסבילדונג. דערצו־נאָך איז ער פון נאַטור אַ גרויסער אָפּטימיסט.

האָט ער ארום זיין איצטיקער פּראָפעסיע אויסגעוועבט א נייע טעאָריע.

לויט דער דאָזיקער נייער טעאָריע איז די פּראָפעסיע פון לערנען בר־מצווה די מאָדערנסטע שבמאָדערנע פּראָפעסיעס.

זי איז באַזירט אויף דער שיטה פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר דזשאָן דיואי; דאָס הייסט, אז זי איז באַזירט אויף דער דערציאונג־סיסטעם פון פּראַגמאַטיזם, וואָס האַלט, אז מען דאַרף די קינדער לערנען אויסשליסלעך קאָנקרעטע, פּראַקטישע און נוצלעכע לימודים. און פון אַלע אַנדערע יידישע לימודים זיינען בלויז די בר־מצווה־לימודים די איינציקע, וואָס זיינען פּראַקטיש און נוצלעך.

זיי אליין גיבן דאָס די היגע יידישע קינדער גרויסע, פּאַקטישע באַלוינונג.

ניט נאָר דאָס קינד — האַלט מר. טייטץ — ווערט רייך באַלוינט פאַר זיין ארבעט, נאָר אויך די עלטערן פון קינד געניסן באַלוינונג און כבוד.

דעריבער זיינען די רעזולטאַטן פון די לימודים שטענדיק גוטע. דאָס קינד לערנט זיי מיט חשק. די עלטערן זיינען פאַראינטערעסירט מיט לייב און לעבן, אז די דאָזיקע לימודים זאָלן באַהערשט ווערן בשלימות.

אָט־די דאָזיקע טעאָריע האָט מר. טייטץ אַנטוויקלט ארום די בר־מצווה־לימודים. זיין געוויסן איז באַרואיקט. ער איז צופרידן מיט זיך אליין און מיט דער גאַנצער וועלט ארום אים.

ער פאַרמאָגט אַ שיינעם אויטאָמאָביל, אין וועלכן ער פאָרט ארויס יעדן נאָכמיטאָג אויף דריי־פיר שעה.

זיין ארבעט איז אין די רייכע געגנטן פון שטאָט. ער שטאָט־אָפּ קורצע וויזיטן אין רייכע ווילעס, וואָס זיינען ארומגערינגלט מיט פרוכט־און בלומען־גערטנער. זיין אַרבעט באשטייט פון לערנען זינגען די ברכות און די הפטרות מיט צוועלף־יאָריקע יינגלעך.

מר. טייטץ איז אַ גרויסער איבערקלייבער אין זיין אויסוואַל פון תלמידים. ער נעמט אָן בלויז קינדער, וואָס זיינען מוזיקאַליש און האָבן שיינע שטימעס. מיט אזא סאָרט תלמיד איז לייכט און אָנגענעם צו זיצן און זינגען.

ווו ער קומט, געפינט ער דעם תלמיד א פריילעכן, גרייט צום לערנען. ער געפינט אויך אַ ביסל כיבוד אויפן טיש. ער לאָזט זיך אוועק זינגען צוזאַמען מיטן תלמיד. אָפט טרעפט, אז די באַלעבאָסטע זינגט־מיט, אָדער נאָך אָפטער טרעפט, אז די אַפריקער דינסט־מיידל אין קיך זינגט־נאָך דעם הפטרה־ניגון.

אזוי ארום געפינט זיך מר. טייטץ אין א וועלט פון געזאַנג און כיבודים.

כמעט יעדן שבת אין דער פרי האָט ער אַ בר־מצווה אין שול. עס איז פשוט א פאַרגעניגן צו זען אים יעדן שבת אין אַן אַנדער שול, ווי ער זיצט צווישן די רייכע עלטערן פון דעם בר־מצווה — צווישן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אָדער גרויסע סוחרים.

זיין פנים לייכט דעמאָלט מיט שטאָלץ און גליק: מי ידמה לו ומי ישוה לו?

* * *

מר. טייטץ האָט אַ שוואָגער — זיין פרויס ברודער.

דער דאָזיקער שוואָגער פלעגט ארומפאָרן גאַנצע טעג און אָפּקלאַפּן די טירן פון פרעמדע הייזער, כדי צו פאַרקויפן זיין סחורה צו ווייניק פאַרמעג־לעכע מענטשן, וואָס קויפן אויף באָרג.

נאָך אַ לאַנגן טאָג פון אזעלכע ארומפאָרענישן פלעגט ער זיך אומקערן אהיים א מידער, אַ נערוועזער און א ברוגזער.

ער האָט כסדר געהאַלטן אין באַקלאָגן זיך אויף די שוועריקייטן אין איינ־מאָנען די חובות, וואָס מען האָט אים געקומט.

ווען מר. טייטץ פלעגט דאָס זען און הערן, פלעגט ער זיך פילן דאָפּלט־גליקלעך. ער האָט פון אזעלכע צרות אינגאַנצן ניט געוווּסט.

ער האָט ניט געוווּסט פון קיין חובות; מען פלעגט אים אפילו צאָלן פאָ־רויס. ער האָט ניט געדאַרפט זוכן קיין קונדן; מען האָט אים געזוכט.

דעריבער פלעגט ער לאַכן, ווען זיין שוואָגער פלעגט זיך אָפט וויצלען אויף זיין חשבון און אָנרופן אים מיט ביטול און שפּאָט „מלמד", „גיי, מלמד!" „וואָס ווייסטו, מלמד?"

מר. טייטץ האָט דאָס אָנגענומען אלס אַן אויסדרוק פון פשוטער קנאה. זיין שוואָגער האָט אים מקנא געווען זיין לייכט לעבן; און זיין לעבן איז באמת געווען לייכט.

אמת טאַקע, אז די ערשטע צייט, ווען ער האָט נאָר־וואָס אָנגעהייבן די דאָזיקע פּראָפעסיע, פלעגט ער נאָך אַמאָל האָבן דאגות וועגן די לאַנגע הפטרות. אָבער מיט דער צייט האָט ער אויסגעפונען, אז מען קען זיך אַן עצה געבן מיט דעם...

מר. טייטץ פלעגט אָפּט זיך באַרימען פאַר זיין פרוי מיט זיין גליקלעכער לאַגע, אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון אנדערע. ער פלעגט פאַר איר האַלטן אַ לעקציע וועגן די שווערקייטן פון לעבן, וואָס אלע פּראָפעסיעס מוזן דורכ־גיין: סוחרים, פאַבריקאַנטן, אפילו מינען־מאַגנאַטן: וואָס רייכער זיי זיינען, וואָס גרעסער זייערע געשעפטן זיינען, אלץ וויניקער האָבן זיי פאַרגעניגן פון לעבן.

זייערע קעפּ זיינען שטענדיק פול מיט גרויסע זאָרגן און פאַרדרייעניש.

דאָקטוירים האָבן, לויט זיין מיינונג, דאָס שווערסטע לעבן. זיי דאַרפן זיך פּאַטשקען מיט אַלערליי קראַנקייטן און מיט אלערליי שוואַכקייטן און קאַפּריזן פון זייערע פּאַציענטן.

דאָס זעלבע איז אויך שייך צו די, וואָס ארבעטן פאַר אַ בעל־הבית, פון וועלכן זיי דאַרפן אויסשטיין אלערליי קאַפּריזן און משוגעתן. און ווער רעדט נאָך וועגן אזעלכע יידישע פּראָפעסיעס, ווי צו זיין אַ רב, אַ חזן, אָדער אַ לערער אין אַ תלמוד־תורה — דעמאָלט איז דאָך גאָר שרעקלעך: זיי מוזן אויסשטיין ניט נאָר די קאַפּריזן פון קהל, פון פארשיידענע בעלי בתים, נאָר זיי דאַרפן אויך מאַנכע מאָל אויסשטיין די רשעות פון די ביורא־באַאַמטע.

דעריבער — טענהט מר. טייטץ — איז ער געוואָרן אַ בר־מצוה־מלמד, כדי ער זאָל זיין אַ פרייער מענטש, אינגאַנצן פריי פון וועלכע־עס־איז בעלי־בתים איבער אים.

ער פלעגט אָפּט איבערחזרן פאַר זיין פרוי זיין באַליבט ווערטל: „אַמאָליקע יאָרן פלעגט מען זינגען, אז „תורה איז די בעסטע סחורה". דאָ אין דרום־אפריקע איז אַנדערש. דאָ איז הפטרה די בעסטע סחורה...

* * *

זיין שוואָגער האָט געלאָזט אויסבויען פאַר זיך אַ רייכע, צוויי־גאָרנדיקע ווילע אין פּאַרקטאַון, און ער האָט זי רייך אויסגעמעבלירט.

דאָס האָט צעטומלט מר. טייטץ'ס פרוי. זי וווּנדערט זיך און קען דאָס ניט באַגרייפן: איר ברודער, וואָס האָט אַלעמאָל זיך באַקלאָגט, אז ער „מאַכט ניט קיין לעבן", אז „אלע זעצן אים אָן" — ער איז פּלוצלונג רייך געוואָרן; און איר מאַן, וואָס האָט זיך אלעמאָל באַרימט פאַר איר מיט זיינע גליקן, איז ניט רייך געוואָרן...

מרס. טייטץ האָט פאַרלוירן איר רואיקייט.

זי האָט אָנגעהייבן צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון איר מאַנס גליקן.

מר. טייטץ נעמט זי איצט אָפּט שבת אין דער פרי אין שול אריין, כדי צו זען דעם כבוד, וואָס ער קריגט, זיצנדיק דאָרט צווישן די סאַמע רייכע און חשובע בעלי בתים.

ער נעמט זי מיט צו בר־מצווה־„פּאַרטיס", כדי זי זאָל זען אין וואָסערע רייכע הייזער ער אַרבעט.

אָבער עס העלפט ניט.

זיין פרוי צווייפלט שטאַרק, צי עס איז טאַקע אזוי, ווי איר מאַן מיינט, אז הפטרה איז די בעסטע סחורה...

בלויז צוועלף...

צו די אלע, וועלכע האָבן אים געקאָנט, איז ער געווען באַקאַנט אלס מר. סעמיועל פון ליווערפּול. אין דער אמתן, אָבער, איז זיין נאָמען געווען משה לערנער.

ער האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל אין דער ליטע, ווו ער איז געבוירן געוואָרן ביי זייער אָרעמע עלטערן. דאָרט האָט ער זיך אויפגעהאָדעוועט און פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן. געלערנט האָט ער אין חדרים און אין בית־המדרש.

ער האָט, ווי אלע שטעטלדיקע יוגנטלעכע, תמיד געוויקט זיך אין פרומ־קייט, אין תפילה טאָן און אין תורה לערנען. פון דער אויסערלעכער וועלט האָט ער קנאַפּ־וואָס געהערט און געוווּסט.

איז אָבער געקומען דער דרייפוס־פּראָצעס, און האָט, ווי אַ בייזער שטורעם־ווינט אומגעוואָרפן די ווענט, וואָס האָבן אָפּגעצוימט דאָס ליטווישע שטעטל פון דער גרויסער אויסערלעכער וועלט. אַ העברעאישע צייטונג האָט זיך באַוויזן אין שטעטל, און משה לערנער איז געוואָרן א רעגולערער לייענער פון דער צייטונג.

אַ דאַנק דער דאָזיקער צייטונג האָט ער זיך דערוווּסט א סך זאַכן וועגן דער ברייטער וועלט בכלל, און וועגן דער יידישער וועלט בפרט. ברייטע האָריזאָנטן האָבן זיך פאַר אים אנטפּלעקט. זיי האָבן אים צו זיך גערופן און געצויגן.

באַהאַלטענערהייט האָט ער זיך גענומען לערנען שפּראַכן, און ער איז גע־וואָרן א שטעטלדיקער משכיל.

די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן אין באַזעל האָבן אים באַגייסטערט. ער האָט באַוויזן צו פאָרמירן אין זיין שטעטל אַ ציוניסטישע גרופּע, וועלכע האָט אים דעלעגירט צום פערטן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן אין 1900.

אזוי ארום איז משה לערנער געקומען קיין ענגלאַנד.

* * *

משה לערנער האָט זיך ניט צוריקגעקערט קיין ליטע. ער איז פאַרבליבן אין ענגלאַנד.

ער איז געוואָרן אַ העברעאישער לערער אין ליווערפּול.

אין ליווערפּול האָט משה לערנער זיך געפילט פריי ווי אַ פויגל. ער האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפן די טראַדיציאָנעלע קליידונג און האָט זיך באַמיט אויס־צוגלייכן אויסערלעך מיט די מענטשן פון זיין סביבה.

ער האָט זיך אריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן ברען אין דעם ענגלישן שמעלץ־טאָפּ.

ער האָט שטודירט די ענגלישע שפּראַך און די ענגלישע ליטעראַטור. אין אייניקע יאָרן האָט ער באַוויזן זיך איבערצושמעלצן: ער איז געוואָרן אַן „ענג־לישמאַן״.

דאַן האָט ער אויך געביטן זיין נאָמען פון משה לערנער אויף מאָריס סעמיועל.

אַלס העברעאישער לערער האָט ער ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג. ניט די תלמידים און ניט די בעלי־בתים זיינען געווען פון אים צופרידן. זיין חיונה איז שטענדיק געהאַנגען אויף משקולת. האָט ער באַשלאָסן חתונה האָבן מיט אַ בעלי־בתיש מיידל און אזוי אַרום פּטור ווערן פון מלמדות.

האָט מאָריס סעמיועל חתונה געהאַט און איז געוואָרן אַן איידעם אויף קעסט.

זיין שווער האָט אים אַריינגענומען אין ביזנעס. ער האָט זיך אָבער ניט אויסגעטויגט. עס האָט אים געפעלט ניט נאָר געניטקייט, נאָר אויך דער חוש פאַר ביזנעס. ער האָט געמאָנט פון זיין שווער צו האַנדלען לויטן אמת און יושר...

איז דער שווער סוף־כל־סוף אין כעס געוואָרן אויף אים, אים געגעבן עטלעכע הונדערט פונט און אים געהייסן אַראָפּגיין פאַר־זיך, עפענען אליין אַ געשעפט, און האנדלען לויט זיינע פּרינציפּן פון „אמת״ און „יושר״.

מאָריס סעמיועל האָט גענומען דאָס געלט און זיין ווייב, און איז אַראָפּ פאַר־זיך. זיין ווייב האָט אים געהאָלפן איינצואָרדענען אַ „שאָפּ״ און זיי ביידע האָבן געפירט דעם „ביזנעס״.

אויך זיין ווייב האָט ניט געקענט אויסקומען מיט זיינע פּרינציפּן אין ביז־נעס. האָבן מאַן און ווייב זיך אַרומגעקריגט, ביז מאָריס סעמיועלן איז דאָס מיאוס געוואָרן, און ער האָט באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון דעם גאַנצן ענין: אי פון זיין ווייב און אי פון זיין „ביזנעס״.

אין איין שיינעם טאָג האָט מאָריס סעמיועל זיך געזעגנט מיט זיין ווייב און מיט זיין „ביזנעס״, און ער איז אוועקגעפאָרן קיין דרום־אפריקע.

* * *

קיין יאָהאַנעסבורג איז ער געקומען ווי אַ ליווערפּולער „ענגלישמאַן״. אויף אַלעמען האָט ער געקוקט פון אויבן אַראָפּ: אלע מענטשן, וואָס ער האָט גע־טראָפן, זיינען געווען אָדער „גרינע חיות״, אָדער „קאָלאָניאַלס״. קיינע פריינד האָט ער ניט געהאַט און ניט געוועלט האָבן. „דער איינציקער פריינד מיינער — האָט ער זיך באַרימט — איז די „סטאַנדאַרד באַנק״, ווו ער האָט געהאַט עטלעכע צענדליק פונט... אלעמען האָט ער דערציילט נסים ונפלאות וועגן ענגלאַנד און איר אימפּעריע, וועגן דעם ענגלישן לעבנשטייגער און מנהגים. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין ענגלאַנד.

לכתחילה האָט ער געוועלט טאָן געשעפט. אייניקע חדשים האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן פון יאָהאַנעסבורג און האָט געזוכט אַ וועג צו דער ביזנעס־וועלט. ער האָט געזוכט און געזוכט אזוי לאַנג, ביז עס איז אים מיאוס געוואָרן דאָס זוכן. האָט ער באַשלאָסן אומצוקערן זיך צו זיין אַלטער פּראָפע־סיע — צו לערעריי.

איז מר. סעמיועל אוועק צום פּאַרוואַלטער פון העברעאישן חינוך און פּאַרגעשטעלט זיך פאַר אים ווי א העברעאישער לערער פון ליווערפּול. דאָס האָט געמיינט צו זאָגן, אז ער איז ניט סתם אַבי־ווער, סתם א לערער, אַ „גרי־נער" פון מזרח־אייראָפּע, נאָר אַן עכטער „ענגלישמאַן".

אויפן פּאַרוואַלטער פון חינוך, וואָס איז אליין געווען א מזרח־אייראָפּעאי־שער משכיל, האָט ער אָבער געמאַכט א היפּוכדיקן רושם. ער האָט געהאַט אַ פּאַראורטייל צו די ענגלישע יידן און צו זייער העברעאישן חינוך.

אַ העברעאישער לערער פון ליווערפּול האָט ביי אים געמיינט גאָרניט שבגאָרניט.

האָט ער מר. סעמיועלן געהייסן קומען אין איינע פון זיינע תלמוד־תורהס צו געבן א „פּראָבע־לעסאָן" און ווייזן, וואָס ער קאָן.

דרך אגב, האָט אים דער פּאַרוואַלטער דערציילט, אז עס זיינען אָנגעקומען מאָדערנע לערער פון ליטע, וועלכע האָבן אריינגעפירט אין די תלמוד־תורהס די מאָדערנע העברעאישע שפּראַך, ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך.

האָט זיך דער ליווערפּולער לערער געפונען שטאַרק געטראָפן: ערשטנס, די חוצפּה פון פּאַרוואַלטער צו הייסן אים, דעם לערער פון ליווערפּול, צו געבן אַ „פּראָבע־לעסאָן"! צווייטנס, האָט ער געפילט, אז די מאָדערנע העברעאישע לערער פון ליטע גייען פאַרכאַפּן דעם חינוך אין זייערע הענט.

מר. סעמיועל איז אוועק פון פּאַרוואַלטער אַן אַנטוישטער און אַ צעכעסטער. ער האָט באַשלאָסן ניט צו געבן קיינע „פּראָבע־לעסאָנס" פאַר קיין פאַל. ער וועט בעסער זיך אָפּגעבן מיט פּריוואַטער לערעריי, מיט פּריוואַטע „לעסאָנס".

עס האָט אים גענומען אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט אָנגעהייבן באַקומען פּרי־וואַטע ארבעט. סוף כל סוף איז ער באַקאַנט געוואָרן ווי אַ גוטער ענגלישער לערער פאַר „גרינע" און פאַר עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן זיך אויסצולערנען ענגליש אין די ערשטע יאָרן פון זייער קומען קיין דרום־אפריקע.

מר. סעמיועל האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט. מען פלעגט אים טרעפן בלויז אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, אָדער אין דזשובער פּאַרק, ווי ער זיצט פאַרטיפט אין אַ בוך.

פאַר זיינע פּריוואַטע תלמידים פלעגט ער אָפט אויסגיסן זיין צאָרן קעגן דעם אפריקאַנער יידישן חינוך און קעגן די מחנכים.

ער האָט ניט געהאַלטן פון העברעאיש אַלס לימוד פאַר די אפריקאַנער קינדער.

לויט זיין מיינונג דאַרף מען אַ היגן יידישן קינד צוגרייטן בלויז פאַר בר־מצווה... און דאָס דאַרף געלערנט ווערן אין ענגליש. זיין כעס צו די העברע־איסטן איז געווען אזוי גרויס, אז ער איז געוואָרן אַן אנטי־העברעאיסט.

און אין דער צייט פון ערנסט בעווינס ממשלה איבער די ענינים פון ארץ ישראל, ווען די אויפרעגונג קעגן ענגלאַנד איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג אין די ציוניסטישע קרייזן, איז מר. סעמיועל, דער גרויסער ענגלישער פּאַטריאָט, גע־וואָרן אַן אַנטי־ציוניסט.

ער איז געבליבן אַ שטאַרקער מאמין אין דער ענגלישער זיטלעכקייט און יושרדיקייט.

אין די געשפּרעכן מיט זיינע תלמידים פלעגט ער שטאַרק באַטאָנען, אז ער קומט פון ליווערפּול, און ער ווייסט ריכטיק, ווי אָפּצושאַצן דעם ענגלישן כאַראַקטער. ער האָט געהאַלטן, אז ארץ־ישראל איז אַן ענגלישע קאָלאָניע, און ענגלאַנד האָט דאָס רעכט צו האַנדלען מיט אירע „קאָלאָניאלס" לויט דעם, ווי עס דיקטירן איר אירע אייגענע אינטערעסן.

* * *

ווען מר. מאָריס סעמיועל האָט דערשפּירט, אז די אלטקייט רוקט זיך אָן, און אז די צאָל פון זיינע תלמידים ווערט פון יאָר צו יאָר קלענער, — האָט ער אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן צוריקפאָרן קיין ליווערפּול. ער האָט אָנגעהייבן ווי־דער טראַכטן וועגן זיין פּרוי דאָרטן. אין די ערשטע יאָרן פון זיין קומען קיין דרום־אפריקע פלעגט זי אים שרייבן אָפטע בריוו און פאָדערן פון אים צו קו־מען צוריק אהיים.

ער האָט אָבער ניט געפאָלגט. דערווייל זיינען אוועק א פּאָר צענדליק יאָרן. די לעצטע צייט שרייבט זי צו אים זייער זעלטן און נאָך זעלטענער — ענטפערט ער איר. פונדעסטוועגן האָט ער געטראַכט צו פאָרן צוריק צו איר. ער וועט שוין מיט איר ווי־עס־איז דורכקומען.

איז ער אָבער געבליבן בלויז ביים טראַכטן. ער איז אהיים ניט געפאָרן.

די צאָל פון זיינע תלמידים האָט זיך אינגאַנצן איינגעשרומפּט. מאַנכע פון זיי, — גאַנץ רייכע מענטשן, — האָבן אים שרעקלעך עקספּלואַטירט. זיי האָבן אים געצאָלט פּרוטות פאַר זיין ארבעט. מאַנכע האָבן אים גאָרניט געצאָלט.

מר. סעמיועל האָט זיך ביסלעכווייז אינגאַנצן איינגעשלאָסן אין זיך. ער איז געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלץ. זיין עסן איז באַשטאַנען פון ברויט מיט וואַסער. זייער זעלטן פלעגט ער זיך דערלויבן צו עסן עפּעס בעסערס.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זיינען זיינע כוחות אויסגעגאַנגען, און אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט די באַלעבאָסטע פון הויז, וווּ ער איז איינגעשטאַנען, געפונען אים אַ טויטן אין זיין בעט.

* * *

אַ קורצע מעלדונג אין יאָהאַנעסבורגער „סטאַר" האָט איבערגעגעבן, אז די לוויה פון מאָריס סעמיועל, דעם ענגליש־לערער אין דאָרנפאָנטיין[1], וועט פאָרקומען זונטאָג 10 אין דער פרי.

איך בין געקומען צו מאָריס סעמיועלס לוויה.

אויפן בית־עולם, אין דער זעלבער צייט, האָב איך געטראָפן מאַסן מענטשן. עס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען לוויות און מצבות־אנטהילונגען. די זון האָט מיט אירע שטראַלן באַגאָסן די באזונדערע גרופּעס יידן, וועלכע זיינען גע־

[1]) געווען אַ געדיכט־באַפעלקערטע יידישע געגנט אין יאָהאַנעסבורג.

שטאַנען צווישן די מצבות, און האָט געוואָלט פאַרטרייבן די אבלות און דעם אומעט פון בית־עולם.

אָבער די זונענשטראַלן האָבן פאַר קיין פאַל ניט געקענט פאַרטרייבן דאָס ביטערע עלנט, וואָס האָט באַגלייט סעמיועלן פון ליווערפּול צו זיין קבר.

בלויז צוועלף באַקאַנטע, אכט מענער און פיר פרויען, זיינען געקומען צו זיין לוויה. די חברה קדישא האָט געדאַרפט אויסלייען אַ פּאָר פון אירע מענטשן צו דערגאַנצן דעם מנין.

קיינער האָט נאָך דעם בר־מינן ניט געוויינט. בלויז דאָס גרילצן פון די קייטן, וואָס לאָזן אַראָפּ דעם ארון אין קבר אריין, האָבן אים באגלייט צו זיין אייביקער רו.

די טראַגעדיע פון אַ בעל־תפילה

ר׳ טוביה זארצין איז מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק געקומען פון ליטע קיין דרום־אפריקע אַלס אַ משולח פאַר אַ ליטווישער ישיבה.

האָט ר׳ טוביה געטאָן זיין שליחות אויפריכטיק און ערנסט. ער איז שטענ־דיק געווען נע־ונד: געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון איין באַן־סטאַנציע צו דער אַנדערער.

אומעטום פלעגט ער צונויפקלייבן די צעזייטע און צעשפּרייטע ליטווישע יידן. ער פלעגט זיך מתיחד זיין מיט זיי, פאַרברענגען מיט זיי די צייט, דער־ציילן זיי וועגן זייערע היימישע שטעטלעך, און ריידן מיט זיי שיחת־חולין, אָדער דברי תורה. און געוויינטלעך פלעגט ער ביי זיי קריגן די פאַרלאַנגטע שטיצע פאַר דער ישיבה.

ויהי היום, דאָס איז געווען פאַר ראש השנה, איז ר׳ טוביה זארצין געקומען מיט דער באַן אין קליינעם טראַנסוואַלער שטעטל א. ער האָט דאָרטן גלייך געפונען דעם יידישן קרעמער מר. שיינפעלד, און ער איז אריין צו אים אין געשעפט.

ווען מר. שיינפעלד האָט דערזען דאָס פנים פון דעם משולח, איז ער גע־בליבן שטיין אַ ווײַלע, ווי אַ געפּלעפטער; ער האָט ניט געגלייבט זיינע אייגענע אויגן. נאָר באַלד האָט ער זיך ארומגעכאַפּט מיטן משולח, און ער האָט אָנגע־הייבן אויפן קול רופן זיין פרוי:

„גיטל, גיטל, אליהו הנביא איז צו אונדז געקומען, אליהו הנביא!"

די סיבה פון זיין גרויסער שמחה מיטן משולח איז געווען פאָלגנדיקע: מר. שיינפעלד איז געווען דער איינציקער ייד אין דעם בורישן שטעטל א.

אין משך פון יאָרן איז ביי אים געווען א חזקה צו האָבן ביי זיך אין שטוב אַ מנין פאַר די ימים נוראים. די יידן פון דער סביבה, פאַרמערס און קרעמערס, פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן ביי אים אין שטוב אויף ראש־השנה און יום־כפור, פלעגן ביי אים עסן פון זיין אייגענער שחיטה, מחמת מר. שיינפעלד איז לכתחילה געקומען קיין דרום־אפריקע ווי אַ שוחט. ער פלעגט אויך זיין זייער בעל־תפילה.

נאָר זיינע קרובים האָבן פון אים געמאַכט אַ קרעמער. ער האָט אָבער אָנ־געהאַלטן זיין שחיטה פאַר זיך גופא און פאַר זיין ימים־נוראימדיקן מנין.

האָט געטראָפן, אז גראָד דאָס יאָר האָט אויסגעפעלט אַ ייד צו דעם מנין. איז מר. שיינפעלד געווען זייער באַזאָרגט וועגן דעם. עס האָט געהאַלטן, אז עס זאָל, חס ושלום, די אָנקומענדיקע ימים נוראים אינגאַנצן קיין מנין ניט זיין. ער האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן, ווי צו ראַטעווען דעם מנין, און איז געווען פאַרצווייפלט — — —

און דאָ פּלוצלונג דערזעט ער פאַר זיך אַ יידן מיט אַ הדרת פּנים. איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אז דערדאָזיקער ייד איז געשיקט געוואָרן פון רבונו של עולם אליין. אַ נס איז געשען.

מר. שיינפעלד און זיין פרוי גיטל האָבן פשוט ניט געוווסט, וואָס צו טאָן מיטן משולח. זיי האָבן אים אָפּגעגעבן א שיין־מעבלירט צימער. זיי האָבן אים מאכיל ומשקה געווען פון דעם שענסטן און פון דעם בעסטן.

זיי האָבן טעלעפאָנירט צו די יידן אין דער אומגעגנט און זיי אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אז דער מנין וועט געהאַלטן ווערן, ווי אין אלע פריערדיקע יאָרן.

און אזוי איז טאָקע געווען.

ראש השנה ביינאַכט האָבן זיך די יידן פון דער סביבה צוזאַמענגעקליבן מיט זייערע ווייבער און קינדער אין דעם שטעטעלע א.

ווי מיטגלידער פון איין פאַמיליע האָבן זיי זיך פארזאַמלט אין דעם גרויסן הויז פון מר. שיינפעלד. זיי האָבן דאָרט געדאַוונט און געגעסן. מיט גרויס דרך ארץ האָבן זיי זיך באַצויגן צום משולח. זיי האָבן אים באטראכט פאר א געט־לעכן מאַן.

אויפצומאָרגנס האָבן אלע אים געבעטן צו זיין זייער בעל־מוסף. האָט ר׳ טוביה זאַרצין ניט געקענט אָפּזאָגן זיי און ער האָט געטאָן לויט זייער פארלאַנג: ער איז געווען זייער שליח ציבור.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ר׳ טוביה איז גאָר אַ שיינער בעל־תפילה. האָט ער שוין געמוזט דאַוונען פאַרן עמוד אויך דעם צווייטן טאָג ראש־השנה און אויך יום־כפור.

מוצאי יום־כפור נאָכן אָפּפאַסטן, האָט מען דערלאַנגט ר׳ טוביהן א גרויסן קאָנווערט מיט באנקנאָטן, ווי אַ באַלוינונג פאר זיין דאַוונען פאַרן עמוד.

* * *

דער דאָזיקער אינצידענט אין שטעטעלע א. האָט אויף ר׳ טוביהן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. דאָס האָט באַשטימט זיין גורל אין דרום־אפריקע.

פון דעמאָלט אָן איז ר׳ טוביה געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער בעל־תפילה פאר ימים נוראים.

אָבער אויך אַ ימים־נוראימדיקער בעל־תפילה דאַרף, ווי אלע פּראָפע־סיאָנאלן, דורכגיין אַ לאַנגן וועג פון דערפאַרונגען. אמאָל איז דער וועג א לייכ־טער און אַ גלייכער, און אמאָל טרעפט, אז דער וועג איז אַ שווערער, פול מיט זיג־זאַגן.

ניט אלע שטעט און שטעטלעך, ווו ער איז געווען דער בעל־תפילה, האָבן אים געגעבן אזא כבוד און אזא גרויסע סומע געלט, ווי דאָס שטעטעלע א.

עס האָט אפילו געטראָפן אויך אַ פאַל, ווען ער האָט אנשטאָט כבוד און געלט, געהאַט אויסצושטיין עגמת־נפש און בזיונות.

דאָס האָט אים געטראָפן איין מאָל אין אַ געוויסער שטאָט אויפן ראַנד[1].

---

[1] געגנט פון די גאָלד־גרובן ארום יאָהאַנעסבורג.

* * *

די דאָזיקע ראַנד־שטאָט איז געווען אַ שפּאָגל־נייע שטאָט, וואָס איז פּלוצ־לונג אויסגעוואַקסן אַ דאַנק דער עפענונג פון נייע גאָלד־מינען.

צווישן די הונדערטער קריסטן, וואָס האָבן באַווינט די שטאָט, זיינען געוועז אויך אַ פּאָר צענדליק יידישע קרעמערס. די קריסטן האָבן זיך גלייך באַזאָרגט מיט קירכן, מיט „רעווערענדס" און גייסטלעכע.

די יידן האָבן אויך באַוויזן אויפצובויען אַ שולכל און זיך צו באַזאָרגן מיט אַ רעווערענד, וואָס איז געווען גלייכצייטיק אַ שוחט, אַ שמש, אַ קאָלעקטאָר, אַ לערער און אַ בעל־תקיעה. קיין בעל תפילה איז ער אָבער ניט געווען.

האָט די דאָזיקע קהילה איינגעלאַדן ר׳ טוביהן צו זיין זייער בעל־תפילה פאַר די ימים נוראים.

ר׳ טוביה האָט געטאָן זיין שליחות ווי עס באַדאַרף צו זיין. די ערשטע נאַכט ראש־השנה האָט ער געדאַוונט מעריב. אויפצומאָרגנס אינדערפרי האָט ער געדאַוונט שחרית און זיך אוועקגעשטעלט לייענען קריאת התורה מיטן ספּעציפישן געהויבענעם ראש השנהדיקן קריאה־ניגון.

ר׳ טוביה שאָקלט זיך איבער דער ספר תורה, פאַרציט זיך און ציקלט זיך: „לא ידעתי מי עשה את הדבר הזה. וגם אתה לא הגדת לי, וגם אנכי לא שמעתי בלתי היום..."

ער פאַרענדיקט לייענען די פרשה, און אויסדרייענדיק זיך, דערזעט ער, ווי דער סעקרעטאַר פון קהילה זיצט און שרייבט אין אַ העפט. דאָס האָט ער פאַר־שריבן די נעמען פון די, וועלכע האָבן געקראָגן „עליות" און די נדבות, וואָס זיי האָבן מנדב געווען.

אין ר׳ טוביהן האָט אויפגעבריזט דאָס האַרץ: היתכן? אום ראש־השנה?

ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון און ער איז געשטאַנען אויף דער בימה, ווי אַ האַלב פאַראַליזירטער.

די גבאים אין די צילינדערס, וואָס זיינען געשטאַנען ביי בײדע זייטן פון טיש, זיינען געוואָרן אומגעדולדיק. זיי האָבן אָנגעהייבן נוקען: „נו, נו!" אָבער ר׳ טוביה איז געשטאַנען אַ בלאַסער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט געשוויגן.

איידער דער עולם האָט באַוויזן צו דערוויסן זיך די סיבה פון ר׳ טוביהס שווייגן, האָבן די גבאים באַוויזן אַ ווונק־צו־געבן צו זייער רעווערענד, און דער רעווערענד האָט גלייך איבערגענומען ר׳ טוביהס פונקציעס אַלס אַ בעל קריאה.

דער דאָזיקער אינצידענט וואָלט אינגאַנצן פאַרריבן געוואָרן, ווי קיינמאָל גאָרניט, ווען ר׳ טוביה וואָלט ניט אַראָפּגעגאַנגען פון דער בימה און זיך אוועק־געזעצט ביים טיר, באַהאַלטנדיק זיין פּנים אין זיינע הענט...

צוליב דעם האָט זיך קהל דערוווסט, וואָס עס האָט געטראָפן, און עס האָט זיך געטומלט.

ר׳ טוביה האָט דעם דאָזיקן טאָג ניט געדאַווענט מוסף.

דעם צווייטן טאָג ראש השנה האָט ער יאָ געדאַווענט שחרית און געלייענט קריאת התורה.

אָבער דער סעקרעטאַר פון דער קהילה איז ניט געווען אויף דער בימה...

מוצאי ראש השנה האָט ר׳ טוביה גלייך פאַרלאָזן די שטאָט. ער איז אַהין מער ניט געקומען. דאָס מאָל האָט ר׳ טוביה גאָרניט געקראָגן פאַרן דאַוונען. אויף זיינעם אַ בריוו צו די גבאים פון דער קהילה, אין וועלכן ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין דאַוונען ראש השנה, האָבן די גבאים אים געענטפערט מיט זילזולים. זיי האָבן אים אָנגערופן „ווילדע גרינע חיה״. זיי האָבן אים באַצייכנט פאַר אַ מענטש אָן טאַקט און אָן שכל, און אים באַשולדיקט אין פאַרשטערן זייער יום־טוב.

* * *

דאָס איז אָבער ניט געווען דער איינציקער דורכפאַל אין ר׳ טוביה׳ס קאַריערע ווי אַ ימים־נוראימדיקער בעל־תפילה.

אַן ענלעכער פאַל האָט מיט אים געטראָפן איין מאָל יום־כפור נאָך כל־נדרי. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסער דרום־אַפריקאַנער שטאָט.

די שול איז געווען פול מיט מתפללים. ר׳ טוביה איז געשטאַנען אויפן בימה איינגעהילט אין קלאָר־ווייסן קיטל און אין זיידענעם גרויסן טלית, און זיך פאַרגאַנגען אין געזאַנג: „געול מרגל, וגם פגל ספרו״.

פּלוצלונג האָט זיך אין שול אריינגעריסן אַ הילכיקער בלאָזן פון אַן אויטאָמאָביל. דאָס בלאָזן האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. ר׳ טוביה האָט זיך באַמיט אַריבערצושרייען דעם אויטאָמאָביל־הילכער, אָבער עס איז אים ניט געלונגען.

ר׳ טוביה האָט זיך באַגאָסן מיט אַ שוויס. ווער איז דער דאָזיקער שטן, וואָס וויל פאַרשטעלן דעם וועג פון זיינע תפילות צום רבונו של עולם אין הימל? האָט ער אָנגעגורט זיך די לענדן מלחמה צו האַלטן מיטן שטן. „ניין, ער וועט ניט נאָכגעבן!״ ר׳ טוביה האָט געהייבן זיין שטימע נאָך העכער: „הנשמה לך והגוף פעלך חוסה על עמלך״.

אין מיטן דערינען איז ארויפגעלאָפן דער גבאי אויף דער בימה און הייסט ר׳ טוביהן מפסיק זיין די תפילה. דער גבאי רופט אויס א געוויסן נומער פון אַן אויטאָמאָביל און בעט דעם אייגנטימער פון דעמדאָזיקן אויטאָמאָביל ארויסגיין אים צונעמען, ווייל ער שטערט אַן אנדער אויטאָמאָביל ארויסצופאָרן.

איינער פון די מתפללים איז זיך רואיק אויפגעשטאַנען און ארויסגעגאַנגען פון שול. אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער זיך צוריקגעקערט און זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, ווי קיינמאָל גאָרניט.

אין ר׳ טוביהן האָט אויפגעקאָכט דאָס האַרץ: אזא חילול השם אום יום־כפּור צו כל נדרי!

ר׳ טוביה האָט זיך געפילט אנטוואָפנט. דער שטן האָט אים גובר געווען... ער קען ניט זיין אַ שליח פאַר אזא ציבור, וואָס איז גלייכגילטיק צו חילול השם.

האָט ער מער ניט געזונגען. ער האָט פאַרלוירן די דרייסטקייט צו בעטן ביי גאָט סליחה ומחילה פאַר די פאַרזאַמלטע אין שול.

ער האָט „אָפּגעכאַפּט" דאָס דאַוונען מיט די סליחות. אַ פאַרשעמטער און אַ דערשלאָגענער האָט ער פאַרלאָזן די שול.

אויך אויפצומאָרגנס האָט ער אָפּגעריכט די תפילות אָן פייער און אָן ברען. ער האָט דאָס געטאָן מעכאַניש, אָן האַרץ און אָן כוונה.

אַלע מתפללים זיינען געווען אומצופרידן מיט אים. די גבאים האָבן אים געזידלט: „ווילדע גרינע חיה!"

* * *

פון דעמאָלט אָן איז ר' טוביה זאַרצין אַראָפּ פאַר־זיך.

ער האָט אין יאָהאַנעסבורג אָפּגעדונגען אַ זאַל, אין וועלכן ער האָט אין משך פון אַ סך יאָרן איינגעאָרדנט ימים־נוראימדיקע תפילות. „ר' טוביהס מנין" איז באַקאַנט געוואָרן אין ברייטע יידישע קרייזן אין שכנות פון זאַל.

דער דאָזיקער זאַל איז יעדן ראש השנה און יום כפור געווען איבערפולט מיט מתפללים. אַ סך בעל־תפילהעס זיינען מקנא געווען ר' טוביהן, און זיי האָבן אָפּגעשאַצט זיינע פאַרדינסטן גאָר שטאַרק...

ר' טוביה איז געווען די נשמה פון זיין מנין. ער האָט געוווּסט, ווי צו באַנעמען זיך מיט אַלעמען, און ער האָט געקענט יעדערן צופרידנשטעלן.

אַ סך יאָרן זיינען פאַרבייגעגאַנגען. ר' טוביה איז אַלט געוואָרן און ער האָט געמוזט צודינגען אַ בעל־שחרית און אַ בעל־קריאה. מוסף און נעילה האָט ער אָנגעהאַלטן פאַר זיך.

אַ ספּעציעלע ליבע האָט ר' טוביה געהאַט צום חצי־קדיש פאַרן מפטיר. ער פלעגט אים זינגען מיט אַזאַ האַרציקייט און זיסקייט, וואָס פלעגט עלעקטריזירן די מתפללים, און אַרויסרופן אין זייערע הערצער טיפע און זיסע געפילן.

ווי אַ פידעלע פלעגט ער זיך פאַרגיין אין דעמדאָזיקן קורצן חצי־קדיש.

אַזוי איז ר' טוביה זאַרצין זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין מנין יאָר־איין, יאָר־אויס.

* * *

פאַראַיאָרן, אַ פּאָר חדשים פאַר ראש השנה, איז ר' טוביה פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. פון קליניק, אין וועלכן ער איז געלעגן, האָט ער זיך באַמיט אָנצוהאַלטן זיין מנין. און עס איז אים געלונגען דאָס צו טאָן.

די ערשטע נאַכט פון ראש השנה איז ער קראַנקערהייט געקומען פון קליניק צום מנין. ער אַליין אָבער האָט שוין ניט געהאַט קיין כוח צו דאַוונען פאַרן עמוד.

אויפצומאָרגנס איז ר' טוביה געקומען צום לייענען קריאת התורה. ער איז געווען אומעטיק און מוטלאָז. ער האָט זיך געפילט זייער שוואַך. ווען עס איז געקומען צום חצי־קדיש פאַרן מפטיר, האָט זיך ר' טוביה געשטאַרקט, און געזונגען אים מיט דער זעלבער זיסקייט און האַרציקייט, ווי אַלע פריערדיקע יאָרן.

אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, האָבן אלע מתפללים זיך איבערגעקוקט און אלע האָבן דורך זייערע בליקן אויסגעדריקט דעם זעלבן מוראדיקן געדאַנק:
„דאָס איז ר' טוביהס לעצטער חצי־קדיש".

אַלע האָבן דערפילט, אז ניט דער לעבעדיקער און תמיד דינאַמישער ר' טוביה שטייט ביים עמוד, נאָר בלויז אַ שאָטן פון אים; אלע מתפללים האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אז דאָס זאָגט ער קדיש נאָך זיך אליין, און ביי אַ סך האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אַ ציטער איז דורך דורכן זאַל:
„ר' טוביה זאָגט קדיש נאָך זיך אליין!"

און ווירקלעך, — אין אַ קורצער צייט ארום האָבן די פאַרערער פון זיין מנין אָפּגעגעבן אים דעם לעצטן כבוד.
זיי האָבן אים באַגלייט צום בית־עולם.

באַרג אַראָפּ

אירע עלטערן אין ליטע האָבן זי חתונה געמאַכט מיט א יונגן מאַן — אַ מוסמך. דער נדן אירער איז געווען אן „אַפידייוויט״[1], אַ שיפס־קאַרטע און די נייטיקע סומע געלט אויף הוצאות פאר איר און איר מאַן צו פאָרן קיין דרום־אפריקע.

דאָס האָט געטראָפן מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק. זי און איר מאַן זיינען אָנגעקומען אין קייפּטאַון פאר די ימים־נוראים. איר מאַן האָט גלייך געקראָגן אַ שטעלע אַלס בעל־תפילה אין אַ דאָרף אין אָראַנדזש פריסטייט. דאָרט האָבן געוווינט פינף יידישע פאַמיליעס. האָבן זיי געבעטן איר מאַן ער זאָל בלייבן מיט זיי, ווי זייער רעוורענד פאר צען פונט שכירות א חודש.

ער איז מסכים געווען און זיי האָבן זיך באַזעצט אין דעמדאָזיקן דאָרף אין אַ נעבעכדיקער פּויערשער דירה.

אין עטלעכע חדשים ארום האָט זיך איין באלעבאָס צעקריגט מיט די אַנדערע, און די קליינע קהילה פון פינף יידישע פאַמיליעס איז צעפאַלן געוואָרן.

איז דער יונגער רב מיט דער רביצין געבליבן אָן חיונה. אז די קהילה איז בטל געוואָרן, איז ניטאָ פאַרן רב קיין שכירות. אין יענע יאָרן זיינען אין דרום־אפריקע געווען מער שוחטים און רעוורענדס, ווי שטעלעס; האָבן זיי ניט געהאַט וווהין צו גיין. זיינען זיי פארבליבן אין דעם דאָרף און געוואַרט ביז וואַנען די בעלי־בתים וועלן זיך איבערבעטן און פאַרמירן ווידער אַ קהילה.

און אזוי איז דאָס טאַקע געשען. די בעלי־בתים האָבן געמאַכט צווישן זיך שלום. נאָר דעם רב׳ס שכירות האָבן זיי פארקלענערט ביז זעקס פונט א חודש...

איז די רביצין מיט איר מאַן געזעסן אין דעם פּויערשן הייזל און געלעבט אין דחקות און אין דאגות.

איינמאָל האָבן זיי באַמערקט אין אַ צייטונג, אז א קהילה, נאָענט פון יאָהאַנעסבורג, זוכט אַ שמש פאר דער שול. האָט דער רב גלייך באַשלאָסן פאָרן אַהין און זען צו קריגן די שטעלע.

האָט זיך דער רב אויסגעפוצט אין זיינע שענסטע בגדים, וואָס ער האָט נאָך געהאַט פון זיין חתונה, מיטגענומען מיט זיך די סמיכות פון די גרויסע ליטווישע רבנים, און ער איז געקומען אין יענער שטאָט, ווו מען זוכט א שמש. ער האָט אויפגעזוכט דעם גבאי פון שול און זיך פאר אים פאָרגעשטעלט.

דער גבאי האָט צונויפגערופן א זיצונג פון קאָמיטעט. ער האָט זיי דערציילט, אז אַ יונגער מאַן איז צו אים געקומען; זיין הילוך איז מאָדנע קאָמיש,

---

[1] פאָרמעלע פאָדערונג פון א קרוב צו קומען אין לאַנד.

ער טראָגט אַ פּראַק מיט צו־קורצע הויזן. ער זאָגט, אז ער איז א מוסמך פון גרויסע ליטווישע רבנים, און „ער וויל ווערן אונדזער שמש". זיינען די קאָמי־טעט־מיטגלידער זיך מתווכח און מישב. איינער זאָגט, אז א שמש א מוסמך איז גאָרניט שלעכט; אדרבה: זיי וועלן פארשפּאָרן צו האלטן א רב. אן אנדערער זאָגט: ווו שטייט דאָס געשריבן, אז א רב קען ניט זיין קיין שמש? אז א ייד זוכט צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט, טאָר מען אים ניט אָפּשטויסן. רופט זיך אָבער אָפּ א דריטער, אז פון א רב א שמש וועלן זיי האָבן געהאַקטע צרות, ווייל ער וועט זיין צו „טשיקי"[1]. ער וועט וועלן, אז די בעלי־בתים זאָלן פאַר אים דרך־ארץ האָבן.

די דאָזיקע מיינונג איז כמעט אלעמען געפעלן געוואָרן, און זיי האָבן באַ־שלאָסן אים ניט אָנצונעמען.

האָט ער זיך געמוזט צוריקקערן מיט גאָרניט.

איניקע חדשים שפּעטער האָט ער און זיין ווייב ווידער באַמערקט א מודעה אין אַ צייטונג, אז אין אַ געוויסער גרויסער קהילה זוכט מען אַ העברעאישן לע־רער. איז ער אוועקגעפאָרן אין יענער שטאָט אָננעמען די לערער־שטעלע. האָבן די גבאים אים געשיקט צום דאָרטיקן רעוורענד פאַר מבינות. אָבער, ווי נאָר דער רעוורענד האָט געזען זיינע סמיכות, האָט ער אים גלייך געהייסן פאָרן צוריק אהיים...

ענדלעך האָט ער געקראָגן אַ שטעלע אין אַ קליין שטעטעלע אין אָראַנדזש־פּריסטייט. האָבן זיי זיך דאָרט באַזעצט אין אַ האַלב־איינגעפאַלענער הייזקע. די באַלעבאָסטעס האָבן מנדב געווען מעבל. איינע האָט געגעבן א האלב־צעבראָ־כענעם טיש, א צווייטע האָט געגעבן אַ פּאָר אַלטע בענקלעך, א דריטע האָט געגעבן אן אלטן אלמער, און אַנדערע האָבן געגעבן א לאָקשן־ברעט און נייטי־קע כלים. אַ פּאָר אייזערנע בעטן האָבן דערגאַנצט די אויסשטאַטונג פון דער דירה.

איז די יונגע רביצין טראָגעדיק געוואָרן. האָבן די שטעטלדיקע בעלי־בתים מיט זייערע ווייבער מתפּלל געווען, אז די רביצין זאָל געבוירן אַ מיידל, ווייל אויב, חס ושלום, זי וועט געבוירן א זון, וועט דאָס שטעטל דאַרפן אויף אייגענע הוצאות פּראַווען דעם ברית, דעם פּדיון־הבן און באַצאָלן דעם מוהל.

וואָס האָט אָבער גאָט געטאָן? אויף צו להכעיס די שטעטלדיקע בעלי־בתים און זייערע ווייבער האָט זי געבוירן א יינגל. איז דאָס שטעטל צעשפּרונ־גען געוואָרן פון כעס, ווייל דער ברית און דער פּדיון־הבן האָבן זיי אָפּגעקאָסט אַ שיינע פּאָר פונט...

אין א קורצער צייט שפּעטער, האָבן די באַלעבאָסטעס פון שטעטל אויס־געפונען, אז די רביצין שוואַנגערט ווידער...

האָט איר מאַן געמוזט זוכן, און טאַקע געקראָגן א שטעלע אין א גרעסערן שטעטל. דאָרטן איז געווען א שוחט־רעוורענד. נאָר אין יענעם שטעטל האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער פון מחלוקת צווישן די בעלי־בתים, און זיי האָבן זיך

[1] העזה'דיק.

צעטיילט אין צוויי קהילות. אזוי ארום איז איר מאַן געווען דער צווייטער רעוורענד דאָרטן. וואָלט דאָס אים ניט צופיל געאַרט: צוויי רעוורענדס קענען זיך צוזאַמענריידן און לעבן בשלום. און אזוי איז טאַקע געווען. אָבער די צדדים האָבן דאָס ניט געקענט צוזען, און זיי האָבן געפירט אזוי, אז די רעוורענדס זאָלן זיך קריגן...

דערווייל האָט זיך איר מאַן אויסגעלערנט ריידן און שרייבן ענגליש, און אירע קרובים אין יאָהאַנעסבורג האָבן אים גערופן צו קומען קיין יאָהאַנעסבורג און פטור ווערן פון זיינע „גאָלדענע שטעלעס“.

זיי האָבן פאר אים געקראָגן א שותף מיט וועמען צו עפענען א ביוראָ און צו ווערן אַן „עסטייט“-אגענט[2].

איצט וווינט זי מיט איר מאַן און קינדער אין שטאָט. זיי האָבן ניט איבער זיך קיינע בעלי־בתים. ער איז אַ שטוב־זיצער, איינגעשלאָסן אין זיך.

זי האָט צו אים טענות, פארוואָס ער נעמט ניט קיין אנטייל אין געזעל־שאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין שטאָט. זי האַלט, אז ער איז אַ צו גרויסער בטלן. דערצו־נאָך איז ער אַנטוי׳שט אין לעבן. זיין נייע אַרבעט געפעלט אים ניט. ער וואָלט וועלן שטודירן, לערנען אין אוניווערסיטעט, אָדער בכלל זיך פאַרנעמען מיט גייסטיקע ענינים. אָבער, אַפנים, אזעלכע זאַכן קענען ניט גע־טאָן ווערן אָן אַ סך געלט; און דאָס וועלן זיי קיינמאָל ניט האָבן. זי גופא איז צופרידן צו זיין בעסער אַ ווייב פון אַן „עסטייט“-אגענט, איידער זיין אַן אפריקאַנער רביצין. זי ווייסט שוין דעם אונטערשייד. זי האָט דורכגעלעבט א סך דערנידעריקונגען און עגמת נפש פון איר מאַנס שטעלעס, און אירע איי־גענע צרות, ווי אַ ווייב פון אַ רעוורענד.

דרום־אפריקע דאַרף ניט קיינע רבנים, קיינע תלמידי־חכמים. זי דאַרף אַגענטן און הענדלער; „נו — האָט זי פארענדיקט — איז מיין מאַן אַן אגענט, אַ הענדלער“...

---

[2]) אַ מעקלער פון הייזער.

דער „גייסטיקער מנהיג"

ר׳ רפאל זעלבסטער איז געבוירן געוואָרן אין א דרום־אפריקאַנער שטאָט ביי א פאַרמעגלעכער אימיגראַנטן־פאַמיליע. זיינע עלטערן, איבערהויפּט זיין זיידע, זיינען געווען פשוטע און גוטע יידן. זיי האָבן געפּייערט אלע יידישע יום־טובים, געהאַלטן א כשר הויז און געגעבן צדקה. שטילע מענטשן זיינען זיי געווען, און געפירט אַ שטיל און באַשיידן לעבן.

איז דער יינגל רפאל אויפגעבראַכט געוואָרן אין יידישן גייסט. ער האָט גע־לערנט אין חדר, געדאווענט אין שול, און נאָך זיין בר־מצווה האָט זיין זיידע, אויף זיין אייגענעם חשבון, אים איבערגעגעבן אין די הענט פון א ספּעציעלן לערער, וועלכער האָט מיט אים געלערנט יידישע לימודים, איינשליסנדיק משנה און גמרא.

רפאל איז געווען אַ בעל כשרון, און ווי א שוואָם האָט ער אין זיך איינגע־זאַפּט אלץ, וואָס ער האָט געלערנט.

מאַכט זיך, אז א משולח פון א גרויסער פּוילישער ישיבה איז אראָפּגע־קומען אין יענער שטאָט, און ער איז איינגעשטאַנען ביי רפאלס זיידן אין שטוב.

דערציילט דער זיידע דעם משולח וועגן זיין גוטן אייניקל. ווערט דער משולח נייגעריק צו זען אים. ברענגט מען רפאלן, און דער משולח פאַרהערט אים אין תנ"ך, אין גמרא, און ער געפינט אויס, אז עס איז טאַקע אמת: ער איז אַ געראָטענער, א בעל כשרון. זאָגט דער משולח צום זיידן, אז אזא יינגל איז אָנגעבוירן פאַר א ישיבה. דאָרט וועט פון אים ארויסקומען א לייט. ער קען ווערן אַ צירונג פאַר דרום־אפריקאַנער יידן.

יענע נאַכט האָט דער זיידע ניט געקענט איינשלאָפן. ער האָט געזען זיין אייניקל צווישן די הונדערטער ישיבה־לייט; ער האָט אים געזען ארומגע־רינגלט מיט פיל צענדליקער בחורים, וועלכע שטייען און הערן זיך צו צו זיין „ריידן און לערנען"; ער האָט אים אויך „געזען", ווי ער קערט זיך אום קיין דרום־אפריקע א מוסמך...

זינט דאַן, איז דער זיידע געוואָרן אומרואיק, און זיין באַציונג צו רפאלן איז געוואָרן ערנסטער פון טאָג צו טאָג. ער פלעגט זיך אָפט מתיחד זיין מיט אים און אים דערציילן וועגן די יידן אין פּוילן און וועגן זייערע גרויסע ישיבות; ער פלעגט אים דערציילן וועגן די ישיבה־לייט, וועגן זייער פרומקייט און מסירת־נפש צום לערנען. רפאל איז געוואָרן פאַראינטערעסירט אין ישיבהשן לעבן, און ווען זיין זיידע האָט אים געפרעגט, אויב ער וואָלט מסכים געווען צו פאָרן קיין פּוילן לערנען, — האָט רפאל געענטפערט, אז ער וואָלט געווען מוכן ומזומן דאָס צו טאָן.

דאַן איז דער זיידע אוועק צו רפאלס טאַטע־מאַמען און האָט מיט זיי גע־רעדט וועגן שיקן זייער זון קיין פוילן אין אַ ישיבה.

דער זיידע האָט אויף זיך גענומען צו דעקן אַלע הוצאות, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיט דעמדאָזיקן פּלאַן. ער האָט זיי אויך דערציילט, אַז אויב דער דאָזיקער ענין וועט זיך איינגעבן, און רפאל וועט אַראָפּקומען אַ מוסמך פון דער ישיבה, וועט ער מאַכן רפאלן פאַר זיין יורש: רפאל וועט נאָך זיין טויט ירשנען דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַרמעגן...

האָבן טאַטע־מאַמע זיך געוואונדערט אויף דעמדאָזיקן פּלאַן. אַזאַ זאַך האָט נאָך אין אפריקע ניט געטראָפן. מען שיקט קינדער שטודירן אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, האָלאַנד און אמעריקע, אָבער שיקן אַ קינד לערנען אין אַ פּוי־לישער ישיבה!!! — דאָס האָט נאָך אין אַפריקע ניט פּאַסירט.

האָבן טאַטע־מאַמע יענע נאַכט ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן.

פון דעמאָלט־אָן האָבן זיי אָנגעהייבן קוקן אויף רפאלן מיט אַנדערע אויגן — מיט היימישע אויגן, מיט פויליש־יידישע אויגן.

און דער זיידע האָט ניט גערוט. ער האָט געמאָנט. ער האָט זיך געבעטן. ער האָט געפּאָדערט, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן איינווילִיקן אויף זיין פּלאַן.

און ווען דער משולח פון דער ישיבה איז ווידער געקומען אין שטאָט, איז ער ווידער איינגעשטאַנען ביי רפאלס זיידן אין שטוב. דער זיידע האָט געבעטן דעם משולח זיך דורכריידן מיט טאַטע־מאַמע וועגן שיקן רפאלן אין ישיבה אַריין.

טאַטע־מאַמע אָבער האָבן פאַרשפּאָרט דעם משולח די טירחה. זיי זיינען אַליין געקומען צום זיידן אין שטוב זען דעם משולח, און זיי האָבן דעם זיידן אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זיי זיינען מסכים אויף זיין פּלאַן. אויך זיי געפינען איין, אַז רפאל וועט זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ פּוילישער ישיבה; און אפשר איז גאָר דער דאָזיקער וועג דער בעסטער פאַר אים...

רפאל איז אוועקגעפאָרן קיין פוילן און איז אָנגעקומען אין דער גרויסער ישיבה, ווו הונדערטער יונגע בחורים האָבן געלערנט. פון אָנהויב האָט אין רפאלס אויגן אַלץ אויסגעזען מאָדנע, משונהדיק־פרעמד: דער הילוך פון די ישיבה־בחורים; זייער האַלטונג און זייער באַנעמען זיך זיינען געווען פאַר אים עפּעס עקזאָטיק. די פאַרוואַלטונג פון דער ישיבה האָט פון אים געמאַכט אַ גאַנצן ווזען: ער איז דאָך געווען דער איינציקער בחור פון אַ גאַנצער מדינה מעבר לים. דאָס האָט געמיינט אַ סך, סיי מאַטעריעל און סיי מאָראַליש...

מיט דער צייט האָט רפאל זיך אַריינגעפּאַסט אין ישיבה־לעבן, און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן לערנען. דער ראש־ישיבה האָט אים באַזאָרגט מיט אַ ספּעציעלן רבין, וואָס האָט אים ביסלעכווייז צוגעגרייט צום ישיבה־פּראָגראַם. ער האָט אים אויך באַזאָרגט מיט אַ גוטער אכסניה. זיין זיידע אין דרום־אַפריקע האָט אים באַזאָרגט מיט גענוג געלט פאַר אַלע זיינע הצטרכותן. אַזוי אַרום האָט רפאל געקענט לערנען אומגעשטערט.

עס זיינען אוועק פינף יאָר און רפאל האָט געקראָגן סמיכה. זיינע עלטערן האָבן אים אויפגעפּאָדערט צו קומען אַהיים.

ער האָט אָבער קיין גרויסן חשק ניט געהאַט צו פאָרן קיין דרום־אפריקע. ער האָט געוווסט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געלערנט אין די פינף יאָר, איז דאָרטן — אין דרום־אפריקע — ניט קיין גאַנגבאַרע סחורה. ער האָט אויסגע־דריקט זיין חשש פאַרן ראש ישיבה און פאַר זיינע חברים. ער האָט זיי דער־ציילט, אַז אין דרום־אפריקע דינען אַלע צום עגל הזהב. יידן פארקויפן זייער יידישקייט, זייער שבת און יום־טוב צוליב געלט, און ער האָט מורא, אַז ער זאָל אויך ניט נכשל ווערן... אזוי האָט זיך רפאל באַקלאָגט.

האָט איינער אַ זאָג געטאָן צו אים: „האַלט מלחמה מיטן יצר־הרע, מיטן יצר־הרע׳ס כלי זיין. אויב דו האָסט מורא פאַרן עגל הזהב, ווער אליין אַן אָפּ־גאָט און מענטשן וועלן דיר דינען און באדעקן דיך מיט גאָלד. טו אזוי ווי עס טוען די חסידישע רביים אין פוילן״.

פארן פאַרלאָזן פוילן האָט ער באזוכט אייניקע חסידישע הויפן, און האָט אָבסערווירט אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן.

* * *

רפאל איז צוריקגעקומען קיין אפריקע אלס רבי רפאל זעלבסטער. דער זיידע האָט געמאַכט פאַר אים א גרויסן קבלת־פנים. אייניקע געזעלשאַפטן האָבן געטאָן דאָס זעלבע. אויף אַלע פאַראַנשטאַלטונגען, לכבוד אים, האָבן די רעדנער באַצייכנט דעם פאַקט, אַז ר׳ רפאל זעלבסטער איז דער אָנהייבער פון א נייער היסטאָרישער תקופה אין לעבן פון אפריקאַנער יידנטום; ער איז דער ערשטער דרום־אפריקאַנער געבוירענער רבי. זיי האָבן אים פאַרזיכערט די אונטערשטי־צונג פון אַלע יידן אין דרום־אפריקע, פון אַלט און יונג. די יידישע יוגנט וועט אים פאָלגן, ווייל ער איז דאָך איינער פון זיי.

רבי זעלבסטער האָט גלייך געקראָגן א גוטע שטעלע פארן גייסטיקן מנהיג, און — ער האָט אָנגעהייבן „פראַוועז טיש״. ער האָט זיינע חסידים, וועלכע זיי־נען תמיד גרייט אים צו דינען. אָט די־דאָזיקע חסידים פארשפרייטן זיין נאָמען און דערציילן וועגן זיין גרויסקייט. עס איז מקוים געוואָרן דער ווונטש פון יע־נעם ישיבה־חבר אין פוילן: אַנשטאָט ניט צו דינען דעם גאָלדענעם קאַלב, איז ער אליין געוואָרן אַן אָפּגאָט אין דער בחינה פון אַן עגל הזהב. יאָ, זיין שטוב איז טאַקע פול מיט גאָלד און זילבער, מיט מתנות פון זיינע רייכע דרום־אפרי־קאַנער חסידים.

רבי זעלבסטער האָט אָרגאַניזירט אייניקע יוגנט־גרופעס, מיט וועלכע ער פאַרברענגט געוויסע שעה׳ען. ער רעדט צו זיי אין ענגליש וועגן יידן און יידיש־קייט, און ער איז זיי מקרב צו די יידישע אידעאַלן.

רבי זעלבסטער האָט חתונה געהאַט מיט א דרום־אפריקאַנער מיידל, וועל־כע העלפט אים אין זיין ארבעט. זי האָט אָרגאַניזירט מיידלעך־גרופעס, מיט וועלכע זי לערנט יידישקייט.

און אזוי איז דאָס הויז פון רבי רפאל זעלבסטער געוואָרן אַ צענטער פון יידישקייט. די האָפנונגען פון רבי זעלבסטערס זיידן זיינען פארווירקלעכט געוואָרן...

אָן אַ דאַך

אין משך פון יאָרן האָב איך זייביידן געזען זיצן אויפן זעלבן באַנק אונטער אַ בוים, אין איינעם פון די שפּאַצירגערטנער אין יאָהאַנעסבורג.

ער און זי, — ביידע ענלעך אין הויך און אין אָנבליק, פלעגן כמעט יעדן טאָג אין די אָונט־שעה׳ען אין משך פון גאַנצן זומער טרעפן זיך אויף דעמדאָזיקן אָרט. מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך געפין זיי זיצן שטענדיק אין דער זעלבער פּאָזע: זייערע קעפּ געבויגן איינער צום צווייטן, און זייערע אויגן — אַראָפּגע־לאָזן, ווי זיי וואָלטן בלויז געקוקט אין זיך גופא, איגנאָרירנדיק דעם גאַנצן אַרום.

* * *

זיי שטאַמען ביידע פון אַ חשובער שטאָט אין דער ליטע. זיי זיינען נאָענטע קרובים פון דער זעלבער משפּחה. אין זייער געבורט־שטאָט פלעגן זיי זיך ווייניק טרעפן. די משפחה איז געווען אַ גרויסע, און אלע זיינען געווען ביטערע אָרעמע לייט. יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט זיך אליין.

זי האָט חתונה געהאַט זייער יונג און האָט באַוויזן צו ווערן אַ מוטער פון דריי קינדער, נאָך אידער זי איז געוואָרן 25 יאָר אַלט. ער האָט אויך חתונה געהאַט זייער יונג און איז זייער פרי געוואָרן אַ פאָטער פון צוויי קינדער. ער איז געווען אַ היטל־מאַכער און זיך שטאַרק געמאַטערט.

זי האָט געהאַט אַ מאַן — אַ יידישן אינטעליגענט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטן פאַך. ער האָט זיך געריסן צו מאכן אַ לעבן. איר מאַן האָט גע־פּרובירט טאָן אלץ. ער האָט זיך געריבן ארום יידישן טעאַטער אין שטאָט; ער האָט זיך געדרייט ארום די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס; אָבער קיין לעבן האָט ער נישט געקענט מאַכן. האָט זי געלעבט אין גרויס דחקות; זי איז שטענדיק געווען פארנומען מיטן האָדעווען אירע קינדער, און האָט גע־וואַרט אויף אַ ישועה.

און — אז מען וואַרט, דערוואַרט מען זיך. די ישועה איז געקומען אין גע־שטאַלט פון אַ דרום־אפריקאַנער רייכן אָנקל, וואָס איז געקומען אויף אַ באַזוך אין דער היים־שטאָט.

דער אָנקל איז געקומען אויף קבר־אבות. ער איז שוין איבער דרייסיק יאָר געווען אוועק פון זיין געבורט־שטאָט. אין די דאָזיקע דרייסיק יאָר זיינען אוועק־געשטאָרבן זיינע עלטערן און כמעט דער גאַנצער אלטער דור, וועלכן ער האָט געקאָנט. ער האָט געפונען אַ נייעם דור מיט נייע לעבנס־פאָרמען. אלץ האָט זיך געענדערט אין זיין געבורט־שטאָט. ער האָט געזוכט די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע און ער האָט געפונען אַ סך מער, ווי ער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן.

זיי אַלע זיינען געקומען טרעפן זיך מיטן רייכן אַפריקאַנער אַנקל. יעדערער האָט געבעטן ביי אים שטיצע.

דער אַפריקאַנער אַנקל איז געווען אַ רייכער מאַן. ער איז געווען דער באַלעבאָס פון א גרויסן געשעפט אין א גרויסער שטאָט אין נאַטאַל. איז ער אָבער געווען אַ קאַרגער און זיך געקענט שיידן מיט געלט נאָר דאַן, ווען עס איז געווען א האָפנונג, אז די דאָזיקע סומע געלט וועט מיט דער צייט אריינ־ברענגען אַ געוויסן ריווח.

סתם זיך שיידן מיט געלט האָט ער נישט געקענט. האָט ער באשלאָסן אויסצונוצן זיין באַזוך אויף קבר־אבות פאר זיינע געשעפטן.

זיין געשעפט איז געווען א ברייט־פאַרצווייגטער. ער האָט באַשעפטיקט צענדליקער ארבעטער און אַנגעשטעלטע. פארוואָס זאָל ער נישט אויסנוצן די געלעגנהייט איצט אין זיין געבורט־שטאָט? ער קען דאָך אויסקלייבן פון די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע אזעלכע, וואָס קענען אים ברענגען נוצן אין דרום־אפריקע. דורך דעם וועט ער געווינען צוויי־פאַכיק: ער וועט בלייבן א שיינער מענטש, א גוטער אַנקל ביי דער פאַמיליע, און גלייכצייטיק וועט ער אויך מעג־לעך פראָפיטירן; „גרינע" ארבעטן פאר אַ סך ביליגער.

האָט דער אַנקל גענומען קלייבן, און ער האָט אויסגעקליבן דערוויל בלויז צווייען: דעם היטל־מאַכער און די פרוי פון דעם יידישן אינטעליגענט. ער האָט אויסגעבראַקירט איר מאַן, ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון אינטעלי־גענטן; „זיי טויגן נישט אַ קאַץ אַן עק צו פאַרבינדן". זיי זיינען לא יוצלח׳ס.

זי האָט אויף אים געמאַכט א בעסערן איינדרוק, ווי איר מאַן. ער האָט אין איר דערפילט א דינאַמישע פערזאָן, וואָס איז אנטשלאָסן צו טאָן אלץ, אבי צו ראַטעווען איר פאַמיליע פון ביטערער נויט. האָט ער איר געהייסן אויסלערנען זיך מאַכן קאָרסעטן. ער האָט צוגעזאָגט אינגיכן ארויסצושיקן פון דרום־אפריקע די נייטיקע „אַפידייוויטס" פאר איר און פאַרן היטל־מאַכער, און אויך די נייטיקע הוצאות מיט שיפס־קאַרטן.

* * *

ער און זי — דער היטל־מאַכער און די קאָרסעטן־מאַכערין — זיינען גע־פאָרן אויף דער זעלבער שיף קיין דרום־אפריקע. די שיף איז געווען א דריט־ראַנגיקע, א ביליגע, א לאַנגזאַמע.

איבער דריי וואָכן זיינען זיי געפאָרן פון לאָנדאָן קיין דערבן. זייער ווייניק יידישע עמיגראַנטן זיינען געווען אויפן שיף; בלויז עטלעכע פאַראומערטע, קליינשטעטלדיקע מיטל־יאָריקע יידן. די איבעריקע זיינען געווען ענגלענדער. זיי ביידע האָבן זיך געפילט ווי אין א פרעמדער וועלט. זיי האָבן קיינעם נישט געקאָנט און קיינער האָט זיי נישט געקאָנט. האָבן זיי זיך צוגעטוליעט איינער צום אנדערן. זייער ציל איז געווען אַ געמיינזאַמער: מען פאָרט צום זעלבן אָרט און צום זעלבן מענטשן. דער צוועק פון זייער פאָרן איז אויך געווען דער זעלבער: ביידע זיינען געפאָרן פאַרדינען געלט כדי צו ראַטעווען זייערע פאַ־מיליעס פון גרויסער דחקות.

לאַנג זיינען געווען די טעג אויפן שיף, און אומעטיק זיינען געווען די פינצ־טערע נעכט. האָבן זיי זיך געהאַלטן נאָענט איינער צום צווייטן. זיי האָבן גע־רעדט וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט, וועגן זייערע קינדער־יאָרן, וועגן זייערע קרובים, וועגן זייערע פריינד און באקאנטע; זיי האָבן געחלומט צוזאַמען וועגן זייער צוקונפט אין דרום־אפריקע, וועגן דעם נייעם לעבן, וואָס זיי שטייט פאָר איצט אָנצוהייבן אין דער נייער וועלט. שיינע און רייכע חלומות האָבן זיי גע־וועבט צוזאַמען. דאָס גאַנצע צוקונפטיקע לעבן איז געווען פול מיט צוזאָגן, מיט זונען־שטראַלן און מיט ערדישן גליק. א סך טעג איז דער ים געווען רואיק, און די שיף האָט זיך רואיק געגליטשט איבערן טיף־בלאָען ים.

ער און זי האָבן זיך געפילט, ווי ניי־געבוירענע קינדער, פאַרוויגט פון זייער גוטער מאַמען, באַגלייט מיט א זיסן וויג־ליד...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, וואָס זיי ביידע האָבן זיך געפילט אזוי גליקלעך, אזוי צופרידן. און, ווען די ענגלישע פּאַסאַזשירן האָבן אָרגאַניזירט קאָנצערטן און טענץ, האָבן זיי ביידע, ספּאָנטאַן אריינגע־פלאָכטן זיך צווישן אלע פאַרלעך טענצער, און זיי האָבן געטאַנצט און געטאַנצט ביז שיכּרות.

אזוי זיינען פאַרלאָפן די טעג און די נעכט אויפן שיף.

* * *

זייער דרום־אפריקאַנער אָנקל האָט זיי מקבל־פּנים געווען אין דערבן, און האָט זיי געבראַכט צו זיך אהיים. ער איז געווען פריינדלעך און ער האָט זיי גע־לאָזן לאַנגזאַם און ביסלעכווייז „אויסגרינען“ זיך און זיך אריינפּאַסן אין די ראַ־מען פון זיין גרויסן געשעפט.

ביידע — זי און ער — זיינען געווען פעאיקע מענטשן מיט אַ ווילן און מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. זיי זיינען געווען יונג און שיין, און זיינען כמעט שטענדיק געווען צוזאַמען. צוזאַמען האָבן זיי געלערנט די ענגלישע שפּראַך, געגעסן צוזאַמען, געשפּאַצירט און פאַרבראַכט.

און, וואָס מער זיי זיינען געווען צוזאַמען, אלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער צובונד צווישן זיי. זיי פלעגן צוזאַמען זיצן און שרייבן בריוו; זי — צו איר מאַן, און ער — צו זיין פרוי. זיי ביידע פלעגן מאַכן „דראַפטן“*) און שיקן זיי יעדן חודש אהיים; און ביידע האָבן נישט באַמערקט, אז זייער צובונד צו דער אלטער היים ווערט שוואַכער און שוואַכער. סיי די בריוו און סיי די „דראַפטן“, וואָס זיי שיקן אהיים, זיינען געווען בלויז פאָרמעלע זאַכן, וואָס ווערן געטאָן מעכאַניש, אויטאָמאַטיש, אָן אַ ווילן.

א לאַנגע צייט האָבן ביידע נישט באַמערקט קיין ווידערשפּרוך צווישן זייע־רע קעגנזייטיקע באַציאונגען און געפילן, און צווישן זייערע פליכטן צו די, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן אין זייער אַלטער היים. זייער לעבן איז געפלאָסן נאַ־טירלעך; זייער שיף האָט זיך נאָך אלץ געוויגט אויף שטילע, פון זון באַגילדעטע

*) געלט־איבערווייזונגען.

וואַסערן. ביז, איין טאָג האָבן זיך בײדנס אויגן געעפנט ברייט, און זיי האָבן אנטפּלעקט זייער גרויסן סוד, וואָס איז לאַנגזאַם געוואַקסן און זיך אנטוויקלט אין זייערע בײדנס הערצער: דער סוד פון זייער קעגנזייטיקער גרויסער ליבע: אַזאַ ליבע, וואָס וויל נישט וויסן פון קיינע צוימען און גרענעצן...

* * *

זי איז אוועק קיין יאָהאַנעסבורג. ער איז אָבער גלייך נאָכגעקומען. זי האָט אים פאַרווערט צו קומען צו איר אין הויז, ווו זי איז איינגעשטאַנען. זיי האָבן זיך אָבער געטראָפן כמעט יעדן טאָג אין שפּאַציר־גאָרטן. בײדע האָבן אָנגעהייבן פּלאַנירן, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון זייערע פאַמיליעס אין דער אַלטער היים. זי איז געווען די ערשטע צו ווענדן זיך צו איר מאַן שריפטלעך מיט דער בקשה, אַז ער זאָל איר פריי־לאָזן. זי האָט געבויט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש. איז זי געווען זיכער, אַז ער וועט איר פאַרשטיין. ער וועט אַנערקענען אירע פּערזענלעכע רעכטן צו זיין פריי.

עס האָט זיך אָבער גיך ארויסגעוויזן, אַז אַזעלכע זאַכן טוען זיך נישט לייכט. איר מאַן, דער אינטעליגענט, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן א גט. זיינע מאָטיוון זיינען געווען, אַז לטובת די קינדער מוזן עלטערן מקריב זיין זייערע פּערזענלעכע געפילן און זייער פרייהייט.

דעם היטל־מאַכערס פרוי האָט זיך בכלל אָפּגעזאָגט. זי האָט אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן אַ גט.

די לאַגע איז געוואָרן אַ סך ערגער, ווי פריער. בײדע האָבן אָנגעהייבן קריגן בריוו מיט זילזולים, מיט פאָדערונגען, אַז זיי זאָלן זייערע קינדער גלייך אריבערנעמען קיין אפריקע.

* * *

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט חרוב געמאַכט די אַלטע היים. בײדע, ער און זי, האָבן פאַרלוירן זייערע משפחות. זיי, דאָ, האָבן נישט חתונה געהאַט. זיי לעבן באַזונדער.

בלויז אין די אָוונטן, נאָך דער ארבעט, טרעפן זיי זיך אין דרויסן, אין שפּאַציר־גאָרטן. דאָרטן זעצן זיי פאָר זייער שטאַרקע ליבע, וואָס איז אָן אַ דאַך און אָן אַ האָפענונג.

פאַרוואָס וויינט די מאַמע?

די יידישע באַפעלקערונג אין יעאָווילי[1]) האָט זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרמערט. אין דער יעאָווילער שול קומען פאָר אַ סך בר־מצווה־פייערונגען; און גיין שבת אינדערפרי דאַוונען אין שול — הייסט גיין אויף אַ בר־מצווה־שמחה.

און דאָס מיינט אַ סך זאַכן; עס מיינט טרעפן זיך מיט אַ סך באַקאַנטע, וועלכע מען האָט ניט געזען שוין יאָרן; עס מיינט צו טרעפן זיך מיט אַן עדה יידן מיט שמייכלענדיקע פּנימער; עס מיינט אויך זען אַ שיינע צערעמאָניע, אַ רעליגיעזע פאָרשטעלונג אויסגעפּילט מיט רעליגיעזע געזאַנגען.

דאָס רוב פון די בר־מצווה־ייִנגלעך זיינען טאַלענטירטע קליינע אַקטיאָרן, וואָס קענען פארכישופן דעם עולם מיט זייער קינדערשן חן. עס זיינען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אויסנאַמען, ניט קיין גערעטענע קינדער — קינדער מיט ניט קיין שיינע שטימעס, קינדער, וואָס מאַכן גרייזן אין דעם מפטיר און אין דער הפטרה.

אָבער די פריילעכע שטימונג, וואָס פּילט אָן דעם געפּאַקטן בית המדרש, זאַפּט איין אַלע שוואַכקייטן און פעלערן, און די שטימונג בלייבט אַ פריילעכע.

דער בר־מצווה איז דער פּרינץ און אַלע פרייען זיך מיט אים.

אָבער איינמאָל בין איך בייגעווען אַ בר־מצווה אין שול, וואָס איז געווען אַנדערש אין אַלע הינזיכטן.

די שול איז ניט געווען ארומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אויטאָמאָבילן, און אין שול גופא איז דער עולם געווען זייער אַ קליינער. די פאָדערשטע בענק אַנטקעגן ארון קודש, וווּ עס זיצן געוויינלעך קרובים פון בר־מצווה, זיינען דאָס מאָל געווען ניט באַזעצט. בלויז צוויי זיינען דאָרט געזעסן, — דער בר־מצווה מיט זיין מוטער ברודער. דער חזן האָט אָנגעפירט מיטן דאַוונען ווי געוויינלעך, און דער קליינער קהל האָט אפילו ניט באַמערקט דעם בר־מצווה. די ווייבער־שול איז כמעט געווען ליידיק, און דעם בר־מצווה׳ס מוטער איז געזעסן און געהאַלטן אין איין ווישן די אויגן.

צו קריאת התורה איז דער בר־מצווה ארויף אויפן בימה און האָט, ווי אַ זינג־פייגעלע, אויסגעזונגען די גאַנצע סדרה „וישלח". ער האָט ניט געמאַכט קיין איין איינציקן גרייז. זיין ציגנעלע האָט זיך ניט פאַרהאַקט אפילו קיין איין מאָל. דאָס ביסל יידן אין שול זיינען געזעסן אַנטציקטע, און זיי האָבן זיך געבענטשט מיט אים. נאָך יעדער פרשה פלעגט דאָס ייִנגעלע ארויפקוקן צו זיין

[1]) אַ געגנט אין יאָהאַנעסבורג.

מאַמען אין דער ווייבער־שול. זי פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ צו אים און גלייכ־צייטיק ווישן די טרערן פון אירע אויגן. ער האָט ניט געוווּסט פאַרוואָס זיין מאַמע וויינט: דאַכט זיך, אז ער לייענט אזוי שיין, אזוי גוט. ער האָט דאָך אליין זיך אויסגעלערנט לייענען די תורה, ער האָט דאָך געהאָרעוועט טאָג און נאַכט כדי צו דערפרייען זיין מאַמען.

טאָ, פאַרוואָס וויינט זי איצט?

נאָך קריאת התורה, ווען די תורה איז צוריק אריינגעבראַכט געוואָרן אין ארון־קודש, האָט דער רב געהאַלטן אַ דרשה פאַרן בר־מצווה. ער האָט דער־ציילט די אלט־נייע געשיכטע מיט די אבות אברהם, יצחק און יעקב. אברהם אבינו האָט פון זיין פאָטער תרח גאָרניט באקומען. ווי א יתום האָט ער גע־מוזט זיך אליין ארויפארבעטן פיזיש און גייסטיק. יעקב אבינו איז צוליב זיין שלעכטן ברודער עשו פארטריבן געוואָרן פון זיין היים. דעריבער פארנעמען אברהם און יעקב א גרעסערן און חשובערן אָרט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווי יצחק, וועלכער איז געווען א יורש. ער האָט אלץ געפונען גרייט. זיין פאָטער האָט פאר אים צוגעגרייט.

דער רב האָט פארגליכן די לאַגע פון בר־מצווה מיט דער לאַגע פון אברהם און יעקב. דער בר־מצווה איז א יתום, זיין פאָטער האָט ער קיינמאָל ניט געזען, ווייל ער איז געשטאָרבן איידער דער בר־מצווה איז געבוירן געוואָרן; און ער דאַרף נעמען אברהמען און יעקבן פאר אביישפּיל אין זיין לעבן...

אָט האָט ער געהערט זיין לייענען די סדרה. אין זיין לאַנגער דערפאַרונג האָט ער נאָך ניט געהערט אזא גוטן לייענען. איצט דערוויסט ער זיך, אז דער בר־מצווה האָט אליין זיך צוגעגרייט. דאָס הייסט, אז ער קען דאָס טאָן אליין א סך בעסער, ווי אנדערע, וואָס טוען דאָס מיט דער הילף פון לערער. דאָס איז דער ערשטער גוטער באַווייז, אז ער דאַרף זיך ניט שרעקן פאר קיין זאַך, הגם ער איז א יתום.

דער רב האָט פארענדיקט מיט א ברכה.

נאָכן דאַוונען זיינען אַלע עלטערע יידן צוגעגאַנגען צום בר־מצווה און צו זיין מאַמען, און זיי געווונטשן מזל־טוב. זי האָט אלעמען פארבעטן צו זיך אויף ברכה. קיינער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט.

ביי זיך אין שטוב נאָך דער ברכה, האָט די אלמנה דערציילט איר לעבנס־געשיכטע.

זי איז אַ ליטוויש־יידישע טאָכטער. איידער זי איז געקומען קיין אפריקע איז זי געווען א וועש־נייטאָרין און א שניידערקע.

זי האָט חתונה געהאַט דאָ, אין דרום אפריקע מיט א ליטוויש־יידישן בחור. צום אומגליק איז ער געשטאָרבן דעם ערשטן יאָר נאָך דער חתונה. זי איז דעמאָלט געווען שוואַנגער, און איר איינציקער פארלאַנג איז געווען צו ראַטע־ווען דאָס קינד, וואָס דאַרף געבוירן ווערן און רופן אים מיט איר מאַנס נאָמען.

דאָס, וואָס זי האָט געקענט האלטן אַ נאָדל אין האנט, האָט זי געראַטעוועט פון הונגער און פון דערנידעריקונג. טאָג און נאַכט האָט זי גענייט און גלייכ־צייטיק דערצויגן איר איינציקן זון.

איר זון איז תמיד געווען אַ גוטער און אַן אײדעלער ייִנגל. ער האָט אָפּגע־שאַצט אַלץ, וואָס זיין מאַמע האָט געטאָן פאַר אים. זי איז גליקלעך מיט איר זון. אפנים, אַז אין דער צוקונפט וועט זי זיך קענען סומך זיין אויף אים. דערווייל וויל זי ער זאָל זיך לערנען. זי האָט נאָך געגנוג כוח צו האָרעווען פאַר אים. זי האָט געענדיקט מיט אַ כליפּען און טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן.

פאַרוואָס וויינסטו, מאַמע? אויב אַלץ איז גוט, אויב איך בין ביי דיר אַ גוט קינד, טאָ פאַרוואָס וויינסטו?

זי האָט דעם בר־מצווה געדריקט צו איר האַרצן און געזאָגט: „איך וויין ניט, מיין קינד, דאָס זיינען טרערן פון פרייד, פון גרויסער שמחה“.

טרערן פון שמחה! ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין? — האָט דער בר־מצווה ניט געקענט פאַרשטיין...

פנימער און „פּנימער“

אַז דער פּנים פון מענטשן שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין לעבן, איז כולא עלמא לא פליגי. אַלע זיינען אין דעם איינשטימיק.

אין וואָס־זשע דען איז די וועלט מחולק? בלויז אין דעם סאָרט פּנים.

ווייל די וועלט האָט אַזויפיל פּנימער און יעדער פּנים איז אַזוי אַנדערש!

איך האָב זיך פאַראינטערעסירט אין מענטשנס פּנים נאָך אין מיינע פריסטע קינדער־יאָרן.

דאָס האָט זיך אָנגעהייבן מיט מיין ערשטן קידוש לבנה.

...איך בין געשטאַנען צווישן אַן עדה יידן, אַלטע און יונגע, און צוזאַמען מיט זיי מקדש לבנה געווען. ביי דער לבנה־ליכט האָב איך געלייענט מיט כוונה דעם „סדר ברכת הלבנה“.

צוזאַמען מיט דער עדה יידן האָב איך אונטערגעשפּרונגען, זאָגנדיק דעם „כשם שאני רוקד כנגדך, ואיני יכל לנגע בך, כך לא יוכלו כל אויבי לנגע בי לרעה“, און, — אויפהויבנדיק דעם קול האָבן מיר צוזאַמען פייערלעך אויסגע־שריען דריי מאָל: „דוד מלך ישראל חי וקים!“

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַ גאַנצער מחותן מיט דער לבנה; זי איז מיר געוואָרן נאָענט צום האַרצן. איך פלעג זיך אָפט מיט איר מתיחד זיין. דורכן פענצטער פון מיין שלאָף־צימער פלעג איך זי אָבסערווירן.

איך פלעג שטודירן איר בלאַס פּנים. צייטנווייז פלעג איך אין דעמדאָזיקן פּנים זען צאַרטקייט, מילדקייט און איידלקייט, גוטמוטיקייט און פריינדלעכקייט.

אין יענעם מאָמענט האָב איך געגלייבט אין דעם, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר, אַז דאָס פּנים פון דער שיינענדיקער זון איז דאָס פּנים פון משה רבנו און דאָס פּנים פון דער לבנה, איז דאָס פּנים פון יהושע, משהס תלמיד.

און איך האָב געטראַכט: יאָ, טאַקע אַזוי האָט געדאַרפט אויסזען ס׳פּנים פון אַ תלמיד פון אַזאַ גרויסן רבי׳ן ווי משה רבנו.

שעהענלאַנג פלעג איך שטיין און קוקן אין דעמדאָזיקן פּנים, וועלנדיק אויסגעפינען נייע שטריכן — אַ קלייניקייט, משה רבנו׳ס תלמיד!

צייטנווייז, ווען איך פלעג זאָגן דעם „תנא דבי רבי ישמעאל“, פלעגט זיך מיר אפילו אָפּדאַכטן, אַז איך רייד זיך דורך מיטן אבינו שבשמים, מיטן האַר־ציקן טאַטן אין הימל, כביכול. פלעג איך מתפלל זיין צו אים, אַז ער זאָל ממלא זיין די פּגימת הלבנה און אומקערן צו איר דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון שבעת ימי בראשית.

אין האַרצן האָב איך גאָר מכוון געווען אַנדערע כוונות. די לבנה איז בלויז געווען דער סימבאָל פון מיין פאָלק, און איך האָב מתפלל געווען פאַר מיין פאָלק, פאַרן צוריקקער צו זיין אַמאָליקן גלאַנץ.

עס פלעגט אָבער אויך טרעפן, אַז איך האָב געזען אין דער לבנה בלויז אַ טויט־בלאַס, מעלאַנכאָליש־גלייכגילטיק פנים, וואָס דריקט ניט אויס קיין זאַך.

דעמאָלט האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט, פאַרוואָס מען גלייבט, אַז דאָס איז דאָס פנים פון יהושע בן־נון. סטייטש, היתכן? יהושע בן־נון, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיט איינאונדרייסיק מלכים און איינגענומען פאַר אונדז ארץ ישראל — — ווי קומט צו אים אַזאַ מעלאַנכאָליש־בלוטלאָז פנים!!!

זעט איר, משה רבנו׳ס פנים אין דער שיינענדיקער זון האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט. עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל: אַזוי טאַקע האָב איך געלערנט אין דער תורה, אַז משה רבנו האָט געמוזט טראָגן אויף זיין פנים אַ מאַסקע, ווייל זיין פנים האָט געשטראַלט מיט אַזאַ שטאַרקער ליכט, אַז דאָס פאָלק האָט ניט געקענט זיך איינקוקן אין זיין פנים. אַזוי טאַקע האָט געדאַרפט אויסזען אַ צדיק, אַ מלאך, אַ שרף.

אין די שטילע פאַרנאַכטן פלעג איך אין יענע צייטן הערן מעשיות פון הייליקע צדיקים, וואָס זייערע פנימער האָבן געשיינט, ווי די זון. זיי האָבן אויסגעשטראַלט פון זיך גוטסקייט, האַרציקייט, ליבשאַפט, רחמנות און וואַרעמקייט צו אַלעמען, וואָס זיינען געקומען מיט זיי אין באַרירונג.

מען האָט דערציילט מעשיות פון גרויסע מענטשן, וואָס אויף זייער פנים האָט גערוט די שכינה, ווייל זיי האָבן, ווי משה רבנו, גערעדט צו גאָט פנים אל פנים. און איך האָב אין דעם געגלייבט.

אַזוי איז געווען אַמאָל.

אַזוי, גלייב איך, זיינען נאָך איצט אויך דאָ מענטשן מיט לויטערע און ליכטיקע פנימער, וואָס שטראַלן אויס גוטסקייט און פריינדשאַפט, ליבשאַפט און טרייסט צו אַלעמען אין זייער סביבה.

עס זיינען, אָבער, צום באַדויערן אויך דאָ פנימער בלוטיקע, רויטע, רויט ווי עשו, גזלנישע, מלאך־רציחהדיקע פנימער, וואָס שלאָגן אָפּ רשעות, שלעכטסקייט און פאַרדאָרבנקייט.

עס זיינען דאָ עזות פנימער, וואָס האָבן קיין דרך ארץ ניט פאַר קיינעם. זיי טרעטן מיט די פיס אויף אַלץ, וואָס עס איז הייליק.

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס האָבן אַ חזיריש פנים, אָדער אַ הינטיש פנים.

עס איז דאָ אַ שיין פנים און עס איז דאָ אַ מיאוס און פינצטער פנים.

עס איז דאָ אַ זיס און עס איז דאָ אַ ביטער פנים. עס איז פאַראַן אַ זויער, אַן אומעטיק און אַ פריילעך פנים, אַ גליקלעך און אַן אומגליקלעך פנים.

אַ וועלט מיט פנימער!

עס איז דאָ אַן ארכי מחוצף פנים. עס איז אויך דאָ אַ בושת פנים. עס איז פאַראַן אַ יידיש פנים און אַ גוייש פנים; אַ קלוג און אַ נאַריש פנים; אַ קינדעריש, אַ יונג און אַן אַלט פנים; אַ ריין, אָדער אַ שמוציק פנים; אַ גלאַט, אָדער אַ באַוואַקסן, אָדער אַ צעקנייטשט פנים.

עס איז אויך דאָ אַזעלכעס, וואָס האָט אינגאַנצן קיין פנים ניט.

אין מיין יוגנט, ווען איך פלעג קומען פון דער ישיבה אויף יום טוב אהיים, און איך פלעג זיך צוכאַפּן צו מיינע חברים פון די קינדער־יאָרן, פלעגט מיין טאַטע מיך מוסרן און האַלטן אין איין זאָגן:

„עס האָט קיין פּנים ניט פאַר דיר צו חברן זיך מיט יונגען בעלי־מלאכות״...

און וואָס פאַר אַ פּנים האָבן די בעלי־מלאכות טאַקע געהאַט אין די אויגן פון דעם למדן!

עס איז תמיד געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם רב אין שטאָט צו זיין זהיר ונזהר, ניט קריכעריש צו חנפענען און ניט נושא פּנים זיין ביי דעם גביר, דעם תקיף. אָבער עס איז יאָ כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר אים מקבל פּנים צו זיין אַן אורח, א פּנים חדשות, פריינדלעך, בסבר פּנים יפות.

און ניט נאָר דער יחיד האָט אינגאַנצן אן אייגענעם , א באַזונדערן פּנים. אויך יעדער כלל האָט זיין באַזונדער פּנים.

די מנהיגים פון שטאָט רופט מען די פּני העיר, די פּני פון שטאָט. לויט דעם פּנים פון די מנהיגים פון דור, קען מען אָפּשאַצן דעם גייסטיקן ניוואָ פון דור, פון דעם גאַנצן כלל. „פּני הדור כפני הכלב״ — האָט אמאָל אַ תלמודיסט אָפּגעשאַצט זיין דור.

דאָס פּנים איז ביי אונדז יידן געווען פאררעכנט פאַר דעם שפּיגל פון האַרץ, פון טיפסטן אינערלעכן לעבן. דעם קודש הקדשים האָבן מיר באַצייכנט מיטן נאָמען „לפני ולפנים״.

אז אַ ייד פלעגט אַמאָל אָפּטאָן ניט קיין פאַסיקע זאַך, אָדער, אז עס פלעגט טרעפן ביי אים עפּעס ניט קיין שיינע זאַך, פלעגט דער דאָזיקער ייד אויסמיידן מענטשן; עס איז געווען א חרפּה און א שאַנד צו ווייזן פאַר מענטש דאָס פּנים!

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די דייטשן, נאָכן איינגעמען א געוויסע פוילישע שטאָט, געכאַפּט דעם רב פון שטאָט, שטייענדיק ביי א פענצטער, שאָקלענדיק זיך און מאַכנדיק באַוועגונגען מיט די הענט. דער רב האָט געדאַוונט מיט עקסטאַז.

די דייטשן אָבער האָבן ניט געגלייבט, אז דער רב האָט געמאַכט באַוועגונגען פון גרויס באַגייסטערונג. זיי האָבן חושד געווען דעם רב, אז ער איז געווען אַ רוסישער שפּיאָן, וואָס האָט געגעבן סיגנאַלן צו די רוסן. האָט מען דעם רב פאַרמשפּט צום טויט דורך שיסן.

אויספירנדיק דעם טויט־אורטייל האָט מען באַמערקט, אז דער רב קערט אַוועק דאָס פּנים אָן אַ זייט. האָט מען אים געהייסן האַלטן דאָס פּנים גלייך. אָבער ער האָט ווידער אָפּגעקערט דאָס פּנים אָן אַ זייט. ער האָט פאַר זיינע תלינים דערקלערט, אז ער וויל ניט פאַרדאַרבן זיין פּנים, ווייל דאָס פּנים פון מענטשן טראָגט אויף זיך דעם צלם אלהים — אין פּנים שפּיגלט זיך אָפּ דעם מענטשנס גאָט, זיין גלויבן...

* * *

יאָ, פּנימער, פּנימער און פּנימער. א וועלט מיט פּנימער, און יעדעס פּנים איז אנדערש.

לעצטנס, ארומפאָרנדיק אין דרום־אפריקע, פאַרשנדיק דאָס לעבן און זוכנ־דיק א נייעם שטריך, א נייעם קלאַנג אין אונדזער לעבן, — האָב איך, צו מיין איבערראַשונג, אויסגעפונען, אז עס איז דאָ נאָך אַ מין פנים, וועגן וועלכן איך האָב לחלוטין ניט געוווסט.

עס איז דאָ אַ פנים וואָס הייסט „אַ פּאָוקער־פּייס". דאָס איז ניט סתם אַ פאַרשטעלטער פנים פון א מענטשן, וואָס איז אחד בלב ואחד בפה.

דאָס איז אַ פנים, וואָס האָט געגומען יאָרן איידער עס האָט זיך איינגעאיבט און אויסגעדרעסירט צו פאַרוואַנדלען זיך אין א מצח זונה, וואָס ווייס פון קיין שאַנד ניט.

דאָס איז אַ פנים פון אַ ספינקס, אַ פנים פון שטיין, וואָס קיין נערוו זיינער באַוועגט זיך ניט. אזא פנים „בלאָפט" אומפאַרשעמטערהייט. ער קען אויסטאָן אַן אָרעמאַן נאַקעט, צונעמען פון אים די לעצטע פרוטה.

אָט די דאָזיקע אנטדעקונג האָט מיר ממש געעפנט די אויגן צו זען און צו פארשטיין זאַכן, וועלכע איך האָב ביז איצט ניט געזען און ניט פאַרשטאַנען.

איך האָב, למשל, קיינמאָל ניט פארשטאַנען, ווי אזוי קען דאָס געמאָלט זיין, אז מענטשן, וועלכע לעבן א פאַרשווענדעריש לעבן אויפן חשבון פון דער פראַ־צע און שווייס פון אָרעמע לייט, וועלכע זיי עקספּלואַטירן ביז זיי פאַלן אונטערן יאָך, — ווי אזוי קענען אָט די זעלבע מענטשן שטעלן זיך בראש פון אזעלכע באַוועגונגען, וואָס זיינען באַרופן צו באַפרייען די וועלט פון שקלאַפן־ארבעט.

ווי אזוי קענען אָט די דאָזיקע וואַמפירן שטעלן זיך אומפאַרשעמט אויפן פלאַטפאָרם און פריידיקן פערזענלעכע פרייהייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט פאר יעדן איינעם ?

איך האָב זיך שטענדיק געוווּנדערט, ווי אזוי קענען מענטשן, וועלכע זיינען אין זייער פריוואַטן לעבן ניט רעליגיעז, ציניקער מיט טרוקענע הערצער,ליידיק פון וועלכע עס איז הייליקע געפילן, — ווי אזוי קענען אזעלכע מענטשן שטיין און מיט פאַרגלאָצטע אויגן פריידיקן רעליגיע ?

מענטשן מאַטעריאַליסטן — פריידיקן אידעאַליזם ; מענטשן, וועלכע זיינען אליין קולטורלאָז — שטייען בראש פון קולטור־באוועגונגען.

איך האָב זיך תמיד געוווּנדערט, ווי אזוי קענען מענטשן מיט פארשטאַנד און זעלבסט־רעספּעקט זיך שטענדיק ווייקן אין אַ בלאָטע פון פאַלשקייט און קאָרופּציע, פארדאָרבנקייט און גייסטיקער פּראָסטיטוציע ? ווי אזוי קענען זיי דאָס טאָן ?

ווי אזוי קענען זיי זיך אזוי פארשטעלן, פאַרמאַסקירן זייער פנים ? און צוליב וואָס טוען זיי דאָס ? צוליב וועלכע נוצן ?

איצט ווייס איך דעם ענטפער. דאָס איז, ווי ביי קאָרטן. דאָס איז, ווי פּאָוקער־שפּיל — אַ וויסטע תאווה רחמנא ליצלן.

ביי די דאָזיקע „קאָרטן־שפּילער" איז די גאַנצע וועלט אַ „קאָרטן־פּאַרטי", און דאָס גאַנצע לעבן — אַ „פּאָוקער"־שפּיל. וואָס מיר מאָראַל־שמאָראַל, עטיק־שמעטיק ?

דער עיקר אין לעבן איז צו קריגן אַ גוט געאיבטן, א גוט אויסגעטרעניירטן „פּאָוקער־פּנים״. ווען איינעם געלינגט איינצושאַפן זיך דאָס אמתע פּאָוקער־פּנים, איז ער מובטח מיט עולם הזה און עולם הבא. ער ווערט דער געבענטש־טער מנהיג פון זיין סביבה.

דער דאָזיקער פּאָוקער־שפּיל איז איצט אין מאָדע אומעטום, ביי אלע פעל־קער און אין אלע לענדער. דעריבער איז די מאָראַל אויף דער גאַנצער וועלט אזוי נידעריק געפאַלן. דעריבער לעבט די וועלט דורך אזא גרויסן קריזיס.

מיר יידן האָבן לעצטנס אויך אָנגעהייבן צו מאָדערניזירן זיך.

מיר האָבן אָנגעהייבן נאָכטאָן די פארדאָרבענע מידות פון דער וועלט, און אַ פּאָוקער־פּנים האָט אָנגעהייבן פארנעמען פּאָזיציעס אויבנאָן אין געוויסע ספערן פון אונדזער לעבן.

זיי, די פּאָוקער־פּנימער רייסן זיך אויבנאָן, און — אַ מחנה טרובאַדורן שטייען גרייט זיי צו דינען.

גאָט זאָל אונדז היטן פון דעם דאָזיקן פּאָוקער־פּנים. אונדזער גאַנצער כח איז תמיד באשטאַנען אין אונדזער „יידישן פּנים״. ווו נאָר מיר זיינען פאַר־וואָגלט געוואָרן, האָבן מיר שטענדיק געזוכט אַ „יידיש פּנים״.

איבערהויפּט איצט, נאָכן גרויסן נס פון ווידערגעבורט פון אונדזער פאָלק אין אונדזער לאַנד, דאַרפן מיר זיך רייניקן.

נאָכן געבורט מוז קומען אַ רייניקונג פון טומאה... דאָס איז די יידישע קאָנצעפּציע.

לאָמיר זיך רייניקן פון דער טומאה פון גלות. לאָמיר באנייען אונדזער יידיש פּנים אויף אַ פּנים, וואָס אויף אים זאָל רוען די שכינה, — אַ פּנים, וואָס איז א צלם אלהים.

דאָס לעצטע דוכנען

דאָס איז דאָך געווען גאָר נישט לאַנג צוריק, און אין דער זעלבער שול.

ראש השנה און יום כּפּור איז די שול געווען פול מיט יידן פון פארשייי־דענעם עלטער. עס זיינען געזעסן זיידעס צוזאַמען מיט זייערע זין און אייי־ניקלעך. אנטקעגן זיי זיינען געזעסן, אויבן אין ווייבער־שול, די באָבעס מיט זייערע טעכטער און אייניקלעך. די שול־בענק, אונטן און אויבן, זיינען געווען פארנומען משפּחותווייז.

די באָבע און די מאַמע האָבן מיט זייערע אויגן געציילט די פאַמיליע־מיטגלידער אונטן, און דער זיידע און דער טאַטע האָבן געציילט די פאַמיליע־מיטגלידער אויבן.

האָט קיינער פון דער פאַמיליע ניט געקענט ארויסדרייען זיך פון שול. מען האָט נישט געוועלט מצער זיין טאַטע־מאַמע. מען האָט זיך געשעמט צו קומען שפּעט אין שול. „וואָס וועט דער זיידע זאָגן" — האָט מען געטראַכט. עס האָט עקסיסטירט אַ באַזונדער אחריות־געפיל.

די שול איז ראש השנה און יום כּפּור געווען אַ זאַמל־פּונקט פאר יידישע פאַמיליעס. זיי פלעגן צוזאַמען מתפּלל זיין פאר אַ גוטן יאָר פאר דער גאַנצער פאַמיליע, אז קיינער זאָל חס ושלום נישט געמינערט ווערן.

די דאָזיקע משפּחה־איבערגעגעבנקייט און ליבע האָט אָנגעפילט די שול מיט אַ מיסטישער הייליקייט. די בלישטשענדיקע אייגעלעך מיט די שיינענדיקע פּנימלעך פון די קינדער־מלאכימלעך, וואָס האָבן, ווי פיל־פאַרביקע בלימעלעך אראָפּגעקוקט פון עזרת־נשים, און די מזרח־וואַנט אין שול מיט די שורות פון גרייז־גראָע בעלי־בתים, צווישן זיי לומדים, מיטן גרייז־גראָען רב בראש — האָבן צוזאַמען דערגאַנצט און פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס בילד פון אַן עדה יידן, פון אַ קהילה קדושה.

דאָס איז געווען אַ גאַנצער וועזן, אַ גאַנצער גוף מיט אַ גאַנצער נשמה. איין יידיש האַרץ האָט געקלאַפּט אין טאַקט מיט אומצאָליקע פריערדיקע דורות. די מחיצות צווישן דעם יחיד און דעם ציבור זיינען פארשוווּנדן: אַ פאָלק איז געשטאַנען און זיך מתיחד געווען מיט זיין גאָט.

אזוי האָט דאָך אויסגעזען די זעלבע שול ראש השנה און יום כּפּור נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק.

גיט מען אָבער אַ קוק היינט — זעט מען, ווי אלץ האָט זיך אין שול געענדערט.

איינציקווייז, איינציקווייז זיינען די זיידעס און די באָבעס פארשוווּנדן. די מזרח־וואַנט אין שול איז ליידיק. נישטאָ מער די גרייז־גראָע לומדים, און

די אמונה פון די טאַטעס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיי אַליין קומען שפּעט אין שול, און זייערע קינדער לאָזן זיי איבער אויפן שול־הויף זיך שפּילן. דער עזרת־נשים איז נישט אינגאַנצן פול באַזעצט, און עס זעען זיך נישט מער פון דאָרטן די פּנימלעך פון די שיינינקע קינדער.

מיטן פאַרשווינדן פון די זיידעס און באָבעס איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן דער צוזאַמענבונד, וואָס פלעגט צונויפברענגען אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע אין שול אריין.

עס שפּירט זיך ניט מער די קדושה, וואָס פלעגט אַלעמען באַגייסטערן. בלויז שאָטנס פון דורות זיינען נאָך געבליבן; און די דאָזיקע שאָטנס שלעפּן זיך נאָך און זיי שלעפּן אריין די דאָזיקע יידן אויף אַ פּאָר שעה אין שול אריין...

פאָריקן ראש השנה איז מיר באַשערט געווען בייצוזיין אַ סצענע אין שול, וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

פאַר שופר־בלאָזן האָט דער גרייז־גראָער רבֿ געהאַלטן אַ דרשה דורכגעפלאָכטן מיט מוסר און תשובה־געדאַנקען. די דרשה איז געווען אין דער בחינה פון אַ יערלעכן חשבון־הנפש פאַרן יחיד און פאַר קהל. האַרציק און ליריש האָט זיין שטימע זיך צעגאָסן איבערן שול, און זי האָט געוועקט פאַרשלאָפענע הערצער צו תשובה און צו לייטערונג. צום סוף פון זיין דרשה האָט ער זיך ספּעציעל געווענדט מיט אַ הייסן רוף צו די כוהנים און געבעטן זיי זאָלן דוכנען. ער האָט בקול רם דערקלערט, אַז די אָנגענומענע מיינונג וועגן דעם, אַז די, וועלכע זיינען מחלל שבת טאָרן ניט דוכנען, — איז ניט קיין ריכטיקע. ווייל — האָט ער דערקלערט — דוכנען און בענטשן די יידן איז אַ ספּעציעלע מצווה, אַ פּריווילעגיע, אַ זכות, וואָס גאָט אַליין האָט מזכה געווען די כוהנים, און — זיי טאָרן ניט אָפּזאָגן זיך פון דעם.

דער אַלטער רבֿ האָט גערעדט צו די כוהנים מיט אַ טאָן פון תחנונים. זיין רוף איז געווען זייער רירנדיק. עס האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז דאָסמאָל וועלן די כוהנים פאָלגן און דוכנען.

דורכגעדרונגען מיט אַ הייליקער פייערלעכקייט האָט דער קהל געזאָגט דעם למנצח און זיך צוגעהערט צום שופר־בלאָזן, און נאָכדעם געדאַווענט מוסף.

די תפילה בציבור האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין כוואַליע. די מתפללים מיטן חזן האָבן זיך באַהעפט אין זינגען די טראַדיציאָנעלע ניגונים. אַ קורצע ווײַלע האָט זיך געדאַכט, אַז די פליגלען פון דער שכינה פלאַטערן איבערן גאַנצן קהל. נוסח און טראַדיציע פון פאַרגאַנגענע דורות האָבן פאַראייניקט אַלע מתפללים. דער ניגון האָט געשוועבט דורך די תפילות און פּיוטים, מיטציענדיק מיט זיך די געמיינדע.

דער חזן האָט זיך דערנענטערט צום סוף פון מוסף, צו דער תפילה, ווען די כוהנים הייבן אָן זיך מכין זיין צום דוכנען. אַ סך כוהנים זיינען אַרויס פון שול. מען האָט געמיינט, אַז זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, ווי דער מנהג איז, אויסצוטאָן די שיך און וואַשן זייערע הענט צום דוכנען, און זיי וועלן באַלד צוריק קומען. אָבער בלויז צוויי אַלטינקע כוהנים זיינען צוריקגעקומען, און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָבן זיי זיך דערשלעפּט צום ארון קודש.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די דאָזיקע טראַגישע סצענע. איך האָב קיין מאָל נישט געקענט בייזיין ביי אַ גוסס. עס איז שרעקלעך צוצוקוקן דעם לעצטן קאַמף צווישן לעבן און טויט. עס דערשיטערט צו זען, ווי די נשמה צאַפּלט זיך ארויסצוגיין פון גוף, און ווי דער גוף ווערט פארלאָשן.

עס איז אָבער א סך שרעקלעכער צו זען די גסיסה פון דורות־געפלעגטע קולטורעלע ווערטן. דאָס איז נישט די גסיסה פון אַ יחיד, פון אן איינצעלנעם מענטשן. דאָס איז אַ גסיסה פון דורות־איינגעוואָרצלטע אמונות, וואָס זיינען גערייניקט געוואָרן דורך טייכן טרערן, און זיינען געצערטלט געוואָרן דורך מיליאָנען הייסע און גלויביקע הערצער... א נשמה פון אַ פאָלק צאַפּלט זיך ארויסצוגיין... און דאָס האָט מיך אויפגעשוידערט.

איך האָב זיך דערמאָנט די גאָר נאָענטע פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז דאָך פאַרגעקומען אַנומלט, אין דער זעלבער שול: דער שטח פאַרן ארון קודש איז געווען פול מיט כוהנים — אַלטע, יונגע און גאָר יונגע. די כוהנים האָבן געזונגען צוזאַמען מיטן חזן פריילעכע ניגונים, און דער קהל האָט מיט זיי מיטגעזונגען. די ברכות פון די כוהנים האָבן געטריפט, ווי טוי אויף אלע אָנוועזנדיקע אין שול.

איצט אָבער שטייען פאַרן ארון קודש צוויי ציטערנדיקע איינגעדארטע אלטיטשקע זקנים.

דער חזן רופט אויס: כוהנים!

די צוויי שאָטנס ביים ארון קודש איינגעהילט אין טליתים דרייען זיך אויס צום קהל, און — שאַ, שטיל! אפילו דאָס שעפּטשען פון זייערע לעפצן הערט זיך נישט.

דער חזן זעצט פאָר: יברכך ה׳, וישמרך!

אָבער אין קול ואין עונה; די צוויי שאָטנס שאָקלען זיך שווייגנדיק.

אַ ציטער גייט דורך. דער עולם שטייט ווי פאַראַליזירט. קיינער זאָגט ניט דעם „רבונו של עולם״.

דער חזן זעצט פאָר: יאר, ה׳, פניו, אליך, ויחנך!

אָבער זיין שטימע וואַנדערט איבערן שול פאריתומט, זוכט איר תיקון... נישטאָ קיין אָפּרוף.

מיטאַמאָל דערזע איך אַ בר־מצוה בחורל שטייט אַנטקעגן די צוויי שאָטנס און ער שמייכלט. יאָ, איך דערקען דעם דאָזיקן בחורל. זיין זיידע איז געווען דער צום מערסטן געאַכטער כוהן אין דער זעלבער שול. ער פלעגט אלע יאָרן זיין דער ערשטער עולה לדוכן צו זיין באגלייט מיט זיינע זין און אייניקלעך. זיין זינגען ביים דוכנען האָט זיך שטענדיק אויסגעטיילט פון די אַנדערע.

איצטער איז דער דאָזיקער זיידע א שוכן עפר, און זיין אייניקל שטייט איצט און שפּאָט אָפּ פון דוכנען. און אָט איז דעם בחורלס פאָטער — דער זון פון יענעם פרומען כוהן. ווען אלע כוהנים האָבן פארלאָזן די שול, איז ער דאָרט געבליבן. ער איז אָבער ניט ארויפגעגאַנגען דוכנען. ער איז געשטאַנען עקשנותדיק אויף זיין אָרט מיטן פנים צו דער וואַנט. ער האָט פאַרשטעלט זיין פנים מיט ביידע הענט. ער ווייסט, אז זיינע קינדער שטייען איצט און שפּאָטן

אָפּ פון דוכנען... ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט ער צוזאַמען מיט זיין פאָטער געדוכנט! עס דאַכט זיך אים, אז זיין פאָטער שטייט דאָ אין שול און מאָנט פון אים צו טאָן זיין חוב...

דעם חזנ׳ס שטימע האָט געמאָנט: ישא, ה׳, פניו, אליך, וישם, לך שלום! אָבער די שאָטנס האָבן זיך ניט אָפּגערופן.

פון ווייבער־שול האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף אויפן קול: אוי, ווייּ, וואָס פון אונדז איז געוואָרן! און — עס האָט זיך דערהערט דאָס כליפּען פון אלטן גרייז־גראָען רב...

* * *

דער חזן האָט גיך פארענדיקט די תפילות. דער עולם אין שול האָט זיך געפילט דערשלאָגן, און האָט זיך געאיילט צו אנטלויפן פון שול. אין דרויסן האָבן זיי זיך שנעל ארייגעכאַפּט אין זייערע אויטאָמאָבילן און פאַרשווונדן, ווי נאָך אַ לוויה...

מען דאַוונט מעריב...

די לעצטע צייט איז מיר אויסגעקומען גאַנץ אָפּט צו גיין אין די אָוונטן מנחם אבל זיין. האָב איך דאָרט אַנטדעקט גרויסע עדות יידן שטייען און דאַוונען מעריב.

און זיי דאַוונען לויט דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן נוסח און שטייגער, ווי יידן פלעגן דאַוונען אין ליטע און אין פוילן.

פאַרשטייט זיך, אז ניט אומעטום איז דאָס זעלבע. עס ווענדט זיך אין וואָסער הויז מען דאַוונט. אין א רייכן הויז איז עס אנדערש ווי אין א הויז פון מיטלשטאַנד; אין אַ מיטלשטאַנד הויז אין אנדערש, ווי אין אַן אָרעם הויז.

עס ווענדט זיך אויך וואָס פאר א סאָרט מענטש דער נפטר איז געווען, — אַן איידעלער, אָדער א פּשוטער ייד, אַן אָרטאָדאָקס׳שער, אָדער א ליבעראַלער ייד.

עס ווענדט זיך אויך אָן דעם רב, רעווערענד, אָדער אָן דעם חזן, וואָס פירט אָן מיט די תפילות.

ענלעך צו דעם, ווי אמאָל אין ליטע און אין פוילן זיינען געווען פאַרשיידענע „שטיבלעך״ פון פאַרשיידענע חסידים, און יעדעס שטיבל האָט געהאַט א ספּעציפישע אייגנאַרטיקייט, — אזוי האָבן אויך די דאָזיקע „אבלים־מנינים״ יעדערער זיין אינדיווידועלן כאַראַקטער.

דער הצד השווה פון זיי איז, אז דאָרטן דאַוונען גרויסע און קליינע גרופּעס יידן. זיי דאַוונען מעריב מיט כוונה.

איך פיל, אז עס איז כדאי צו פאַרצייכענען אייניקע פון די דאָזיקע מנינים, וואָס איך האָב געזען. אפשר וועט דאָס קענען ברענגען נוצן דעם קומענדיקן היסטאָריקער פון דרום־אפריקאַנער יידנטום.

פאַרוואָס זאָל זיך שאַפן אַ פאַלשער איינדרוק, אז די דרום־אפריקאַנער יידן האָבן שוין ביי היינטיקן טאָג אויפגעהערט צו דאַוונען?

* * *

הויז נומער איינס

דאָס צימער, ווו די תפילות קומען פאָר, איז ניט גרויס. אַלמערס מיט ספרים און פאַמיליע־בילדער פאַרשטעלן די ווענט. דער נפטר איז געווען איינער פון די געציילטע אַלטע היימישע לומדים אין יאָהאַנעסבורג.

מיט פופציק יאָר צוריק איז ער צוזאַמען מיטן גרויסן אימיגראַנטן־שטראָם געקומען קיין דרום־אפריקע. צוזאַמען מיט אלע אימיגראַנטן האָט ער זיך גע־

ראנגלט מיט די כוואַליעס פון היגן לעבנס־ים. סוף־כּל־סוף איז ער געקומען צו אַ ברעג. ער האָט זיך דערשלאָגן צו עפּעס.

אין משך פון די פופציק יאָר האָט ער געהאַט פאַרשיידענע צייטן, גוטע און שלעכטע. אים איז אָבער געלונגען איינצוהיטן זיין אייגנאַרטיקייט. ער איז געבליבן אַ גאַנצער ייד. ער האָט זיך ניט ניוועלירט מיטן דרום־ אפריקאַנער לעבן. זיין הויז איז געווען אַן אינדזל אין מיטן ים. דאָרטן האָט ער זיין אייגן לעבן געלעבט. דאָס דאַזיקע צימער איז געווען ביי אים אין דער בחינה פון אַ בית מדרש. דאָ האָט ער צענדליקער יאָרן געדאַוונט און געלערנט.

דער עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער, איז דאָס רוב געווען אַ בית־מדרשדיקער. די קינדער פון נפטר זיינען געווען דאָקטוירים. דעריבער זיינען עטלעכע זייערע דאָקטוירים־קאָלעגן אויך געווען אָנוועזנדיק.

דער רב איז געקומען, און ער איז געווען דער שליח צבור. דער גאַנצער עולם האָט מיט־געדאַוונט.

דער סקאַרבאָווער און אומעטיקער נאָקטוראַלער מעריב־ניגון האָט ווי אַ האַרבסט־ווינט דורכגעשניטן דעם חלל פון שטוב, און דער עולם האָט זיך געשאָקלט, ווי דיביימער שאָקלען זיך פון ווינט.

נאָכן דאַוונען האָט זיך דער עולם אויסגעזעצט איבער משניותן, און דער רב האָט געלערנט אַ פּרק משניות. אַ גרייז־גראָער מאַן, וואָס איז געזעסן קעגנ־איבער דעם רב האָט מיט אַ קרעכץ אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז מסתמא דאָס לעצ־טע מאָל, וואָס תורה ווערט געלערנט אין דעמדאָזיקן הויז".

יאָ, אפנים אַז ער איז געווען גערעכט. איך האָב זיך ארומגעקוקט און גע־זוכט די זין פון דעם נפטר. איך האָב זיי ניט געפונען אין דעם צימער, ווו מען האָט געלערנט. זיי זיינען געזעסן אין אַן אַנדער צימער און געשמועסט מיט זייערע דאָקטוירים־קאָלעגן. זייער פאָטערס וועלט איז פאַר זיי פרעמד. די קייט פון דורות האָט זיך איבערגעריסן...

* * *

הויז נומער צוויי

די תפילות קומען פאָר אין עס־צימער. די ווענט זיינען באַהאַנגען מיט בילדער פון אַן אומבאַשטימטן כאַראַקטער. דער וואַנט־שפּיגל איז איבערגע־דרייט. אַ לאַנגער טיש אין מיטן צימער איז ארומגערינגלט מיט שטולן. ביי דער וואַנט, אין אַ ווינקל זיצט די אלמנה, ווי פאַרשטיינערט. אַ טיפער טרויער פילט אָן די לופט. די טראַגעדיע איז זייער גרויס: עס איז דאָ געשטאָרבן דער פאָטער אין די מיטעלע יאָרן, און האָט איבערגעלאָזן יונגע יתומים. די יתומים שטייען צעשראָקענע.

אַ „רעוורענד" איז אריינגעקומען און אָנגעהייבן דאַוונען מעריב. דער עולם מורמלט־נאָך די תפילות. דעם „רעוורענדס" שטימע קלינגט טרויעריק

און פאַריתומט. ער ענדיקט דאַוונען און די קינדער זאָגן קדיש. די מוטער ברעכט אויס אין אַ יאָמער.

די תפילות האָבן זיך געענדיקט. דער עולם בלייבט אַ ווײַלע שטיין. עס איז שווער צוצוגיין דריקן די האַנט פון דער יאָמערנדיקער אלמנה. מען פאַר־רויכערט סיגאַרעטן און ציגאַרן. דער צימער ווערט פול מיט רויך. פון דעם רויך זעט זיך דער שוואַכער פלאַם פון די ברענענדיקע „נשמה־ליכט"...

שטיל, אין טרויער, ווי שאָטנס שאַרן זיך די מענטשן ארויס פון שטוב.

* * *

הויז נומער דריי

די תפילות קומען פאָר אין אַ ברייטן רייך־מעבלירטן צימער. אײן אלמער אין צימער ציט־צו די אויפמערקזאַמקייט פון אייניקע מתפללים. אין דעמדאָזיקן אַלמער געפינט זיך אַן אויסשטעלונג פון צענדליקער „מיניאַטור ווײַן און בראַנפן פלעשלעך". דאָס איז די נייסטע מאָדע — דערקלערט מיר איינער פון די מתפללים. פאַרוואָס עפּעס דווקא ווײַן און בראַנפן־פלעשלעך? — ווייסט ער ניט צו דערקלערן.

דאָס צימער איז פול מיט אַ גרויסן עולם. עס פילט זיך אָבער ניט קיין טרויער־שטימונג. דער נפטר איז געווען זייער אַ רייכער מענטש, און זײַן פאַמיליע איז גוט באַזאָרגט. אויפן פרישן קבר איז קיין טרער ניט געפאַלן. קיינער האָט אים ניט מספיד געווען.

דער נפטר איז געווען אַ גרויסער „ביזנעס"־מאַן. ער האָט געלעבט „ביזנעס"־מעסיק, אָן סענטימענטן; און אזוי איז ער „ביזנעס"־מעסיק געבראַכט געוואָרן צו קבורה. קיינער פון זײַנע קינדער האָט ניט מחלל געווען די „ביזנעס"־אַטמאָספערע, וואָס האָט ארומגערינגלט די עדה „ביזנעס"־מענטשן, וואָס זײַנען געקומען צו דער לוויה.

אויך ביים מעריב־דאַוונען האָט געהערשט אַן אַטמאָספערע, וואָס איז געווען פריי פון סענטימענטן. שטיל און רעספּעקטפול האָבן אלע מתפללים נאָכגע־פאָלגט דעם חזן און דעם „רעוורענד". קעגן זייער ווילן האָבן זיי זיך געמוזט צוהערן צו די פּאַטעטישע ווערטער פון תהילים:

„די וואָס פאַרזיכערן זיך אויף זייער פאַרמעגן, און מיט זייער גרויס עשירות רימען זיי זיך. זיי טראַכטן ביי זיך, זייערע הייזער זײַנען אויף אייביק, זייערע וווינונגען — אויף דור־דורות..."

„זאָלסט ניט מורא האָבן, ווען עמעצער ווערט אַן עושר, אז די רייכקייט פון זײַן הויז ווערט פאַרמערט. וואָרום ביי זײַן טויט וועט ער גאָרניט מיטנעמען, זײַן רייכקייט וועט ניט נידערן נאָך אים".

„מען לייגט זיי, ווי שאָף אין דער אונטערערד, דער טויט טוט זיי פּיטערן..."

אָבער די ווערטער פון תהילים און דער נאָקטוראַלער טאָן פון „רעוורענד" האָט ניט געמאַכט קיין רושם. עס איז ניט געשאַפן געוואָרן קיין טרויער־שטימונג.

נאָך די תפילות האָבן אַלע געדריקט די הענט פון די אבלים, וועלכע האָבן מיט אַ גוטהאַרציקן שמייכל באַדאַנקט די מתפללים. די פרויען האָבן זיך גע־קושט מיט זיי...

ארויסגייענדיק פון דאָרטן, האָב איך געפילט, ווי איך וואָלט געווען ערגעץ אויף אַ וואָקזאַל. צוגן קומען, צוגן גייען אָפּ. דער נפטר איז אוועקגעפאָרן מיטן לעצטן צוג, און דער עולם איז געקומען בלויז געזעגענען זיך מיט אים...

* * *

הויז נומער פיר

די נפטרת איז געווען אַ באַוווסטע פילאַנטראָפּישע טוערין. זי איז געווען אַקטיוו אין אַ סך וווילטעטיקע אַנשטאַלטן. אַ גרויסער עולם, מערסטנטייל פרויען, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן צו די מעריב־תפילות. אין ברייטן עס־צימער אויפן קאַמאָד ברענען צוויי ליכט אין שבתדיקע לייכטערס. דער מאַן פון דער נפטרת קלאָגט און וויינט. ער קען זיך ניט באַרואיקן. ער באַקלאָגט זיין איידע־לע און גוטע פרוי, וואָס איז פון אים אוועק אויף אייביק, און ער באַוויינט אויך די שבתדיקע לייכטערס...

די דאָזיקע לייכטערס האָט די נפטרת געקראָגן אַ חתונה־געשאַנק פון זיין באָבען. איבער פערציק יאָר האָט זיין פרוי, די נפטרת, געצונדן שבת־ליכט אין די דאָזיקע לייכטערס, און איבער זיי אַ ברכה געמאַכט. ווער וועט איצט, נאָך איר טויט, אין זיי שבת־ליכט צינדן? ווער וועט איבער זיי אַ ברכה מאַכן?

יאָ, ער האָט טעכטער און שניר, אָבער זיי האַלטן ניט פון ליכט־בענטשן.

ער פאַרגייט זיך אין אַ געוויין. ער וויינט אויף דעם, וואָס די גאָלדענע ירושה־קייט האָט זיך איבערגעריסן.

דער רב איז געקומען און האָט אָנגעהייבן דאַווענען מעריב. דער עולם האָט נאָכגעפאָלגט. אַלע האָבן געדאַווענט שטיל.

דריי דורות

(מיר בלייבן אָן יורשים)

אַנומלט איז מיר באַשערט געווען צו טרעפן זיך ביי איין טיש מיט דריי דורות, נעמלעך: מיט אַ זיידן, אַ זון און אַ דערוואַקסענעם אייניקל.

היות, ווי דאָס איז געווען בין כסה לעשור, צווישן ראש השנה און יום כפור, איז אונדזער שמועס געווען מעניני דיומא — וועגן שול, וועגן רבנים, חזנים, וועגן דאַווענען און וועגן דעם אינהאַלט פון געוויסע תפילות.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן „ונתנה תוקף", וואָס איז ביז היינטיקן טאָג נאָך אַלץ פאַררעכנט פאַר דער חשובסטער תפילה.

אפילו דאָ, אין דרום־אפריקע, באַמערקט זיך אין די שולן אַ ספּעציעלע ערנסטע באַציאונג מצד די היגע מתפללים צום „ונתנה תוקף".

ווער רעדט נאָך, — די חזנים!

זיי קערן וועלטן מיט חזנישן רעטשיטאַטיוו, מיט אימפּראָוויזאַציעס און גיסן אויס דאָס הארץ און נשמה אין זייער „זאָגן" א.ז. אין זייער ריידן דורך נגינה.

האָבן מיר זאַלבעפערט, ד.ה. די דריי דורות און איך, פּרובירט קלאָר מאַכן, וואָס אייגנטלעך איז דער „ונתנה תוקף"? פאַרוואָס זיינען אַלע אזוי פאַרצי־טערט פאַר דער דאָזיקער תפילה מערער, ווי פאַר אַנדערע?

* * *

ערשטער דור

דער זיידע האָט, רייבנדיק און קנייטשנדיק דעם שטערן, אָנגעהייבן דער־ציילן, ווי אזוי יידן האָבן אַמאָל, מיט זעכציק און פינף־און־זעכציק יאָר צוריק, געזאָגט ונתנה תוקף. ער האָט דערציילט וועגן די געשרייען און געוויינען, וואָס האָבן אָנגעפילט די שולן בעת דער דאָזיקער תפילה.

ער האָט דערציילט, ווי אזוי יעדער ייד און יידענע אין יענע יאָרן האָבן געגלייבט בוכשטעבלעך אין יעדן וואָרט פון דער תפילה. זיי האָבן באַשיינ־פּערלעך געזען פאַר זיך דעם רבונו של עולם, ווי ער זיצט אויפן כסא הכבוד ארומגערינגלט מיט מלאכים, און ער משפט איטלעכן באַזונדער, און ער פּסקנט אָפּ ווער עמען אַ גוט יאָר און וועמען אַ שלעכט יאָר; און — אַלץ הענגט אויף אַ האָר. יעדעס וואָרט איז וויכטיק, יעדע מחשבה איז דעצידירנדיק. דעריבער איז יעדערער געווען פול מיט פחד פארן יום הדין. דאָס איז געווען פאַר יעדן איינציקן אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג...

ווען איטלעכער האָט ארויסגערעדט „מי ימות? מי לא בקיצו? מי באש? מי במים? מי בחרב? מי ברעב? — האָט ער דאָס ממש געזען פאַר זיינע אויגן. ער האָט געזען אלע מעגלעכע קאַטאַסטראָפעס, וואָס לויערן אויף אים, אויף זיין קינד, אויף זיינע נאָענטסטע; און — אַ טויט־שרעק פלעגט אים באַפאַלן.

דאָס איז געווען די סיבה פאַרוואָס ביים „ונתנה תוקף" איז די שול פול געוואָרן מיט שרעקלעכע יללות.

אזוי איז געווען אין די אַמאָליקע צייטן, מיט צוויי־דריי דורות צוריק.

און דער זיידע דערציילט, אז ער גופא, ווען ער איז געווען אַ קינד, האָט ער אזוי טאַקע געגלייבט. דאָס איז געווען דער גלויבן פון דעם דור.

אָבער, ווען ער איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך באַקאַנט מיט דער השכלה־ליטעראַטור, האָט ער געביטן זיינע אָנשויאונגען וועגן אַ סך זאַכן, און ער איז אוועקגעגאַנגען אויף אנדערע וועגן.

כאָטש ער היט אָפּ ראַט השנה און יום כפור, ער גייט אין שול און דאַוונט מיט אלעמען צוגלייך, איז אָבער זיין צוגאַנג און די אָנגענומענע אָפּשאַצונג פון די רעליגיעזע ווערטן געוואָרן אַן אַנדערע.

ווי אַ משכיל און ווי אַ ראַציאָנאַליסט, באַטראַכט ער דעם אָנגענומענעם פאָלקס־גלויבן אין א יום הדין — אין וועלכן אלע באַשעפענישן ווערן געמשפּט פאַר זייערע מעשים — ווי א טייל פון יידישן פאָלקלאָר; און דער „ונתנה תוקף" איז א לירישער עפּאָס, וואָס איז באַזירט אויף דעם דאָזיקן פאָלקס־גלויבן. דער דאָזיקער עפּאָס איז פאַרפאַסט געוואָרן מיט 950 יאָר צוריק דורך אַ גרויסן פּאָעט רבנא קלונומוס, וואָס האָט געשטאַמט פון א באַוווסטער פאַמי־ליע פּאָעטן, לומדים און חכמים.

אַ חוץ דעם, ווייסט ער, איז דער „ונתנה תוקף" באַצירט מיט א לעגענדאַ־רישן עפּאָס וועגן קידוש השם. ער ווייסט די לעגענדע, וואָס דערציילט, אז דער מחבר פון „ונתנה תוקף" איז איינער רבי אמנון פון מאַגענצאַ, וועלכער איז גע־ווען באַגאַבט מיט אלע מעלות: מיט שיינקייט, מיט חכמה און מיט עשירות. האָט דער קעניג פון מאַגענצאַ מיט זיינע שרים געוועלט צווינגען אים צו שמדן זיך און אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אז דאָס וועט זיי קיינמאָל ניט געלינגען, האָבן זיי פאַר גרויס כעס אים פאַרפייניקט, אָפּגעהאַקט זיינע פינגער פון די פיס און פון די הענט. אָפּגייענדיק אין בלוט האָט מען רבי אמנון געבראַכט ראש השנה צו מוסף אין שול אריין. דאָס איז געווען פונקט פאַר דער „קדושה". האָט רבי אמנון מיט זיינע לעצטע כוחות מתפלל געווען די דאָזיקע תפילה „ונתנה תוקף", און מיטן פאַרענדיקן די תפילה האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

דער זיידע האָט דערציילט, אז אין די פויליש־רוסישע מחזורים איז די דאָזיקע לעגענדע געדרוקט צוזאַמען מיטן „ונתנה תוקף"; און איצט, ווען אלע יידן אין שול זאָגן אויפן קול אָט־די תפילה, לייענט ער — דער משכיל — די לעגענדע און ער געפינט דאָרט געשיכטע, פאָלקלאָר און אינספּיראַציע.

דאָס, וואָס עס איז געווען ביי די פריערדיקע דורות א בלינדער נאַאיווער גלויבן, איז ביי אים, דעם משכיל, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מקור פון ליטע־

ראַרישער קונסט און הייליקער אצילות באַגאָסן און באַשטראַלט מיט רוח הקודש און געהייליקט דורכן גאַנצן פאָלק אין אַלע דורות.

אזוי האָט אָפּגעשאַצט דער זיידע דעם „ונתנה תוקף". אזוי האָט פאַר־שטאַנען דער ערשטער דור פון די משכילים.

* * *

צווייטער דור

דער זון — דער צווייטער דור — האָט שמייכלענדיק צו זיין פאָטער אויס־געדריקט גאָר אַן אַנדער געדאַנק. פון דער נאַטור איז ער רעליגיעז געשטימט. ער איז עמאָציאָנעל אין אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן פאָלק אין די ספערן פון זיינע גייסטיקע און פאָלקסטימלעכע שאַפונגען.

אָבער ער איז אַ מאָדערנער וועלטלעכער מענטש. ער קוקט אויף אַלץ אַרום אים מיט אַ פּראַקטישן אויג. ער געפינט אין „ונתנה תוקף" אַ וועלט מיט וויזיע, אַ וועלט מיט פאַנטאַזיע; ער געפינט דאָרט ליריק, דראַמע, עפּאָס און געזאַנג, וואָס קען דינען פאַר אַ רייכן מאַטעריאַל אויפצושטעלן אַ גראַנ־דיעזן פילם, — אַ פילם, וואָס וועט אַנטפּלעקן אַ טיפע טראַגיק פון לעבן.

ביז איצט האָבן די יידישע מוזיקאַלישע גאונים אַליין געווידמעט זייערע פעאיקייטן צו פאַרוואַנדלען דעם „ונתנה תוקף" אין אַ געטלעכער סימפאָניע, אין וועלכער עס הערט זיך געזאַנג פון מלאכים.

איצט דאַרפן קומען די גרויסע יידישע גאונים אין דער דראַמאַטישער קונסט און דראַמאַטיזירן דעם „ונתנה תוקף".

דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער תפילה שטעלט פאָר, ווי גאָט זיצט אויפן כסא הדין; פאַר אים ליגן אָפן ביכער, אין וועלכע עס זיינען פאַרשריבן אַלע מענטשן. איטלעכער האָט זיין בלאַט, וווּ עס געפינט זיך זיין אייגענע אונטער־שריפט. פון זיך אַליין בלעטערן זיך די בלעטער אין די ביכער. ניט־זעעוודיקע הענט שרייבן און חתמענען. מיסטעריעזע שטימעס לייענען אַרויס פון די בי־כער. עס הערט זיך אַ בלאָזן פון אַ שופר. אַ קול דממה דקה הערט זיך. מלאכים איילן זיך. מלאכים ציטערן און פלאַטערן. פון אַלע זייטן שטייען מלאכים און פּליסטערן: „הנה יום הדין!" און לאַנגע ענדלאָזע שורות מענטשן ציען זיך פאַרביי פאַר דעם כסא הדין.

און עס הייבן זיך אָן פונאַנדערוויקלען 365 בלעטער פאַר די 365 טעג פון קומענדיקן יאָר. יעדער בלאַט דערציילט פון שמחות און טרויער, פון פאַר־געניגן און צרות, פון גליקן און אומגליקן — בילדער נאָך בילדער פון גראָען אַלטעגלעכן לעבן; קאָמעדיעס און טראַגעדיעס; שטילע וואַסערן און שטור־מישע ימען; גרינע לאָנקעס און ערד־ציטערנישן; געבורטן און טויטן; שרפות און מגפות; מלחמות און רעוואָלוציעס.

דאָס גאַנצע בילד פון מענטשלעכן טראַגישן לעבן וויקלט זיך פונאַנדער אין דער דאָזיקער תפילה פון „ונתנה תוקף".

דאָס איז אַ תּפֿילה פֿול מיט באַװעגונג, מימיק, זשעסט, געזאַנג און שפּיל, װאָס בעט זיך צו פֿילמירן. בלויז די קינאָמאַטאָגראַפֿישע קונסט קען דאָס דראַמאַטיזירן. דער „ונתנה תּוקף" װאָלט דעמאָלט געקראָגן זײַן ריכטיקן תּיקון.

אַזוי האָט פֿאַרענדיקט דער זון. אַזוי האָט פֿאַרשטאַנען דעם „ונתנה תּוקף" דער צװייטער דור — דער דור פֿון װעלטלעכקייט און פּראַקטישקייט.

* * *

דער דריטער דור

דער דריטער דור, דער דערװאַקסענער אייניקל, איז געזעסן די גאַנצע צייט און האָט זיך צוגעהערט צום שמועס. און װען דער זיידע האָט אים געבעטן זאָגן זײַן מיינונג, האָט ער זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. ער האָט פּשוט ניט געװוּסט, װאָס צו זאָגן, װײַל ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט װעגן דעם.

װעגן יידישן פֿאָלקלאָר האָט ער קיינמאָל נישט געהערט.

ער האָט געלערנט װעגן דײַטשישן און װעגן דעם ענגלישן פֿאָלקלאָר, און אַפֿילו װעגן באַנטו־פֿאָלקלאָר, אָבער — קיינמאָל נישט װעגן יידישן פֿאָלקלאָר. זײַן מאַמע האָט אים נישט געהאָדעװעט. שװאַרצע דינסטן האָבן אים געהאָדעװעט און פֿלעגן אים פֿאַרװיגן מיט זייערע באַנטו־לידער און מעשׂיות.

קיין העבֿרעאיש פֿאַרשטייט ער ניט כּדי ער זאָל קענען אָפּשאַצן די פּאָעטישע שיינקייט פֿון „ונתנה תּוקף". די יידישע געשיכטע איז אים ניט באַקאַנט. דעריבער קען ער נישט ריכטיק אָפּשאַצן די אינטערפּרעטאַציע פֿון זײַן זיידן.

זײַן פֿאָטערס צוגאַנג צום „ונתנה תּוקף" קען ער יאָ באַגרײַפֿן. אָבער ער װייסט נישט, צי דער אינהאַלט פֿון דער דאָזיקער תּפֿילה איז גענוג רײַך צו ציִען אַ גרױסן עולם.

יעדנפֿאַלס, ער האָט װעגן דעם נאָך נישט געטראַכט; און דעם אמת זאָגנדיק, איז ער ניט שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דעם. ער איז נישט באַרייט ערנסט צו טראַכטן װעגן דעם.

אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט מיט אַ ביטול און װידער־װילן, איז ער אַנטשװיגן געװאָרן. עס איז געקומען אַ מאָמענט פֿון אַ דערדריקטן שװײַגן.

דאָס שװײַגן איז איבערגעריסן געװאָרן דורך דעם אייניקלס אַ חבֿר, װאָס איז אַרײַנגעקומען און געבראַכט די לעצטע ספּאָרט־נײַעס. דער אייניקל האָט אויפֿגעשטראַלט פֿון שׂמחה.

* * *

איך האָב זיך איבערגעקוקט מיטן זיידן און מיטן זון. אונדזערע בליקן האָבן זיך געטראָפֿן, און — מיר האָבן זיך קעגנזײַטיק פֿאַרשטאַנען. מיר זײַנען באַהערשט געװאָרן דורך אַ געפֿיל פֿון האָפֿנונגסלאָזיקייט: „מיר בלײַבן אָן יורשים!..."

איבעריק...

די רעליגיעזע, ווי אויך די וויסנשאַפטלעכע וועלט האַלטן פון דעם כלל, אַז עס איז ניטאָ קיין איבעריקע זאַך אויף דער וועלט. אַלץ איז נייטיק: „לא לתוהו בראה״.

איך ווייס ניט אויף וויפל ווייט דער דאָזיקער כלל איז אויסגעהאַלטן אין דער ניט־יידישער וועלט. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ביי די אומות העולם איז טאַקע אַלץ נוצלעך און נייטיק. קיין זאַך איז ניט איבעריק.

ביי אונדז יידן, אָבער, איז אַנדערש, ווי ביי דער גאַנצער וועלט. איך זיץ איצט צווישן מיינע ספרים און באַטראַכט אונדזער דרום־אפריקאַנער יידישן לעבנס־שפּיגל. זע איך אין אים, אַז כמעט די גאַנצע ירושה פון אונדזער פאַר־גאַנגענהייט איז ביי אונדז געוואָרן איבעריק.

מיין בליק פאַלט אויף מיין ספרים־שראַנק. אָט איז ש״ס, דער תלמוד בבלי, — דער דאָזיקער גרויסער און ברייטער יידישער לעבנס־קוואַל, פון וועלכן עס האָבן אַזויפיל דורות יידן געשעפּט זייער גייסטיק לעבן. און אָט זיינען די מדר־שים, וועלכע האָבן דורות־לאַנג געדינט ווי רייכע וויינגערטנער און גרינע לאָנ־קעס פאַר די יידישע ברייטע פאָלקס־מאַסן, ווו זיי פלעגן, נאָך טעג און וואָכן פון שווערער ארבעט און מי, קומען זיך דערפרישן גייסטיק; אָט איז די משנה תורה פון רמב״ם; אָט זיינען די טורים, דער שולחן ערוך, די אויסגעפּרוווטע שטאַרקסטע פעסטונגען, וועלכע האָבן באַשיצט דורות יידן פון אונטערגאַנג.

מיינע בליקן פאַלן אויפן זוהר, אויף די דרוש־ און מוסר־ספרים, אויף חקירה־ און השכלה־ספרים, וועלכע האָבן דורות לאַנג באַפרוכפּערט דאָס יידי־שע לעבן און שאַפן.

אָט די אַלע אוצרות פון יידישער נשמה און אינטעלעקט זיינען איצט אין דרום־אפריקע איבעריק. קיינער, קיינער דאַרף זיי ניט. די גאַנצע תורה שבעל פה איז איבעריק, נוצלאָז.

אויך די תורה שבכתב איז געוואָרן איבעריק. אַנשטאָט דעם תנ״ך באַנוצט מען זיך מיט ערזאַץ. מען בייט אויס דעם פאָלקסטימלעכן פּאָפּולערן און ליבן חומש אויף שלעכט־פאַבריצירטע פאַרקירצטע מעשהלעך, וואָס האָבן ניט קיין יידישן טעם־און־ריח. דעם ליבן פאָלקסטימלעכן סידור, וואָס איז געוועזן דורות לאַנג דער שטענדיקער באַגלייטער פון יעדן יידן, ווו נאָר ער האָט זיך גע־קערט, — פאַרבייט מען מיט אַ געזאַנג־בוך „הבה נגילה״...

די נביאים זיינען איבעריק און די כתובים זיינען אוודאי און אוודאי איבע־ריק! אַנשטאָט תורה שבכתב און שבעל פה, באַגנוגנט מען זיך מיט בר־מצווה און בת־מצווה.

* * *

ווען גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו די יידן ביים בארג סיני און האָט זיי פאַרגעלייגט מקבל צו זיין די תורה, האָבן די יידן גלייך געענטפערט „נעשה ונשמע!" — מיר וועלן טאָן און מיר וועלן הערן. און ווי־נאָר זיי האָבן דאָס ארויסגערעדט, זיינען געקומען מחנות מלאכים מיט קרוינען און זיי האָבן באַקרוינט יעדן יידן מיט צוויי קרוינען, איינעם פאר „נעשה" און איינעם פאר „נשמע".

אין משך פון אַ סך הונדערטער יאָרן האָבן יידן מקיים געווען דעם „נעשה ונשמע". יידן האָבן געטאָן יידישקייט במעשה. זיי האָבן געטאָן מצוות און מעשים טובים.

יידן האָבן געהערט דעם קול התורה. זיי האָבן געלערנט הלכה און אגדה. אלע יידן האָבן זיך פארזאמלט אין די בתי מדרשים און זיך צוגעהערט צו זייערע דרשנים און מגידים, רעדנערס און מטיפים.

האָבן די צוויי קרוינען פון „נעשה ונשמע" געלויכטן איבער די יידישע קעפּ. זיי האָבן באשטראַלט דאָס יידישע לעבן אומעטום.

איצט, ביי אונדז אין דרום־אפריקע, האָבן אונדזערע יידן אראָפּגעוואָרפן פון זיךביידע קרוינען. ניטאָ מער קיין „נעשה".

פּראַקטישע יידישקייט איז כמעט אינגאַנצן פארשוואונדן געוואָרן. אלץ איז געוואָרן איבעריק. בלויז ערזאץ איז איבערגעבליבן.

אנשטאָט דעם עצם אָפּהיטן שבת, איז געבליבן א „חברה שומרי שבת". אַנשטאָט כשרות — „אַ חודש פון כשרות". אנשטאָט צו גיין אין שול און קומען אין קאָנטאַקט מיט די תשמישי קדושה, איז מען יוצא מיט אן אויסשטעלונג פון פּרוכתן, עטרות און ספר־תורה־מענטעלעך ערגעץ־ווו אין אַ זאַל.

ווער ווייס? אינגיכן וועלן מיר מן הסתם האָבן א חברה פון מניחי תפילין און פון מנשקי מזוזה...

פון „נעשה" איז כמעט גאָרניט געבליבן. אויך פון „נשמע" האָט מען אויפגעהערט האַלטן. זייער ווייניק יידן קומען הערן די „סערמאָנס" אין די שולן, די לעקציעס אין די זאַלן. די גרעסטע און די בעסטע פריידיקער און רעדנער קענען איצט ניט צוציען דעם יידישן עולם. ביידע קרוינען, פאר נעשה און פאר נשמע, באשיינען ניט מער די יידישע קעפּ.

אזוי ווי די מצוות, אזוי זיינען די לעקציעס איצט איבעריק. אלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט תורה־יידישקייט, איז דאָ איבעריק.

* * *

אנשטאָט אַ לעבעדיקער, דינאַמיש־פּולסירנדיקער יידישקייט, האָבן אונדזערע דרום־אפריקאַנער יידן א יידישקייט פון אנשטאַלטן.

עס זיינען פאראַן רעליגיעזע אנשטאַלטן, שיינע און רייך־געבויטע שולן. עס זיינען פאראַן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע און פּאָליטישע אנשטאַלטן. עס זיינען אויך דאָ א סך דערציונג־אַנשטאַלטן.

די דאָזיקע אנשטאַלטן זיינען די איינציקע איבערבלייבענישן פון היסטאָרישן יידנטום. אָבער אויך די דאָזיקע איבערבלייבעכץ וואַקלט זיך.

ניט לאַנג צוריק איז ביי אונדז פאָרגעקומען אַ טראַגיש־מעלאַנכאָלישער ספעקטאַקל.

אין דער יידיש־ענגלישער פרעסע איז פאָרגעקומען אַן איבעררייד צווישן אַ פרעסע־רעפּאָרטער און די שול־באַאַמטע: דער רעפּאָרטער האָט דערציילט, אז די שולן זיינען שבת לייידיק, און די שול־באַאַמטע האָבן דאָס אָפּגעלייקנט. אַ געוויסע צייט פלעגן ביים דאַוונען פאָרקומען ציילונגען: אלע האָבן געציילט די צאָל דאַוונערס אין די שולן.

ווען דער דאָזיקער פּסיכאָז פון ציילעניש אין די שולן האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך אין דער יידיש־ענגלישער פרעסע אָנגעהייבן באַוויזן מעלדונגען וועגן דער ארבעט פון די יידישע באַאַמטע אין די ניט־רעליגיעזע אנשטאַלטן. דאָס, וואָס עס האָט געטראָפן צו די רעליגיעזע אנשטאַלטן, האָט געטראָפן אויך צו די וועלטלעכע אנשטאַלטן. די שולן האָבן זיך אָנגעהייבן פילן איבעריק. סוף־כל־סוף זיינען זיי נייטיק בלויז פאר די ימים נוראים...

האָבן זיך אויך די וועלטלעכע אנשטאַלטן דערפילט איבעריק, — ווייל זיי דאַרף מען נאָך ווייניקער האָבן...

דעריבער האָבן די רעליגיעזע באַאַמטע געפונען פאר נייטיק צו דעמאָנסטרירן זייערע פאַרדינסטן אין זייער ארבעט. נאָך זיי האָבן די באַאַמטע פון די אנדערע אנשטאַלטן אויך געטאָן דאָס זעלבע.

ווייל, ביידע, סיי די רעליגיעזע און סיי די וועלטלעכע יידישע באַאַמטע, האָבן אָנגעהייבן פילן, אז זיי ווערן איבעריק...

איך האָב אנומלט געהאָט אַ שמועס מיט איינעם פון די גרעסטע יידישע עסקנים אין דרום־אפריקע. האָט ער מיר, ווי אַ מסיח לפי תומו, דערציילט, אז אין די שטעט און שטעטלעך פאַרלאַנגט מען איצט, אז מען זאָל צו זיי ניט שיקן קיין באַצאָלטע רעדנער, לעקטאָרן, קאָלעקטאָרס. זיי פאַרלאַנגען, אז בעלי־בתים, יוסטע גבירים זאָלן צו זיי קומען, וועלן די „פאָנדן" אַ סך פון דעם געווינען...

יאָ, יידישע קולטור, יידישע אינטעליגענץ איז איבעריק. איבעריק זיינען די געלערנטע יידן. אין אונדזער לאַנגן גלות־לעבן זיינען מיר יידן באַטראַכט געוואָרן דורך די גויים אַלס איבעריקע.

איצט איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור יידן אין דרום־אפריקע, וואָס באַטראַכט יידישקייט בכלל און די טרעגער פון יידישקייט בפרט, פאַר אַ זאַך, וואָס איז אינגאַנצן איבעריק.

אונדזערע גרויסע וועלט־שונאים האָבן אומגעבראַכט אַ גאַנצן דור יידן, און מיר גופא זעען ניט און פילן ניט, אז מיר יידן, מיט אונדזערע אייגענע הענט, ברענגען אום די יידישקייט פאַר אלע קומענדיקע דורות!

אָפּגעזונדערט און איינזאַם

כמעט אַלע יידן אין שטאָט קאָנען מר. באַלאַבאַן. אַלע ווייסן, אַז ער איז אַ ייד אַ למדן, אַ משכיל, אַ מלא וגדוש. אָבער מען קען אים ניט פאַרשטיין. זיין אויפפירונג איז עפּעס אַ מאָדנע; ניט ווי אַלע מענטשן פירט ער זיך אויף. מען טרעפט אים שטענדיק אַ האַלב־פאַרחלומטן. ער איז אַ מענטש, וואָס איז פאַרטיפט אין זיך, און האָט ניט קיין אינטערעס אין קיין זאַך, וואָס אַרום אים.

אַז מען רעדט צו אים, מען פרעגט אים עפּעס, — מאַכט ער זיך תמעוואַטע. אַז, כדומה למשל, איינער פרעגט אים: „פונוואַנען קומט אַ ייד?"

— „פון וואַנען אַלע מענטשן קומען".

— „פון וועלכן לאַנד?"

— „פון יידנלאַנד".

— וואָס איז זיין מסחר, זיין באַשעפטיקונג? — ער „דרייט זיך".

— וואָס הייסט?

— „אַלץ אויף דער וועלט דרייט זיך: די ערד דרייט זיך, דער עולם הגלגלים דרייט זיך, — דרייט ער זיך אויך".

האָט ער עפּעס אייגנס? — „יאָ, דלד־אמות אויפן בית עולם".

האָט ער אַ משפחה? — „דאָס איז אַ פּריוואַטער און אינטימער ענין" — איז זיין ענטפער.

אָט אַזוינע ענטפערס באַקומט מען פון אים — ענטפערס, וואָס שטויסן אָפּ פון אים.

אין עפנטלעכע ערטער, אויף פאַרזאַמלונגען, אָדער אין אַ וועלכער עס איז געזעלשאַפט, געפינט מען אים שטענדיק פאַרטיפט אין אַ זשורנאַל, אָדער אין אַ בוך. דאַכט זיך, אַז ער זעט ניט און באַמערקט ניט קיינעם.

קענען אים די מענטשן ניט פאַרשטיין: ס'טייטש, היתכן, אַ למדן און אַ גרויסער געלערנטער זאָל קיינמאָל ניט האָבן, וואָס צו זאָגן? פאַרוואָס שווייגט ער שטענדיק?

זיי מאַכן אָבער אַ טעות. מר. באַלאַבאַן איז ניט אַזאַ גרויסער שווייגער, ווי זיי מיינען. צייטנווייז רעדט ער גאָר אַ סך. אַמאָל טרעפט, אַז ער רעדט צופיל.

מר. באַלאַבאַן איז אַן אָפּטער באַזוכער אין אַ קליינעם קרייז פון לומדים און משכילים. אין דעמדאָזיקן קרייז פילט ער זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער. דאָרט ווייזט ער אַרויס זיין חכמה און זיין וויסן.

גאַנץ אָפט האַלט ער לעקציעס פאַר דעם קרייז, פאַרשיידענע לעקציעס וועגן אַקטועלע און ניט־אַקטועלע פּראָבלעמען, וועלט־פּראָבלעמען און ספּעציפיש יידישע, ארץ־ישראל און גולה, א.א.

מר. באַלאַבאַן באַהאַנדלט אלע פּראָבלעמען ערנסט און זאַכלעך. בלויז, ווען ער רעדט וועגן איצטיקן דרום־אפריקאַנער יידנטום, בייט ער זיין געוויינ־לעך ערנסטן טאָן אין אַ האַלב־הומאָריסטישן, האַלב־סאַרקאַסטישן.

לויט זיין אָפּשאַצונג שטייט דאָס אַפריקאַנער יידנטום אויף אַכצן זאַכן: פינף אבות און דרייצן תולדות. די פינף אבות זיינען: ראש השנה, יום כפור, פסח, ברית, בר־מצווה.

די דרייצן תולדות זיינען: תלמוד תורה, שוחט, שול, ראַבאַי, קאָנגרעגיי־שאָן, קאָמיטע, קידושין, קידוש, קבורה, קדיש, קאָנפערענץ, קאָנגרעס, קאַמפּיין — ריכטיק דרייצן. די אבות און תולדות צוזאַמען מאַכן אויס אַכצן, ח״י צום לעבן.

מר. באַלאַבאַן האַלט, אז די היגע יידישקייט בכלל, איז ניט די זעלבע יידיש־קייט פון דער אלטער היים. דאָרט איז יידישקייט געווען די נחלה פון יעדן יחיד. דער פּרט האָט מקיים געווען די תורה און מצוות. יעדער ייד איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן יידישן גלויבן.

דאָ, אין דרום־אפריקע, אָבער ווערט יידישקייט פּראַקטיצירט דורכן ציי־בור. דאָס איז אַ קאָלעקטיווע יידישקייט. דער קאָלעקטיוו, דער ציבור דאַוונט אין שול, ער פייערט שבת און יום־טוב אין שול. דער יחיד דאַרף ניט באַזיצן קיין אייגענע תפילין, אַ טלית, אַ סידור, אַן אתרוג און אַ סוכה, ווייל די שול באַזאָרגט אים מיט דעם. דאָס איז א שול־יידישקייט.

אין זיין היים האָט דער יחיד דערמיט ניט צו טאָן. דאָס מיינט צו זאָגן, אז די היגע יידישקייט האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס, וואָס זי דאַרף זיין — אַ רעליגיע פאַרן יחיד, א לעבנס־אָנשויאונג און א לעבנס־וועג פאַרן איינצעל־נעם יידן.

מר. באַלאַבאַן איז אין כעס אויף די היגע רעליגיעזע מנהיגים, וועלכע האַלטן, אז שול־יידישקייט, יידישקייט בציבור, איז גענוג צופרידנשטעלנדיק. ער מיינט, אז אזא צוגאַנג איז שעדלעך און אפילו אוממאָראליש; דאָס איז ניט די טראַדיציאָנעלע יידישקייט, וואָס היסטאָריש גענומען האָט זי ניט קיינע וואָרצ־לען אין דער פאָלקס־נשמה.

מר. באַלאַבאַן פאַרגלייכט די היגע קאָלעקטיווע יידישקייט מיט דער אור־אלטער גריכישער רעליגיע, וואָס איז געווען אַ צערעמאָניאלע און טעאַטראַלע רעליגיע. דער גריכישער קאָלעקטיוו פלעגט פּראַקטיצירן רעליגיע אויף די מאַרק־פּלעצער, אין די גאַסן און אין די פאָלקס־זאַלן דורך טעאַטראַלע פאָר־שטעלונגען. א געוויסע צייט האָט די דאָזיקע טעאַטראַלע רעליגיע זיך געהאַלטן. אָבער היות ווי זי האָט ניט געשלאָגן קיינע וואָרצלען אין גריכישן פאָלקס־לעבן, האָט זי זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון די רעליגיעזע עלעמענטן, און זי איז געבליבן ריינע טעאַטער־שפּיל.

אזוי טענהט מר. באַלאַבאַן.

די מיטגלידער פון קרייז פּרובירן אים באַווייזן, אז ער מאַכט א טעות. זיי ווייזן אָן אויף די באַמיאונגען, וואָס די רעליגיעזע מנהיגים מאַכן מיטן צוציען דעם יידישן עולם, די יידישע יוגנט צו דער יידישער רעליגיע.

אָבער מר. באַלאַבאַן ווערט פון זייערע באַווייזן ווייניק נתפעל. ער פאַר־גלייכט די רעליגיעזע עסקנים דאָ־הי מיט די חדר־ייִנגלעך פון א געוויסן שטעטל אין ליטע, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגערעדט און צווישן זיך באַשלאָסן צו פאַר־טרייבן דעם בייזן קאַלטן ווינטער און צוריק־צו־ברענגען דעם זומער.

וואָס האָבן די ייִנגלעך געטאָן?

זיי האָבן געגנבעט שוועבעלעך פון זייערע היימען און צוזאַמענגעקומען זיך אין א געוויסער שעה אין אַ געוויסן אָרט, און זיי האָבן צוזאַמען גענומען צינדן די שוועבעלעך און געוואָרפן זיי אין דער לופט, כדי אָנצוואַרעמען די לופט, עס זאָל זיין זומער...

יאָ, די רעליגיעזע טוערס דאָ אין דרום־אפריקע זיינען געגליכן צו יענע ייִנגלעך. מיט אַלע זייערע פּרוון צו־צוציען די יוגנט צו דער היגער בציבור־דיקער ייִדישקייט וועלן זיי ניט זיין דערפאָלגרייך, ווייל עס פעלט דער עיקר — עס פעלן וואָרצלען...

דעריבער האַלט ער זיך ווייט פון בית־מדרש, ווייט פון רעליגיעזע מנהיגים און ווייט פון ייִדישן ציבור.

מר. באַלאַבאַן ווייסט, אז זיינע מיינונגען וועגן די היגע ייִדן און ייִדישקייט זיינען ניט פּאָפּולער: ניט די מנהיגים און ניט די מאַסן קענען זיי פאַרשטיין און טאָלערירן. דעריבער לעבט ער אָפּגעזונדערט און איינזאַם.

צייט־מאָטיוון

.1

אין אָנהויב.

...„און גאָט, דער האַר, האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עדן, אין מזרח, און האָט דאָרט אריינגעזעצט דעם מענטשן, וואָס ער האָט געפורעמט.

און גאָט, דער האַר, האָט געמאַכט שפּראָצן פון דער ערד אלערליי ביימער גלוסטיק אָנצוקוקן און זייערע פרוכטן גוט צום עסן; אויך דעם בוים פון לעבן, אין מיטן גאָרטן, און דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס.

און גאָט, דער האַר, האָט אָנגעזאָגט דעם מענטשן, אזוי צו זאָגן: „פון אלע ביימער אין גאָרטן מעגסטו עסן, אָבער פון דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, — פון אים זאָלסטו ניט עסן".

איז די שלאַנג געקומען און האָט אָנגערעדט חוהן צו עסן פון דעם פאַרבאָ־טענעם בוים. חוה האָט זיך געלאָזט איינריידן. זי האָט אליין געגעסן, און זי האָט אויך געגעבן אדמען צו עסן.

און ווי נאָר זיי האָבן געגעסן פון דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, האָט זיך זייער נשמה געשפּאָלטן אין צוויי טיילן. דער מענטש, וואָס איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן צו זיין גוט, האָט געקראָגן אַ שותף: שלעכטס איז געוואָרן זיין מיט־רייזנדער אויף זיין לעבנס־נסיעה. גן־עדן, האַרמאָניע און גליק זיינען צעשטערט געוואָרן. געראַנגל און אומגליק האָבן פאַרנומען זייער אָרט.

גלייך איז פאָרגעקומען דער ערשטער מאָרד: קין האָט געהרגעט זיין ברו־דער הבל. דאָס האָט באַוויזן, אז דער שלעכטער שותף אין מענטשן האָט באַ־קומען די אויבערהאַנט. שלעכטס האָט טריאומפירט.

נאָך דעם חטא פון עסן פון עץ הדעת זיינען געבוירן געוואָרן דורות — דורות פון רוחות און שדים.

...„און די ערד איז פאַרדאָרבן געוואָרן, און די ערד איז פול געוואָרן מיט אומרעכט. ...גאָט האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד. און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: דער סוף פון אלע לייבער איז געקו־מען פאַר מיר, ווייל די וועלט איז פול מיט אומרעכט דורך זיי; און זע, איך ברענג זיי אום מיט דער ערד".

געזאָגט און געטאָן.

אַ מבול פון וואַסער האָט פאַרפלייצט די וועלט, „און עס איז אומגעקומען יעטווידער לייב, וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד. נאָר נח איז געבליבן און אויך די, וואָס מיט אים אין דער תבה".

אָבער נאָכן מבול האָט גאָט חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געטאָן, און געזאָגט: „איך וועל מער ווידער ניט פאַרשילטן די ערד וועגן דעם מענטשן; וואָרום די טראַכטונג פון מענטשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן".

גאָט, כביכול, האָט רעזיגנירט. שלעכטס איז געוואָרן אַ גלייכבאַרעכטיק־טער שותף מיט גוטס. דער מענטש איז געוואָרן אַ מעדיום, אַן אַגענטור פון רשעות. ער האָט אויפגעהערט צו זיין איינער. ער איז געוואָרן צוויי־פּנים'דיק. זיין פערזענלעכקייט האָט זיך געשפּאָלטן אין צווייען.

דזשעקל און הייד

אין דער שוידערלעכער אַלעגאָריע „דר. דזשעקל און מר. הייד" האָט דער גרויסער ענגלישער שריפטשטעלער ר. ל. סטיווענסאָן געשילדערט דעם דאָזיקן דואַליזם אין מענטשן.

דר. דזשעקל האָט אין אַ חלום געקראָגן אַ מיטל, ווי פונאַנדערצוטיילן די עלעמענטן פון גוטס און שלעכטס אין מענטשן. אַלע באַהאַלטענע פּאָטענציאַלן פון שלעכטס אין מענטשנס נשמה האָט דער דאָזיקער מיטל אָפּגעטיילט באַזונדער. דר. דזשעקל מאַכט דעם עקספּערימענט אויף זיך אַליין. ער נעמט איין דעם מיטל. דאָס גוטס אין אים דרעמלט איין, און דאָס שלעכטס אין אים קאָנצענטרירט זיך אין אַ קאָמפּאַקטער פאָרם, וואָס טראַנספאָרמירט אים, דעם איידעלן דאָקטאָר, אין אַ רשע מרושע, וואָס האָט ניט קיינע מענטשלעכע געפילן פון רחמנות, יושר אָדער גערעכטיקייט. ער רופט אים מר. הייד.

מר. הייד פירט דורך די ווילדסטע מעשים תעתועים, און נאָכדעם, ווי ער זעטיקט זיך אָן מיט אַלע תאוות, נעמט ער ווידער איין דעם מיטל פון טראַנספאָרמאַציע און ווערט צוריק דער איידעלער און רעספּעקטירטער דר. דזשעקל.

דזשעקל און הייד לעבן בשלום אין דעם זעלבן גוף. יעדער פון זיי לעבט זיין אייגן לעבן. דזשעקל פּערזאָניפיצירט גוטס, און הייד — שלעכטס. קיינעם פאַלט ניט איין, אז די צוויי קעגנזעצלעכע פּערזאָנען זיינען אין דער ווירקלעכקייט איין פּערזאָן.

מיט דער צייט אָבער קריגט שלעכטס די אויבערהאַנט. דר. דזשעקל פאַרלירט קאָנטראָל איבער זיך. ער ווערט פאַרשלונגען פון חיהשע ווילדקייטן, און קען זיך ניט באַפרייען פון זיי. ניט ווילנדיק, אויטאָמאַטיש, טוט ער אָפּ די גרעסטע פאַרברעכנס; דאָס שדישע האָט מנצח געווען דאָס מענטשלעכע אין מענטשן.

דייטשלאַנד

אין ליכט פון די איצטיקע געשעענישן[1] אין איראָפּע, קריגט די דאָזיקע גרויזאַמע אלעגאָריע אַ גאַנץ באַזונדערע באַדייטונג.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ניט נאָר אַ יחיד, נאָר אויך אַ פאָלק איז צוזאַמענגעשטעלט פון די דאָזיקע צוויי עלעמענטן, גוטס און שלעכטס. די זעלביקע צוויי־פּנימדיקייט.

דאָס דייטשישע פאָלק, וואָס האָט אַ סך יאָרן געשפּילט די ראָלע פון דר. דזשעקל, — אַ פאָלק, וואָס איז געווען דער מוסטער פון ראַפינירטער אינטעליגענץ, אַ לאַנד, וואָס איז געווען באַרימט מיט אירע חכמים, מלומדים, גייסטיקע אַריסטאָקראַטן און קולטורעלע ריזן — אָט דאָס דאָזיקע דייטשלאַנד איז פּלוצלונג טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַן אַפּאָקאַליפּטישער חיה.

איצט שפּילט עס די ראָלע פון מר. הייד. אלץ, וואָס איז געווען גוט און שיין, איז דאָרט פארשוואונדן. דאָס אמאָליקע גייסטרייכע דייטשלאַנד האָט איינגעשפּאַנט איר גאַנצע אינטעליגענץ און חכמה אין דעם וואָגן פון פאַרניכטונג.

מענטשלעכקייט, מענטשלעכע געפילן, ליבע און גלויבן זיינען געוואָרן פאַרבאָטן אין דער אמאָליקער שיינער איראָפּע. זייער אָרט פאַרנעמען איצט בעסטיאַליטעט און אכזריות. שלעכטס האָט באַקומען די אויבערהאַנט. רשעות טריאומפירט.

אויפן יסוד פון בראשית־דערציילונג, האָט פרידריך פאָן שלעגעל, — דער באַוווסטער דייטשישער שריפטשטעלער און היסטאָריקער, — אויפגעבויט זיין פילאָסאָפיע פון דער וועלט־געשיכטע.

שלעגעל האָט איינגעטיילט די מענטשהייט אין צוויי ראַסן: אַ קין־ראַסע און אַ הבל־ראַסע. די קין־ראַסע איז קריגעריש, מערדעריש. די הבל־ראַסע איז שלומדיק און הומאַניטאַר.

אין ליכט פון דער דאָזיקער ראַסן־איינטיילונג האָט ער פּרובירט דערקלערן אלע געראַנגלען און מלחמות אין דער געשיכטע. שלעגעל האָט צוגערעכנט זיין פאָלק, — דייטשלאַנד, — צו דער הבל־ראַסע. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אז עס וועט קומען אַ צייט, ווען זיין פאָלק וועט אריבערשטייגן אפילו קינען אין רשעות.

ווייל אויב מיט קינען איז געבוירן געוואָרן דער באַגריף פון פאַרברעכן, איז אָבער גלייכצייטיק אויך געבוירן געוואָרן דער באַגריף פון געוויסן.

„גדול עוני מנשא“ — מיין געוויסן פּלאָגט מיך צופיל! — האָט זיך קין געקלאָגט; און דאָס איצטיקע דייטשלאַנד לאַכט פון געוויסן.

אַדאָלף היטלער אין זיינע אינטימע שמועסן מיט הערמאַן ראושנינג האָט אויסגערופן:

„וואָס, געוויסן? טפוי! דאָס איז אַ יידישע אויסטראַכטעניש!“

---

[1] געשריבן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און ווייל די מאָראַלישע באַגריפן פון זינד און געוויסן זיינען אַ „יידישע אויסטראַכטעניש", האָט דייטשלאַנד דערקלערט מלחמה דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

2

דאָס אייראָפּעאישע יידנטום

די אייראָפּעאישע פעלקער קען מען איינטיילן אויף: פעלקער, וואָס זיינען כמעט אינגאַנצן ריין פון פאַרברעכנס קעגן יידן, ווי די סקאַנדינאַווישע פעלקער, די באַלקאַנישע (אַ חוץ רומעניע), די אַנגלאָ־סאַקסן און האָלאַנד; אויף פעלקער, וואָס קענען אויפווייזן אין זייער געשיכטע אַ סך יאָרן פון טאָלעראַנץ און אפילו גוטע באַציאונגען מיט יידן, ווי איטאַליע, פוילן, ליטע און פראַנקרייך; און — אויף פעלקער, וואָס האָבן שטענדיק געהאַט גרויס הנאה פון פאַרגיסן יידיש בלוט. דאָס זיינען: דייטשלאַנד, אוקראַינע און רומעניע.

אָנהייבנדיק פון די קרייץ־צוגן מיט די גרויסע שחיטות אויף יידן, דורך די שרעקלעכע פּאָגראָמען און שחיטות נאָך דער „שוואַרצער מגפה", די שפּעטערדיקע רדיפות און גרושים דורך דורות, ביז דעם "וויסנשאַפטלעכן" אַנטיסעמיטיזם, האָט די שנאה צו יידן אין דייטשלאַנד אַלעמאָל געטראָגן דעם כאַראַקטער פון פאָלקס־אויסברוך. דאָס דייטשישע פאָלק, קינד און קייט, האָט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן געהאַט אין מאָרדן יידן, אין חרוב מאַכן און פאַרברענען יידישע קוואַרטאַלן. אויך אוקראַינע, זינט די גזרות ת"ח, איז געוואָרן אַ קלאַסיש לאַנד פון פּאָגראָמען אויף יידן און פון מוראדיקע שחיטות.

עס איז אַ פאַקט, אַז אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען די גרעסטע פּאָגראָמען פאָרגעקומען אין דרום־רוסלאַנד. דאָרטן האָבן אויך גרויסע טיילן פון פאָלק גענומען אנטייל אין דער שחיטה אויף יידן.

פון יאָר 1933 האָט היטלער אָנגעהייבן אַ פאַרניכטונג־מלחמה קעגן יידן; און עס איז שוין מער ווי צען יאָר, ווי די דאָזיקע מלחמה בושעוועט.

גאַנץ אייראָפּע איז איצט פאַר אונדז יידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן שלאַכט־הויז. אַלע יידישע קהילות דאָרטן זיינען שוין אונטערגעגאַנגען, אָדער האַלטן ביים אונטערגיין.

די אומגעקומענע קרבנות ציילן שוין מיליאָנען. די איבעריקע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן.

אין אָנבליק פון די דאָזיקע קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן שטייען מיר פאַרגליווערט אין אַנגסטן. מיר קענען זיך ניט טרייסטן מיטן אַלטן „רעצעפּט" פון צרת רבים חצי נחמה. הגם אַלע פעלקער ליידן איצט מיט אונדז אין איינעם, איז די פראָפּאָרץ פון אונדזערע ליידן אומגעהויער גרעסער.

די איינציקע שטיקל נחמה, וואָס מיר קענען יאָ געפינען, איז דאָס באַוווסטזיין, אַז אונדזערע ברידער און שוועסטער אין אייראָפּע קומען אום צוליב דעם, וואָס זיי פאַרקערפּערן געוויסע אידעען, אַ געוויסע מאָראַלישע וועלט־אָנשויאונג. זיי זיינען מאַרטירער, קדושים.

מיר האָפן און גלויבן, אז היטלערס ממשלת זדון וועט אונטערגיין, און די אידעאַלן פון יושר, הומאַניזם און סאָציאלער גערעכטיקייט וועלן בלייבן אויף אייביק, און מיר, יידן, — די טרעגער פון די דאָזיקע אידעאַלן, — וועלן דער־לעבן בעסערע צייטן.

אָבער דאָס אלץ איז צוקונפט־מוזיק. דערווייל גייט דאָס אייראָפּעאישע יידנטום אָפּ אין בלוט און פיין.

און מיר? וואָס קענען מיר טאָן א חוץ איינקאָרטשען זיך אין טיפן טרויער? אָרדנען מיר איין טרויער־טעג — אזוי איז געווען פאַראַיאָרן, אזוי — אויך דאָס־יאָר.

און גיין גייען מיר צו די טרויער־פאַרזאַמלונגען אלע — פרומע און פרייע, יונגע און אלטע, מענער און פרויען — ווי אבלים אין אַ משפחה. אויף דעם זעלבן אופן האָבן געטרויערט יידן אין אלע דורות, אין אלע צייטן פון וויסטע גזירות רעות.

3

אפריקאַנער יידנטום

וואָס איז דאָס דרום־אפריקאַנער יידנטום? איז דאָס אַ נאַציאָנאַלע גרופּע, אָדער איז דאָס אפשר אַ רעליגיעזע סעקטע?

ראש השנה און יום כפור האָט מען דעם איינדרוק, אז דאָס יידנטום דאָ איז רעליגיעז. כמעט אלע גייען אין די די שולן אריין. אַלע זאָגן מיט גרויס כוונה די ימים נוראים׳דיקע תפילות, ווי אין די אַמאָליקע פרומע קינדער־יאָרן.

אָבער פון מוצאי יום כפור ביז דעם קומענדיקן ראש השנה פאַרשווינדט רעליגיע פון לעבן. עס איז אלזאָ ניט קיין רעליגיעזע געמיינדע.

אפשר א נאַציאָנאַלע?

אין אַ צייט פון ציוניסטישע אַקציעס קען מען טאַקע האָבן אַן איינדרוק, אז דאָס היגע יידנטום איז נאַציאָנאַל געשטימט. די לופט איז פול מיט נאַציאָ־נאַלן עקסטאַז און פראַזעאָלאָגיע. אָבער אויפצומאָרגנס פון „קאַמפּיין" איז אויס מיטן נאַציאָנאַליזם.

מען פייערט ניט אפילו די נאַציאָנאַלע ימים טובים, און ווייניקע אינטערע־סירן זיך מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, ליטעראַטורן, אָדער מיט וועלכע־עס־איז נאַציאָנאַלע ווערטן.

עס איז אלזאָ קיין נאַציאָנאַל יידנטום אויך ניט.

טאָ וואָס־זשע איז עס יאָ?

דאָס דרום־אפריקאַנער יידנטום איז ניט נאַציאָנאַל און ניט רעליגיעז, ווייל דאָס יידנטום אין אַלגעמיין איז ניט קיין נאַציע, ניט קיין פאָלק אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט. און דאָס יידנטום איז אויך ניט קיין רעליגיעזע געמיינשאַפט.

דאָס יידנטום בכלל איז אַ משפחה. אלע יידן פון דער גאַרער וועלט זיינען מיטגלידער פון איין משפחה. די משפּחה איז געווען דער אורשפּרונג, די פּראָ־

טאָפּלאַזמע פון אַלע פעלקער. מיר יידן זיינען געבליבן א פּראָטאָפּלאַזמע. אַ פּאָטער פון פעלקער איז אונדזער גורל צו זיין.

דעריבער איז ביי אונדז יידן אנטשטאַנען דער געדאַנק פון נצחיות, פון אייביקייט. דעריבער זיינען מיר די, וואָס האָבן געשאַפן דעם אידעאַל פון באחרית הימים, פון משיח׳ס צייטן.

די קאָנצעפּציע פון אַ נאַציע אנטהאַלט אין זיך די „מצוות״ פון אונטער־דריקן אנדערע פעלקער דורך מלחמות און פאַרפּאָלגונגען. אָבער די קאָנ־צעפּציע פון משפחה פריידיקט גלייכקייט, ברידערלעכקייט, שלום און האַרמאָניע.

יאָ, מיר זיינען אַ פאַמיליע, און מיר רעפּרעזענטירן דעם פאַמיליע־אידעאַל.

דעריבער זעען פאַשיזם און היטלעריזם אין אונדז זייער גרעסטן שונא — ווייל זייער קאָנצעפּציע איז אבסאָלוטער נאַציאָנאַליזם.

האָט טאַקע דער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום דערשיטערט אלעמען גלייך, און אלע מחיצות צווישן יידן און יידן זיינען פאַרשוואונדן. אין תל־אביב האָבן דרשנים און מגידים אין פּראָקלאַמירטן טרויער־טאָג פאַרגעסן צו ריידן העברעאיש. לעבן דעם „הבימה״־טעאַטער־הויז זיינען טויזנטער יידן געשטאַנען און געהערט דעם יידיש־ריידנדיקן דרשן און זיך צעגאַנגען אין טרערן. אין ניו־יאָרק זיינען די יידישע סאָציאַליסטן געגאַנגען אין דער יידישער טרויער־פּראָצעסיע מיט שווארצע פענער אין די הענט, און דער מאָסקווער אַנטי־פאַ־שיסטישער קאָמיטעט רעדט אין זעלבן נוסח און מיטן זעלבן טאָן, ווי די יידן פון דער גאַנצער וועלט.

ווייל מיר זיינען איין גרויסע משפחה, איין צעזייטע און צעשפּרייטע פאַמיליע.

ר׳ ישראל בעל שם טוב

(צו זיין 250־טן געבוירנטאָג)

אין 18־טן י״ה זיינען געווען וויכטיקע גייסטיקע באוועגונגען, וואָס האָבן גורם געווען צו א רעוויזיע פון אַ סך קולטור־ווערטן.

אין מערב־אייראָפּע זיינען דערשינען אויף דער געשיכטלעכער ארענע גרויסע דענקערס, וועלכע האָבן זיך פארמאָסטן צו באַשאַפן „נייע הימל און ערד״.

דער גרויסער אינטעלעקטועלער ריז, פ. מ. וואָלטער, האָט מיט זיין מעכ־טיקן כוח ארונטערגעריסן די הייליקע הילע פון דער ביבל, פון דער קירך, פון די גלחים און פון די קעניגלעכע אינסטיטוציעס. אונטער זיין שוץ איז אנטשטאַ־נען א גרופּע גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן, מיטן נאָמען „ענציקלאָפּעדיסטן״, וועל־כע האָבן דערקלערט קריג דער אלטער וועלט, די אַלטע ביבלישע שמים וארץ, און זיינען צוגעטראָטן צו שאַפן א נייע וועלט.

אַ צווייטער גייסטיקער ריז, זשאַן־זשאַק רוסאָ, האָט אין דער זעלבער תקופה געפּריידיקט אַ דאָקטרין, אז דער מענטש אין זיין פּרימיטיוון צושטאַנד איז געווען אַ סך גליקלעכער און מאָראַלישער. ער האָט דערקלערט, אז ציוויליזאַציע ברענגט בלויז צו דעמאָראַליזאַציע, און ער האָט גערופן די מענטשהייט זיך צור־ריקצוקערן צו דער נאַטור; ער האָט אידעאַליזירט אַלץ, וואָס עס איז פּרימיטיוו און נאַטוראַליסטיש.

די דאָזיקעביידע ריזן, וואָלטער און רוסאָ, האָבן געפאָדערט אַ שנוי ערכין, אַ רעוויזיע פון די אָנגענומענע גייסטיקע דאָגמעס און ווערטן. וואָלטער׳ס קריטעריע איז געווען די שטרענג־פּעסטע לאָגיק, און רוסאָ׳ס קריטעריע איז געווען: עמאָציע, ראָמאַנטיק און סענטימענטאַלער ענטוזיאזם.

ארום די דאָזיקע צוויי גיגאַנטן האָבן זיך גרופּירט עקאָנאָמיסטן און פיזי־קערס, וועלכע האָבן אויך געפּריידיקט א שנוי ערכין, אַ רעוויזיע פון דער אָנ־גענומענער עקאָנאָמישער סיסטעם.

און די אַלטע וועלט, די וועלט פון אלטערטום און פינצטערן מיטלאַלטער, איז געשטאַנען אַ פאַרציטערטע אין דער אָנוועזנהייט פון די מעכטיקע כוואַליעס, וואָס די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און אידעאַלן האָבן ארויסגערופן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אין דעם זעלבן 18־טן יאָרהונדערט, — אין דער זעלבער תקופה פון שנוי ערכין אין דער ניט־יידישער וועלט פון מערב־אייראָפּע, — איז אויך פאָרגעקו־מען אַ רעוויזיע פון גייסטיקע ווערטן אין דער יידישער וועלט פון מזרח־אייראָפּע.

דער נאָמען פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז — חסידיזם, און דער נאָמען פון איר שאַפער איז ר׳ ישראל בעל שם טוב, וועגן וועמען די געשיכטע האָט אונדז איבערגעלאָזט בלויז אַ לעגענדאַרע ביאָגראַפיע, אַן אויסטערלישן עפּאָס פון חסידות.

* * *

אַ קייט פון ווונדער־מעשיות קייטלט זיך ארום דער געשטאַלט פון בעל שם טוב. נאָר לייענענדיק אויפמערקזאַם זיין לעגענדאַרע ביאָגראַפיע, שיילט זיך ארויס דער געשיכטלעכער קערן און שטייגער־לעבן פון בעל שם טוב.

